VI
1942:240

דוד פרישמאן

מלחמה און שלום

(פעליעטאנען)

פערלאג „אחיספר"
ווארשא

2ko

דוד פרישמאן

מלחמה און שלום

(פעליעטאָנען)

פערלאַג „אחיספר", וואַרשא

Printed in Poland

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942:240
76017

DRUK. SIKORA I MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

אינהאַלט:

		זייט
1)	צער בעלי־חיים	5
2)	הונגער	10
3)	אַכציג טויזענד	15
4)	קאַליקעס	21
5)	פערווילדערונג	27
6)	מלחמות	34
7)	אייביקער שלום	39
8)	דריי זענען זיי געווען	46
9)	פּראָטעסטען	53
10)	קינדער־שפּילעכלעך	58
11)	אינסטינקטען	63
12)	מיטעל־אַלטער	69
13)	פּאָגראָמאָלאָגיע	76
14)	קאָמיסיעס	82
15)	אייראָפּעאיש	88
16)	אַמעריקאַניש	95
17)	דאָלאַרען	102
18)	פּעטערבורג	107
19)	בערלין	113
20)	אַפּאַטיע	122
21)	נאָרמאַל	128
22)	קולטורן	135
23)	יושר	142
24)	דאָס „ווייסע הויז"	148

צער בעלי־חיים.

מיין פריינד שרייבט מיר פון לאָנדאָן: „איינער, אַ מיסטער דזשאָרדזש גרינוואוד, דעפּוטאַט פון׳ם ענגלישען פּאַרלאַמענט, האָט אַריינגעטראָגען די היינטיגע וואָך אַ געזעץ־פּראָיעקט אין פּאַרלאַמענט וועגען די שחיטה. ער פאָדערט, אַז עס זאָל נישט זיין ערלויבט צו שעכטען בהמות און עופות, סיידען מען זאָל זיי פריהער בעטויבען; עס זאָל נישט זיין ערלויבט צו קוילען אַ בעל־חי אין דער געגענוואַרט פון אַ צווייטען בעל־חי; עס זאָל נישט זיין ערלויבט, אַז דאס בלוט פון איין בעל־חי זאָל רינען פאַר די אויגען פון אַ צווייטען בעל־חי אָדער אַז דער ריח פון בלוט זאָל דערגרייכען ביז צו דער נאָז פון אַנדערע בעלי־חיים; עס זאָל נישט זיין ערלויבט צו קוילען אַ בהמה אָדער איין עוף, סיידען מיט אַ כלי אָדער אַ אינסטרומענט, וואָס די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע וועט געפינען פאַר גוט, דאס הייסט: אויב די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע וועט, למשל, אַרויסגעפינען, אז קוילען זאָל מען מיט איין עלעקטרישער מאַשין אָדער מיט אַ האַרמאַט אָדער מיט אַ באָמבע אָדער מיט אַ מויזער־ביקס וכדומה, טאָר די בהמה אָדער דאס עוף נישט אַנדערש געקוילעט ווערען, ווי נאָר מיט די דאָזיגע כלים“.

אַזוי ווייט מיסטער גרינוואוד. מיסטער גרינוואוד איז, נאַטירליך, אַ זעהר ליבעראַלער מענש און ער זאָגט נישט, אַז ער מיינט די אידישע שחיטה. חלילה. דאָס וואָלט זיין נישט ליבעראַל.

מאָדערנער מענש זאָגט שחיטה, סתּם שחיטה, און קוקט אויף די וואַנד — און דעם רעשט וועט מען שוין פערשטעהן. מיסטער גרינוואוד איז, נאַטירליך, אַ מיטגליעד פון דער חברה געגען צער בעלי-חיים. דאס איז אַ חברה, וועלכע דערלאָזט נישט, אַז אַ בעל-חי זאָל, חלילה, האָבען צער. ער האָט אַ ווייך, עדעל האַרץ, וועלכעס קען פראָסט נישט זעהען, אפילו נישט אַ מינוט, אז אַ לעבעדיג בעשעפעניש זאָל ליידען, און זיין רחמנות צע-גיעסט זיך אויף אַלע חיות און בהמות און עופות, פון אַ עלע-פאַנט ביז אַ מילב און פון אַ וויזעלטיער ביז אַ קאַנאַריען-פויגעלע. דאס איז שוין אַזוי די טבע פון יעדען, וועלכער איז אַ מיטגליעד פון דער חברה געגען צער בעלי-חיים. די הויפּטזאַך איז: אַ לעבעדיג בעשעפעניש, אַ פיהלענד וועזען, טאָר נישט און זאָל נישט און דאַרף נישט ליידען!...

ווי איך האָב די דאָזיגע נאַכריכט געלייענט, האָב איך מיך, נישט ווילענדיג, אַ ביסעל פערטראַכט. רבונו של עולם, וואס פאַר אַ שעהן וועלטעל דו האָסט, און ווי עדעל און ווי פיין זענען דיינע מענשען! פערזאָרגט, ברוך-השם, אַלדינג שוין, וואָס צווישען א יין מענש מיט דעם צווייטען, אַז עס איז שוין נישט איבערגעבליבען קיין אַנדערע דאגה מעהר, ווי נאָר זעהען צו מאַכען חיות און בהמות דאס לעבען אַנגענעהם. אַז עס זאָל דאָס נאָך הערען זיך אַ מאָל אַ קרעכץ פון אַ מענש, ווייל ער ליידט פון אַ צווייטען מענשען! אַז עס זאָל דאָס נאָך פאָרקומען אַ מאָל אַ שטיקעל עולה צווישען א יין בן-אדם מיט'ן אַנדערען! מענשען לעבען, כידוע, איינער נעבען דעם צווייטען, ווי די טייבעלעך, עסען זיך פון די שנעבעלעך, גלעטען זיך און האַלזען זיך און קושען זיך איינער דעם צווייטען אָהן איין אויפהער, און צער טהוט איינער נישט אָן דעם צווייטען אפילו נישט אין געדאַנקען — וואָס איז אַ וואונדער, אז אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז נישטאָ קיין אנדער שטיקעל אַרבייט, ווי נאָר צו פערזאָרגען בהמות און עופות און צו גרינדען חברות געגען צער בעלי-חיים? למען-השם, אַז אַ קאַץ זאָל גאָרנישט ליידען און אַ פליג נישט און אַ קאַנארעקעל נישט

און אַ הינדטעל נישט און הויפּטזעכליך איין עוף נישט בײ׳ם שוחט!

ווי ליעב האָב איך געהאַט שוין פון תּמיד אָן אָט די עדלע נשמות, די מיטגליעדער פון די צער־בעלי־חיים־געזעלשאַפטען, וועלכע קענען, נעבעך, ניט זעהן, ווי אַ חיה׳לע אָדער איין עופ׳עלע ליידט! — איך האָב געקענט אַ מאָל איין אַלטען דייטש, אַ מיטגליעד, נאַטירליך, פון אַזא רחמנות־געזעלשאַפט, האט דער דאָזיגער דייטש נישט גע־טשעפּעט קיין פליעג אויף דער וואנד, און נאָר ווען ער האָט געפונען אַ פליעג אין דער זופּ, איז ער געלאָפען אין קיך אַריין צו דער קעכין און האט איהר אויסגעריסען אַ צאָפּ און האט איהר אויסגעלינקט אַ האנד. איך האָב געקענט איין אלטע מאַטראָנע, וועלכע האָט זיך געהאלטען הינדטלעך מיט קעצלעך און האָט געגעהט פּאר זײ טאָג און נאכט שאבראַקלעך און דעקלעך און קישעלעך און האָט זײ געגעבען פון בעסטען און פון שענסטען — נעבעך, אַזא רחמנות אויף גאָט׳ס בעשעפּענישען! — און נאָר ווען איין אָרעמאן איז אריינגעקומען צו איהר, פער־הונגערט און פערפרוירען, האָט זי איהם געלאָזט אַראָבוואַרפען פון אַלע טרעפּען, אז ער זאָל דאס געניק ברעכען. איך האָב געקענט אַ הער, אַ מיטגליעד פון דער רחמנות־חברה, האָט ער געהאט די אויפגאַבע, צו שטעהען אין גאס און אכטונג צו געבען, אז אַ בעל־העגלה זאָל, למען־השם, גאָרנישט ארויפנעהמען אויף זיין פוהרעל, אַ פונט משא מעהר ווי דאס פערדעל בעדארף שלעפען, און אז ער האָט געכאפּט אַ בעל־עגלה, איין אָרעמאן, וועלכער האָרעוועט פאַר ווייב און קינד, ביי אזא עבירה, האט ער איהם אוועקגעשלעפּט אין אוטשאסטאָק און האָט אים גע־לאָזט איינזעצען אויף עטליכע מעת־לעת ביי ברויט און וואסער. און אַ מיניסטער האב איך געקענט — נאטירליך, נישט ביי אונז, באָר ווייט, ווייט, עפּעס דאָרט אין רומעניען — האָט ער געהאט איין עדלע נשמה און אַ ווייך הארץ און איז געווען מיטגליעד פון אלע צער־בעלי־חיים־געזעלשאפטען און עס האט איהם גע־שניטען פראָסט בײ׳ם הארצען צוליעב די בארבארישע שחיטה־מנהגים ביי די בארבארישע אידען, און נאָר ווי עס איז גע־

קומען צו אַ שטיקעל ארבייט פון שלאָגען טשוועקעס אין מענשליכע קעפּ און שליצען בייכער פון לעבעדיגע מענשען און אויסשטעכען קינדער אויגען מיט גליהענדיגע שפּיזען, האָט ער פערגעסען אויף אַ קורצע צייט, אז ער איז אַ מיט-גליעד פון יענע רחמנות-חברות.

וואָס פאר א שעהן וועלטעל מיר האָבען און ווי עדעל און ווי מיטליידיג די מענשען זענען, און הויפּטזעכליך, ווי עהרליך עס איז די דאָזיגע עדעלקייט און דאס דאזיגע מיט-לייד! — והראיה, גאנץ אייראָפּא איז דאָך געגען די גרויזאַמע שחיטה. פון צייט צו צייט, זעהט איהר, כאַפּט זיך עפּעס איין עדעלער מענש אַרויס און עס לאָזט איהם פראָסט נישט שלאָפען ביז ער וועט נישט האָבען נייע געזעצען, ווי אזוי מען דאַרף קוילען איין אָקס און אַ קאַלב און אַ קאַטשקע. איך וואָלט אָבער צו די דאָזיגע בעלי-חיים מוסיף זיין נאך איינעם — אַ איד אויך. סוף-כל-סוף געהער אויך דאָס דאָזיגע בעשעפעניש צו די בעלי-חיים. זאָגט, וואָס איהר ווילט, לויט זאָאָלאָגיע געהער דאָך אויך אַ מענש צו די חיות, און אפילו אַ איד אויך. עס וואָלט כ'לעבען גאָרנישט שאדען, ווען עפּעס אַ דעפּוטאַט, וועלכער קוקט אזוי שטאַרק אויף רחמנות, זאָל אַריינטראָגען אין עפּעס אַ פּאַרלאמענט אַ געזעץ-פּראָיעקט אויך בנוגע צום קוילען פון מענשען. למשל, אַזוי: עס זאָל נישט זיין ערלויבט צו מאכען אַ פּאָגראָם אויף אַ מענש, סיידען מען זאָל איהם פריהער בע-טויבען; עס זאָל נישט זיין ערלויבט צו קוילען אַ קינד אין געגענווארט פון אַ מאמע; עס זאָל נישט זיין ערלויבט, אַז דאָס בלוט פון איין ברודער זאָל רינען פאר די אויגען פונ'ם צווייטען, אָדער אז דער ריח פון בלוט פון איין הרוג זאָל דערגרייכען ביז צו דער נאָז פונ'ם צווייטען, וועלכען מען וועט ערשט הרגע'נען אַ מינוט שפּעטער. עדעלקייט און רחמנות מוז ווערען איינגעפיהרט. דערפאר זענען מיר דאָך ווייכע נפשות, וועלכע קענען נישט סובל זיין קיין יסורים און קיין ליידען פון אַ בעשעפעניש, וועלכעס לעבט און פיהלט. און הויפּטזעכליך: די כלים און די אינסטרומענטען, מיט וועלכע מען בענוצט זיך

ביי אַ פּאָגראָם, זאָלען תּמיד אונטערזוכט זיין פון איין אָרטיגער אַדמיניסטראַציע, אז זיי זאָלען נישט זיין, חלילה, טופּע און זאָלען נישט בחנם פערלענגערען יסורים. אמת, מען קען נישט פערלאנגען, אז דאס מיטלייד זאל זיין אזוי גרויס ווי אויף אַ קאלב און אַ קאטשקע און אַ קאַנאריענפויגעלע — אָבער, ווי די מעשה איז, אַ לעבעדיג, פּיהלענד ווּעזען איז אַ מענש אויך. סוף-כל-סוף איז אויך דאָס דאָזיגע בעשעפעניש, מישטיינסגעזאָגט, אַ שטיקעל בעל-חי!

עס איז אַ שאָד, וואס איך בין נישט קיין מיטגליעד פון אַ צער-בעלי-חיים-געזעלשאפט. איך וואָלט אָנגעקלאָגט פאר איהר דעם עדלען מיסטער דזשאָרדזש גרינוואוד, וועלכער איז, כידוע, גאָרנישט אויסען ווי נאָר מיטלייד מיט גאָט'ס בעשעפענישען, אז אין דער אמת'ען האָט ער דערוויילט „מצער געווען" אַ גאנצע אומה און האָט איהר „אָנגעטהון בחנמ'דיגע יסורים". זאָגט, וואָס איהר ווילט, אויך איין אומה איז אַ בעל-חי, וועלכער לעבט און פיהלט!

הונגער.

ער איז אזוי וואַכעדיג געוואָרען. דער גאנצער אָבשיי פון יענער גרויער און ערנסט-שווערער פּאָעזיע, וועלכע איז א מאָל געלעגען אויפ׳ן ווארט, איז אראב. און קיין וואונדער איז עס נישט: ער איז צופיעל געקומען אין געברויך אריין און איז געווארען א צו אלטעגליכער ארטיקעל, אז מען זאל נאָך קענען האבען דרך-ארץ פאר איהם. ווער זאגט שוין נישט היינט, אז ער הונגערט? עס זאגט אזוי דער סוחר, וועלכער האט נאך זיין גאלדענעם זייגער און רויכערט נאך זיין ציגאר און האלט גראד ביי א קריזיס; און אויך פונ׳ם בעל-הבית, וועלכער וואוינט נאך אין זיינע פינף צימערן, דערצעהלט מען דיר, אז „ער שטארבט דריי מאל א טאג פאר הונגער"; און אפילו דאס פריילין, וועלכע זיצט פאר׳ן קלאוויר און עס פעהלט איהר גראד אויס נאך איין לעקציע, רעדט וועגען הונגער. אויב דאס איז דער אמת׳ער, דער ווירקליכער הונגער? אויב דאס איז דער דאזיגער, ביי וועלכען עס געהט פאראיבער צוועלף שעה און ווידער צוועלף שעה, און דאן גאר א צווייטער מעת-לעת, און דאן אפשר גאר נאך אנדערע 24 שעה זינט דער מענש האט געגעסען, און דער מאגען ברומט און ברומט און די שלייפען האקען אלץ מעהר און דאס פיעבער ברענט אין די אדערן און די באקען ווערען אלץ הויהלער און די אויגען ווערען אלץ איינגעזונקענער? — ניין, מיינע

ליעבע. אויף יעדען געביעט זענען פאַרהאַן עכטע און זענען פאַרהאַן נאָכמאַכער. אייגענטליך, מעהר נאָכמאַכער, ווי עכטע. דער הונגער איז אַזאַ מין לוקסוס, וועלכען עס קען זיך ערלויבען נאָר דער אמת׳ער אָרעמאַן, דער אָרעמאַן פון גאָטס גנאַד. אַלע אַנדערע, די אויך-הונגערער, בענוצען זיך מיט אַ פאַלשער פלאַמבע. די אמת׳ע אָרעמקייט איז אייגענטליך אַזאַ מין פּריווי-לעגירטער שטאַנד מיט בעזונדערע רעכט, פּונקט, ווי להבדיל, דער שטאַנד פון די רייכע מיט זייערע בעזונדערע רעכט. ווען מיר, די, וואָס פערמעגען עפּעס, רעדען פון הונגערן, פערשוועכען מיר נאָר דאָס הייליגע רעכט פון׳ם אמת׳ען גאָט-בעגנאַדיגטען אָרעמאַן. איך האָב מורא, אַז פון הונדערט, וועלכע רעדען-ארויס דאָס וואָרט „הונגער״, ווייסען אפשר ניין און ניינציג נישט, וואָס עס איז אין דער אמת׳ען, אָדער זיי רעדען עס אַרויס און האָבען זיך דערביי נישט איבערגעלעגט, וואָס זיי האָבען דאַ אייגענטליך געזאָגט. איך וואָלט וועלען, אַז פאַר׳ן הונגער פון׳ם עכטען אָרעמאַן זאָל די שפּראַך ערפינדען איין עקסטרא וואָרט, וועלכעס זאָל קיין שום שותפות נישט האָבען מיט יענעם אַנדערען פּאַראַד-הונגער פון די זאַטע און פון די האַלב-זאַטע.

איך האָב מיך אַ מאָל, פאַר אַ סך, אַ סך יאָהרען, צוגעהערט צו אַ געשפּרעך פון צוויי אָרעמע בעטלערס. זיי האָבען זיך אונטער-האַלטען וועגען רייכע און וועגען בריליאַנטען און וועגען טייערע קליידער און וועגען בעלער. מערקווירדיג, וועלכע וואונדערליכע בעגריפען זיי האָבען געהאַט וועגען דעם אַלעם! שיער נישט האָב איך געמוזט לאַכען. זיי האָבען, נעבעך, דאָס אַלעס נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזעהען, און אין זייער פאָר-שטעלונג איז דאָס אַלעס אַרויסגעקומען אַזוי אַנדערש און אַזוי גאַנץ פערקעהרט פון דעם, ווי עס איז אין דער אמת׳ען. איך האָב אָבער מורא, אַז טויזענד מאָל מעהר לעכערליך איז, ווען צוויי רייכע אונטערהאַלטען זיך וועגען הונגער. מען דערקענט דעם פּראַפאַן ביי׳ם ערשטען וואָרט. זיי האָבען אַזאַ מערקווירדיגע און וואונדערליכע פאָרשטעלונג פון יענעם „בריליאַנט״ פון׳ם

אַרעמאַן און ווי ער געהט אין איהם און ווען ער געהט אין איהם; זיי האָבען איבערהויפּט אַזא פאַלשע פאָרשטעלונג פונ'ם גאַנצען לעבען, וועלכעס טהוט זיך אָב ביי יענעם פּריווילעגירטען קלאַס פון דער אָרעמקייט...

איך קען אין דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור נאָר צוויי ביכער, וועלכע האָבען געפּרובט אונז אויסצומאָלען דעם הונגער, דעם אמת'ען, אין זיין גאַנצער שרעקליכקייט. איינס מאָלט דעם הונגער פון אַ כּלל און איינס—דעם הונגער פון אַ יחיד. עמיל זאָלאַ פיהרט אונז פאָר אין זיין „זשערמינאַל" דעם שטרייק אין די קויהלען-גרובען און דעם חדשים-לאַנגען הונגער פון די אַר-בייטער, — אַז אַ שוידער געהט אַריבער איבער'ן רוקען, קנוט האמסון, ווידער, אין זיין בוך „הונגער", ערצעהלט אונז די מעשה פון אַ יונגען מענשען, וועלכער הונגערט, — און ער ערצעהלט עס עס אזוי, אַז די האָהר שטעלען זיך איינעם קאַפּויר. איך וואָלט אָבער וועלען, איך זאָל זיין אַ מענש אַ מיליאָנער און זאָל ליעגען אויף אַ ווייכער קושעטקע נאָכמיטאָג, רויכערנדיג איין עכטע האַוואַנאַ, און זאָל לייענען די דאָזיגע צוויי ביכער—איינציג און אַליין צוליעב דעם צוועק, אום צו האָבען די מעגליכקייט אויס-צופּרובען, וועלכע ווירקונג זיי וואָלטען האָבען אויף מיר דאַן. עס איז כּדאי צו האָבען אַ מיליאָן, אום דאָס צו דערגעהען. איך האָב אָבער מורא, אַז איך וואָלט דאַן די דאָזיגע צוויי ביכער פאָרט אַ ביסעל אַנדערש בעגרייפען און אַנדערש פיהלען, ווי היינט...

פון די אינערע גובערניעס פון גרויסען, געוואַלטיגען רוסלאַנד קומען אונז אָן טאָג-טעגליך די שרעקנאַכריכטען. הונגער. ווי עס ווייזט אויס, איז עס דער עכטער, נישט דער נאָכגע-מאַכטער. מען דערקענט עס אינ'ם שניט. איך לייען וועגען אַ פויער, ביי וועלכען עס שטאַרבען פיער קינדער אין הונגער-טיף און וועלכער פערקויפט אין איין נויט צוערשט זיין בהמה און דאַן זיין איינציג מעדעל און דאַן זיין ווייב פאַר 30 רובל און דאַן דערטרענקט ער זיך אין אַ טייך. מען דערקענט עס אינ'ם שניט: עס איז עכט. איך לייען אַ מעשה פון פּעטערבורג אַליין: איין אַרבייטער הונגערט שוין דעם דריטען טאָג, ער און זיין

ווייב און זיינע צוויי קינדערלעך. דאס ווייב, אַ שעהנע, קען דאס נישט מעהר צוקוקען און האַלט איין עצה מיט איהר מאַן און עס בלייבט, אַז זי זאָל אַרויס אויפ׳ן גאַס און זאָל אַ שעה צוויי-דריי האַנדלען דאָרט מיט איהר פרויען-עהרע. נאָר אַ שעה צוויי-דריי. זי געהט. און ווען זי קומט צוריק, געפינט זי איהר מאַן איין אויפגעהאָנגענעם אויף אַ טשוואָק אין מיטען דער בעלקע. איך האָב נאָר מורא, אַז עפּיס אַ מאָדערנער שריפטשטעלער וועט זיך אַזא טייערען שטאָף נישט לאָזען ענטקומען און וועט אָנ-שרייבען אַ הארצרייסענדע דראַמא — און אין דער לאָזשע פונ׳ם טעאַטער וועט זיצען אַ דאַמע מיט׳ן בינאָקל אין דער ווייסער האַנד און וועט קוקען און וועט פּאַטשען בראַוואָ דעם אַווטאָר און דער מאָדערנער קונסט. קונסט איז פּאָרט אַ שעהנע זאַך. זי גיעט אַזוי פיעל פערגניגען איין עדעלער נשמה. אויב צווישען הונדערט, וועלכע רעדען אַרויס דאָס וואָרט „הונגער״, ווייס וועניגסטענס א יי נ ע ר, וואָס דאָס איז אַ זעלכעס אין זיין גאַנצער שרעקליכער בעדייטונג ?...

און אָט איז ער געקומען, דער הונגער, אויך ביז צו אונז אַראָב און ביז אונזער גאַס אַריין. ער האָט אַזא געמיינעם און פּראָסטען אויסזעהען. אויף גרזיבאָווסקא פאַר׳ן הויז פון דער „גמינע״ שטעהען זיי, די הונגעריגע, שוין זינט עטליכע טעג און שרייען : ברויט ! ברויט ! — און אַלע טאָג מעהר. צוערשט פופציג, דאַן צוויי הונדערט, דאַן פינפהונדערט און דאַן טויזענד. און צווישען זיי אַזוי פיעל עכטע. מען דערקענט זיי אינ׳ם שניט : הויהלע אויגען, אָבגעצעהרטע באַקען, בלויע ליפען... איך האָב מורא — די „נאָוואָיע וורעמיא׳ס״ און די „זעמשטשינא׳ס״ און די פערשידענע „קוריערס״ זענען גערעכט : די אידען כאַפּען אַל-דינג אויס. זיי האָבען ביי די רוסישע פויערים אויך דעם הונגער אויסגעכאַפּט. אַך, דער הונגער ווייס נישט פון קיין פּראָצענט-נאָרמעס ! פּונקט אַזוי וועניג, ווי דער טויט ווייס פון זיי...

אויב די „גמינע״ קען עפּעס העלפען ?... אפשר אַזוי פיעל ווי די רעגירונג קען העלפען איהרע פויערים. אַ ביסעל זעצט מען אוועק „קאָמיסיעס״, זיי זאָלען אַריינקלעהרען אין דער זאַך,

און אַ ביסעל גיעט מען שטיצע. אויך די „גמינע״, אַ ביסעל שטיצט זי און אַ ביסעל זעצט זי אַוועק „זאַך-קענער״. נאַטירליך, נישט זאַך-קענער, וועלכע זענען מבינים אויף הונגער און האָבען צו זאגען, וויפיעל אַ מענש בעדאַרף צו עסען און ווי לאַנג ער מעג פאַסטען וכדומה, נאָר זאַך-קענער — בריות אין עצות-געבען. איך האָב מורא, זיי האָבען אַ שווערען לייענען. מען לעזט נישט אַזעלכע פראַגען „נאַ פּאָטשעקאַניו״. און אין דרויסען וואַרטען די הונגעריגע, און זייער צאָהל וואַקסט פון מינוט צו מינוט. אפשר ווען אַ „גמינע״ וואָלט האָבען אַ ביסעל וועניגער צו טהון מיט איהר אינערער פּאָליטיק און מיט איהרע אינערליכע מלחמות, און אנשטאט דעם וואָלט זי זיך באציייטענס אַ ביסעל מעהר ארויסקוקען אויפ׳ן עולם זעלבסט און אויף זיינע בעדערפענישען, — אפשר וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען, פונקט אַזוי ווי אויך דאָרט, אין יענעם גרעסערען לאַגער.

און דאָך האָבען דאָ, ווי דאָרט, יענע אינערע פּאָליטיקעס מיט די אייביגע העצערייען נישט אויפגעהערט אפילו אין געגענווארט פון דער מאיעסטעט פונ׳ם הונגער. עס האבען עטליכע בלעטער דעם טרויריגען מוט געהאַט צו זאגען, אז יענע הונגער-סצענעס אויף גרזיבאווסקא האָבען זייער פּאליטישען צוועק. אָ, די דאזיגע זאַטע! זיי זענען קיין מבינים נישט אויף עפּעס עכטעס: אויף הוילע אויגען, אָבגעצעהרטע באַקען און בלויע ליפּען...

אבציג טויזענד.

„עס האָט געטהון אָנריהרען דאס בלוט פון טאַטעס אינם בלוט פון זיהן און דאָס בלוט פון באַרמהערציגע מאמעס אינם בלוט פון זייערע קינדערלעך, און צונויפגעמישט האט זיך דאָס בלוט פון חתנים מיטן בלוט פון כלות און דאָס בלוט פון צדיקים מיטן בלוט פון צדיקות׳טעס און בעסטע מאַנסבילען מיט די בעסטע פרויען און אידען מיט אידענעס און יונגע לייט מיט יונגע מעדלעך און שטאָדט-מנהיגים מיט זייערע בעפעהליגטע און ד ײ נ י ם מיט זייערע שרייבערס און מלמדים מיט זייערע תלמידים און דאָס בלוט פון מענער מיטן בלוט פון זייערע ווייבער — אלע צוזאמען זענען אויסגעקוילעט געווארען, און אָט זענען אלע פעלקער בעראכט און בערוהט, און נאָר די אומגליקליכע פון דיין פאָלק ווערען צו נאר געמאַכט... אָ, ערד, פערדעק נישט זייער בלוט און זאל קיין אָרט נישט פריי בלייבען פון זייער קלאג, ביז קוקען וועט גאט און זעהן פונם הימעל אראב און וועט זיך נוקם־זיין זיין נקמה און די נקמה פון זיין פאלק און די נקמה פון זיין תורה און די נקמה פונם בלוט פון זיינע קנעכט, וועלכעס זיי האבען פערגאסען ווי וואסער״...

ווייסט איהר נאָך עפּעס פון דער דאָזיגער פירכטערליכער „סליחה״? — אין פיעל אידישע קהלות ווערט זי געזאָגט אין יום־כפור, און פערפאסט איז זי געוואָרען אין די פינסטערסטע

צײַט פון דער װעלט-געשיכטע — אינם מיטעל-אלטער. אױך איך האָב זי אמאָל געזאָגט, זײענדיג נאָך אַ גאָר קלײן אינגעלע, און איך האָב מיך איבער איהר פערטראַכט. איך האָב דאָס פירכטערלי־כע אין איהר, און דעם גאנצען אינהאלט, פערשטאנען. אבער פאָרגעקומען איז מיר אלעס אַזױ װײט, אזױ װײט. עס איז געװען פאַר מיר אַ מעשה פון פאַר טױזענדער יאָהרען. איך האָב זי געזאָגט, װי איך האָב געזאָגט די „עשרה הרוגי מלכות״ אָדער די קינות פונם חורבן, און אין מײן בעװאוסטזײן האָבען נאכגעקלונגען נאָר קלאַנגען פון צרות פון זעהר זעהר װײטע צײטען — עטװאָס פרעמדעס, װעלכעס איז אמאָל געװען און װעלכעס װעט שױן קײנמאָל מעהר ניט זײן. די װעלט איז דאָך אזױ אנדערש געװאָרען. זי איז דאך אזױ קלוג און געלערנט געװאָרען, און די מענשען — אײדעלער און מיטלײדיגער און מיט אײן אמת׳ען גאָט אין הארצען. אָ, איך נאַריש קינד! אָ, װען עמיצער װאָלט מיר דאן זאָגען, אז איך, איך אלײן, װעל נאך דערלעבען אַ צײט, װאו די דאָזיגע סליחה װעט אױפהערען פאַר מיר צו זײן אַ סליחה און װעט װערען אַ שטיק פון מײן לעבען, און איך װעל זעהען מיט מײנע אײגענע אױגען און װעל הערען מיט מײנע אײגענע אױערען דאס אַלעס, װאָס טהוט זיך אב ארום מיר אין אַ מרחק פון נאָר אַ טאָג-רײזע, און װי „דאס בלוט פון באַרמהערציגע מאמעס מישט זין צונױף מיטן בלוט פון זײערע קינדערלעך און דאס בלוט פון חתנים מיטן בלוט פון כלות און יונגע לײט מיט יונגע מעדלעך און טאַטעס צוזאמען מיט זיהן און לעהרערס מיט שילערס און יונגע מענער מיט זײערע יונגע װײבלעך״! און נישט נאר אַ שטיק פון אײן אלטער סליחה װעט עס זײן, נאר אַ מעשה פון הײנט, הײנט, הײנט! און נישט נאר דאס ביסעל, װאס װערט דערמאנט אין יענער סליחה, נאר טױזענדמאל גװאלטיגער און הונדערטטױזענד מאל שרעקליכער! נײן, אזעלכעס װאלט זיך קײנער נישט געקאנט פארשטעלען...

ביים גרינעם טיש איז ער געשטאַנען, דער גאַסט פון אוקראַאינאַ, דער פארזיצענדער פונם הילפס-קאמיטעט צו שטיצען

די געליטענע פון די דארטיגע פאגראמען, און האט אונז דער־
צעהלט אין אַנ'אנדערהאלבען־שטונדיגער רעדע, וואס עס איז געשעהן
מיט אידען אין אוקראַאינאַ פאַר די לעצטע חדשים — און איז
פאַרהאַן אַ שוואַרצער קאפ, וועלכער איז ביים הערען פון דאזיגען
בעריכט נישט גרוי געווארען, איז עס אַ וואונדער. אנפאנגס בין
איך געזעסען און האב עס־נאך געקאנט פאסען. עס איז נאך
אַריינגעגאנגען אין די ספערע פונם מענשליכען בעגרייפען.
ביסלעכווייז אָבער האָט עס אָנגעהויבען אינם קאָפ צו שווינדלען.
איך האָב געהערט פאַנטאַסטישע ציפערען. איך האָב געהערט
פון שטעדט, וואו די צאָהל פון די אויסגעשאָכטענע איז דערגאַנגען
ביז 8000. דאַן פלוצלינג אַ שטאָדט מיט 500 דאַן ווידער איינע
מיט 2.000. דאַן האָט מען גערעדט וועגען פראָסקוראָוו מיט
4.000 הרוגים, וועגען טשערקאַסי מיט 1.500 און וועגען אנדערע
מיט עפעס אנדערע משונה'דיגע צאהלען. פלוצלינג הער איך אז
די צאָהל פון די אויסגעשאָכטענע איז ביז יוני דערגאנגען די
ציפער 40,000. דאַן קומט מיר אַלעס פאַר עפעס אזוי געשעפטס־
מעסיג און פראַטאָקאָלאַריש — חאָטש נעהם אַ בוכהאַלטער מיט
אַ שענעם כתב און לאָז דיר דאָס אַלעס אויפשרייבען. דער
געעהרטער רעפערענט איז מודיע, אַז ביזן היינטיגען טאָג מוז
די צאָהל פון די אויסגעהרג'עטע בודאי שוין דערגרייכט האָבען
די צאָהל 80.000. און דאַן: 64 שטעדט, וואו עס זענען פארגע־
קומען פאָגראָמען זענען ביז יעצט שוין רעגיסטרירט געוואָרען,
און דאַן: עפעס אין א יין שטאָדט פערזאַמלען זיך אין דער
שוהל נאָר פרויען און מעדלעך, כדי קדיש צו זאָגען, ווייל
קיין איינציגער מאַנספערשוין איז נישט לעבען געבליבען. און
דאַן: די צאָהל פון די פערוואונדעטע שטייגט העכער פון
100.000. און די צאָהל פון די געשענדעטע פרויען און מעדלעך
אין די צעהנטויזענדער. און דאַן רעדט מען עפעס וועגען
משונה'דיגע, אויסטערלישע יסורים, וועלכע מען האָט אנגעטהון
די בעפאַלענע און וועלכע די קראַנקהאַפט עסטע פאנטאַזיע
קען אַזעלכעס נישט דערטראַכטען. און דאַן: צעהנטויזענדע
משוגענע בלאַנקען זיך ארום איבער די וועגען און אין די

זורלדער די שאָדענס בעטרעפען מיליאַרדען מענשען זיצען שפּליטער־נאַקעט אין די חורבות און קענען נישט אַרויס אויפן גאַס אָהן אַ העמד — און אזוי ווייטער און ווייטער. פּלוצלינג שפּיער איך אז מיר ווערט אַזוי הייס איך ווייס נישט מעהר, וואו איך האַלט. איך האָב פערלוירען דאָס פערשטענדניס פאַר ציפערן. זיי קומען מיר פאָר פּלוצלינג אזוי קליין, אַ מין ווילדקייט איז מיר דערוואַכט, און איך וואָלט אלץ וועלען שרייען: נאָך! נאָך! נאָך! דערלאַנג ווייטער, שיט, דערצעהל, וויפיעל עס געהט אין מיר אַריין! וואָס געהט עס מיך אָן? וואָס געהט עס אייך אָן? און בכלל ווענען געהען מיר אָן און ווענענס זענען מיר און ווער וועט זיך אננעהמען פאַר אונז? און פאַרוואָס דוקא 80.000 און נישט טאַקי 800.000? ווער וועט שטערען? ווער וועט זאָגען: האַלט? —

און געשעהן געשעהט עם פאַר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט, ביים העלען ליכטיגען טאָג, אין דער מיט פון אייראָפּא, און שטעהען שטעהט אינם קאַלענדאַר געשריבען דאָס יאָהר 1919 זינט כריסטוס געבורט און נישט 919, און לעבען לעבט די עדלע מענשהייט פונקט אינם גרעסטען ברען פון דער ציוויליזאַציע און פון די ענטדעקונגען און פון די ערפינדונגען און פונם קאמף פאר די מענשענבעפרייאונג — און נאר נעבענביי, גלאַט אזוי זיך מן הצד, טרעפט זיך אָט אַזא קליינינקייט ווי די מעשה־אוקראינא, און די וועלט, די ציוויליזירטע וועלט, די דאזיגע, וועלכע קעמפט אַזוי זעהר פאר מענשענבעפרייאונג און פעלקערגלייכשטעלונג און ראַסענגלייכבערעכטיגונג, און קאן נעבעך נישט שלאָפן פאַר גרויס דאגה דעריבער, די דאזיגע וועלט ענטפערט אויף דעם אַלעם אפילו נישט מיט אַ פּיפּעץ, און מערקווירדיג: ווערט ווען אַמאָל גע־הרג'עט עפּעס אַ מיסיאָנער צווישען די ווילדע אין מיטעל־אפריקא, דערהויבט זיך אַ שטורם אין גאַנץ אייראָפּא מיט אַמעריקא צוזאַמען, און דאָס געוויסען, דאָס עדלע געוויסען פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט קאָן זיך גאָרנישט בע־רוהיגען. ס'טייטש אזא מעשה נורא, איין אונשולדיג מענשען־

לעבן איז נעבעך צווישען די ווילדע אין מיטעל-אפריקא אומגעקומען.
אָך צו דער דאָזיגער עלענדער קאָמעדיע! און ווען אַ פערד וועט פון אַ בעל-עגלה אַ שמיץ קריגען מיט אַ בייטש, וועט אַ חברה צער-בעלי-חיים אַ געפילדער מאַכען, אַז אַ וועלט וועט זיך אומדרעהען.
אָך צו דעם דאָזיגען נאַרישען ליגענד! — אָבער צו ווענען רעדען מיר? העכסטענס, ווען מיר וועלען און אונזערע ווילדע יסורים אויפשרייען איינמאָל און צווייסאָל און דריימאָל, וועט די ציוויליזירטע עדלע מענשהייט מאַכען די קאָמעדיע און וועט אונז שיקען עפּעס אַ קאָמיסיע, און אַ קלוגער דיפּלאָמאַט וועט קומען צו די אויסגעשאָכטענע שטעדט אין אוקראַאינאַ און וועט זאָגען מוסר די אויסגעשאָכטענע, אז למען-השם, זיי זאָלען נאָר לעבען אין שלום און אין אחדות מיט די הערען פון אוקראַאינא, דאַן, אם-ירצה-השם, וועט אַלעס שוין זיין גוט און וואויל...
איז די וועלט משוגע געוואָרען? שטעהט אַ מענשהייט אויפ׳ן קאָפּ? האָט די טרויעריגע מלחמה און דער נאָך טרויעריגערער שלום געמאַכט פון דער וועלט אַ דולהויז? — פאר 16 יאהר, ווען דער קישינעווער פּאָגראָם איז געווען, זענען געפאַלען 13 קרבנות—זאג און שרייב דרייצעהן—און די וועלט איז אויפגעציטערט געוואָרען, און יעצט צעהלען מיר 40,000 אָדער 80.000 אדער 180.000 הרוגים און קאַלעקעס און געשענדעטע, און די וועלט שווייגט און געהט אַריבער צו איהר טאג-ארדנונג.
און וואס וועט ווערען? וואס וועט ווערען? — הארדען האט מען גענומען, ווילדע האָרדען, דעם אָבשוים פון מענשענגעשלעכט, די ברידער פון די פאַרצייטיגע ווילדע פונען און וואַנדאַלען, און מען האט זיי צוליב אַ געוויסער פאליטיק איינגערעדט, אַז זיי זענען ציוויליזירטע פעלקער, און מאַכט האט מען זיי געגעבען און שליטה האט מען זיי געגעבען, און אַ שווערד האט מען זיי אנפערטרויט אין די הענד אריין—און אט ווירטשאפטען די דאזיגע ווילדע און מאַכען חרוב אַ וועלט. ווי האט עס גאר געקענט זיין אנדערש? עס האט זיך די הערען פון דער וועלט פערגלוסט, די קליינע פעלקער דורכאויס צו לאזען קומען צו דער הערשאַפט—און אט זענען די פרוכטען. וועלכע טענות קאנען

מיר האבען צו היידאמאקעס ? דאס זעלביגע וואס צו באַשי-בוזוקס און צו בושמאנען. אבער פעראַנטוואָרטליך זענען די גרויסע הערען, די דאָזיגע, וועלכע האָבען געוועהה און אַמוניציע געליעפערט פאר די דאזיגע ווילדע, און ליעפערן נאך, און דאס אונשולדיג פערגאסענע בלוט פון 80,000 מענשען-לעבענס וועט אַמאל אַ געשיכטע פאדערען פון זיי, נאָר פון זיי...

וואס וועט ווערען ? — דער לעצטער מכשפה-פּראצעס איז פארגעקומען אין אייראפא אינם יאָהר 1782 — אָבער זיכער בין איך נישט, אז אינם היינטיגען יאָהר זאל נישט די וועלט איבעראשט ווערען ווידער פון אַזא פראצעס. די זעכסטע צאהל קרבנות, וואס איין אינקוויזיציע האט אַמאל געפאדערט, האט אויסגעמאכט צו טאָרקוועמאדא׳ס צייטען פונם יאהר 1481 ביז 1498 אינגאנצען נאר 8,800 מאן—אבער אונמעגליך איז עס נישט, אז אינם יאהר 1920 זאל נישט די צאהל פון אַ מאדערנער אינקוויזיציע בעטרעפען 8.800,000. דער לעצטער גרויסער קרייץ-צוג, דער זיבעטער, איז געווען אינם יאהר 1270 — אבער אויסגעשלאסען איז נישט, אז דער מאדערנער קרייצ-צוג זאל זיך נישט ציהען דורך אייראפא אינם יאהר 1921. די לעצטע באנדעס פון די וואַנדאלען האבען חרוב געמאכט אַ קולטור אינם יאהר 534 — אבער גאראנטירען קען מיר קיינער נישט ביי די היינטיגע אומשטענדען, אז אינם יאהר 1922 זאלען נישט נייע וואנדאלען פערפלייצען אַ גאנצע וועלט און זאלען נישט צינדען שטעדט און וויסט מאכען דערפער און שעכטען הונדערט-טויזענדער מענשען-לעבענס און אבמעקען יעדע קולטור און יעדען קערפער און גייסט ארבייט פון דער ערד. עס האט זיך די הערען פון דער וועלט פערגלוסט דורכאויס די קליינע פעלקער צו רעקאָנסטרואירען !

און אפילו שרייען האט מען מורא. מען קאן, חלילה, אונז נאך די „טובה” טהון און שיקען אונז צו הילף קאמיסיעס און אויספארשונגס-דיפלאמאטען !

קאַלעקעס.

איהר קענט זיי יעצט זעהען טוצען־ווייז, ווי זיי שלעפּען זיך איבּער די גאַסען: מענשען מיט אָבּגעשאָסענע הענד אָדער וואס אַ שראַפּנעל האט זייי אַראָבּ געפּליקט די פיס, מענשען מיט קולעס אונטער די אָרעמס, אָדער וואָס גומי-געשטעלען זענען זיי צוגעשנאַלט אונטער די קניע-געלענקען, מענשען מיט בּלינד געווארענע אויגען, אָדער וואס אַ גראַנאַט האָט זיי טויבּ געמאַכט, און מענשען זעהט איהר אויף די גאַסען, מחנות מחנות גאַנצע, אויסגעמוטשעטע און הונגעריגע און ארבּייטס־זוכענדע, בּיי וועלכע עס פלאַקערט די פערצווייפלונג אין דעם האַלבּ-משוגענעם בּליק, און סטאַטיסטישע טאַבּעלען לייענט איהר וועגען די מורא׳דיגע צאָהל פון מענשען מיט שווינדזוכט און מיט ווענערישע קראַנקהייטען און מיט שווערע נערווען-ליידען, און די צאָהל האַלט אַלץ אין שטייגען און וואַקסט געוואַלטיג און פּחדים׳דיג פון טאָג צו טאָג... אך, עס איז די געוועהנליכע, די זעהר געוועהנליכע ערשיינונג פון אַ צייט, וועלכע קומט אַלעמאָל נאָך אַ מלחמה! זי איז נאָר יעצט אַ בּיסעל שטארקער ווי אַלעמאָל, דען געדויערט האט יעצט די אומגליקליכע מלחמה נישט א חודש און נישט א יאָהר, נאָר פינף, גאנצע פינף יאָהר — און זי דויערט אלץ נאך ווייטער. די צעהן פארשוינען אויף דער וועלט, וועלכע פיהרען-אָן מיט די 15 הונדערט מיליאָנען מענשען פון דער ערד־קוגעל, האָט זיך פערוועלט דאס אומ-

שולדיגע שפּיעלעכעל, אום די מענשהייט דורכאויס גליקליך צו מאכען – און אט זענען מיר דאס שוין גליקליך. די צעהן האָבען געפונען זייערע הונדערט אדער טויזענד חכמים, וועלכע האָבען בעוויזען „וויסענשאפטליך", ווי זעהר רזא אדער-לאזען אין גרויסען מאסשטאב איז נויטיג פאר די לענשהייט. זיי האבען געפונען זייערע סטאטיסטיקער, וועלכע האבען אויסגערעכענט אז די וועלט איז אַ ביסעל צו ענג און עס מוז פּלאץ געמאכט ווערען. זיי האבען געפונען זייערע עקאָנאָמיקער, וועלכע האבען קלאר געמאכט, ווי דאס ברויט איז טייער און ווי וואוילשטאנד און רייכטום זענען אונמעגליך, אַזוי לאַנג ווי אַ וועלט מלחמה וועט נישט די פעלקער בעגליקען. זיי האָבען געפונען זייערע פיזיאָלאָגען, וועלכע האָבען פערשפרייט די תורה, אַז די מענ־שען זענען שוואך און די יוגענד איז געבּרעכליך, און אַז נאָר דורך אַ בלוט-באָד וועט אַ שטאַרקע גענעראַציע קומען. און מאָ־ראַליסטען האָבען זיי געפונען, וועלכע האָבען גע׳דרשנ׳ט, אַז גערעכטיגקייט און אויפריכטיגקייט און אמת זענען פערשוואונדען פונ׳ם מענשליכען הארץ און אז ראַטעוועו דעם מאָראַלישען פאָרטשריט פון דער מענשהייט קען נאָר אַ רעכטע מלחמה — און צעהנדליגע מיליאָנען האָבען זיך געלאָזט פיהרען מיט מוזיק און געזאַנג פון די צעהן פאַרשוין ווי די שאָף צו דער שלאַכט־באַנק. איז איינער פון זיי גליקליכער געוואָרען? האָט מען עפּעס דערפון, וואָס די וועלט איז גרוימער געוואָרען דורך די אָבגעשאָכטענע דרייסיג-פערציג מיליאָן? איז צוגעקומען איצט איין פונט ברויט פאַר די הונגעריגע מענשהייט? איז איין קערפּער געזונדער געוואָרען און איז איין נשמה גאַנצער און געהיילט געוואָרען? אַך, מען האָט נאָר נויטיג אַ מינוט אַרויס־צוגעהן אויף דער גאַס און זיך אָנצוקוקען די אונענדליכע מחנות פון די קאַלעקעס און הונגעריגע און פערוואָהרלאָזטע! און רער גרעסטער שרעק פון אַלע שרעקענישען איז, אַז דאָס שפּיעל איז נאָך נאָרנישט פערענדיגט און די פאָרטזעצונג געהט ווייטער. די מענשען האָבען זיך נאָך גאָרנישט קיין מוסר אַראָבגענומען פון דעם, וואָס זיי האָבען געזעהען און וואָס זיי זעהען נאָך. דאָס

שפּיעל האָט געווירקט אנשטעקענד. די גרויסע הערצער פון דער וועלט זענען אַ ביסעל מיעד געוואָרען און האָבען זיך צוריק־געצויגען, אום זיך צו פערררייכערן דערווייל זייער פּריעדענס־פּייקע, און די קליינע הערצען פערטרעטען זיי אין דער צווישענ־צייט אויף דער וועלט־ביהנע. דער קאָנצערט ווערט ווייטער געגעבען...

יאָ, געהט איהר אַרויס אויף די גאַסען, קענט איהר זיי זעהען טוצענווייז, די קאַלעקעס מיט זייערע קערפּער־ליכע פעהלער, ווי זיי שלעפּען זיך אַרום פּאַר אייערע אויגען. וואָס איהר קענט אָבער נ י ש ט אזוי לייכט זעהען און דער־קענען, דאס זענען גאָר אַנדערע מ י נ י קאַלעקעס, וועלכע דער וועלט־קריעג האָט אונז געגעבען און וואס זייער צאָהל דערגרייכט מיליאָנען. זיי זענען טויזענדמאָל שרעקליכער און טויזענדמאָל שוידערהאַפטער פון יענע דאָרט. איך רעד פון די, וועלכע זענען דורך די אונמענשליכקייטען פון אַ מלחמה פערקריפּעלט געוואָרען ביז אין די טיעפענישען פון זייער גאַנצען גייסטיגען און מאָראַלישען לעבען. זייער צאָהל איז מיליאָנען. מען מוז נאָר קענען בליקען אַ ביסעל אין די אינערליכקייטען פון אַ מענש און זעהען זיי. ווייסט איהר, ווי עס זעהט־אויס אַ נשמה אין אַ מענשען, ווען זי שלעפּט זיך אויף קולעס? און אַ נשמה־לעבען אָהנע הענד און אָהנע פיס, ווייסט איהר, ווי עס זעהט־אויס? ווייסט איהר, וואס עס הייסט אַ גייסטיג אויג, וואס אַ ווילדע מלחמה האט עס בלינד געמאַכט, און אַ גייסטיג אויער, ווען עס האט אויפגעהערט צו הערען? און וואס אַ געפיהלס־לעבען איז, ווייסט איהר, ווען אַ רויהע, ווילדע מערדער־צייט פון בלוטפערגיעסען האָט עס אנ־געשטעקט מיט גיפטיגע קראַנקהייטס־שטאָפען און האָט עס געמאכט רויה און ווילד און בלוטפערלאַנגענד? און ווי אַ מענשליך הארץ זעהט־אויס, ווייסט איהר, ווען יעדעס מענשליכע געפיהל אין איהם איז אָבגעטייט און אַ מלחמה־לעבען האט עס צוגעוואוינט רק פיינד צו האָבען דעם צווייטען, רק פיינד צו האבען, און צו זיין גערייט אין יעדער מינוט צו וואַרפען זיך אויף דעם

צווייטען ?... אָך, וואס פון אַ וועלט איז געוואָרען! און איז מען גראָד איין אייניקעל פון יענע גרויסע לעהרערס, וועלכע האָבען געלערנט אַ מענשהייט די אייביגע גערעכטיגקייט, ווערט אזוי נמאס פאַר די וועלט און מענשען, אז פערקריעכען וואָלט מען זיך וועלען אין דעם שטילסטען ווינקעלע, כדי גארנישט צו זעהען און נישט צו הערען. אַ גאנצע וועלט איז דורך איין אונענדליכען מלחמה ווילד געוואָרען. די עלטערע מענשען האָבען פערלוירען דעם גלויבען אין אַ מענשליך פיהלען, און די יונגערע ווילדעווען. אלע טיערישע אינסטינקטען זענען אויפגערודערט און דערוואכט. און טויטשלאַג און ליעגענד זאָגען און זוכען אַ זאַטשעפּקע, אום מענשען צו מאָרדען אויף דער אָפענער גאַס, איז געוואָרען קאָזיר. און ליעגענד איז אַ מלחמה און ליעגענד איז אַ שלום. וואויהל דיר, ישעיה, וואס דו האסט אזא צייט נישט דערלעבט! וואויהל דיר, הושע, וואס דיינע אויגען זעהען נישט די וועלט אין איהר אייגענטליכער געשטאלט! זאגט, האט איהר נישט גע׳חלומ׳ט אַ מאָל עפעס פון א יין אייביגען פריעדען ?...

וואס האט זי אונז געגעבען, די דאָזיגע שרעקליכסטע פון אלע שרעקליכע מלחמות, און וואס האט ער אונז געבראַכט, דער דאָזיגער שרעקליכסטער פון אַלע שרעקליכע שלומ׳ס ?— דריי און פערציג יאָהר לאַנג, זינט דעם דייטש-פראנצויזישען קריעג ביז צום זומער 1914, האָט אַ וועלט אין פריעדען און אין וואויהלשטאַנד, ווי עס איז, געלעבט. (דער רוסיש-טערקישער, דער יאַפּאַניש-חינעזישער, דער רוסיש-יאַפּאַנישער און די אנדערע קליינע קריעגען זענען נישט קיין וועלט-געשעהענישען געוואָרען, און צעהלען זיך דעריבער דאָ נישט מיט!) דאס לעבען איז נישט געוועזען קיין איי-איי אָבער געלעבט האָט מען, און פריעדען איז געוועזען, און רעכטס-בעגריפען זענען געוועזען גילטיג, און קולטור און ענטוויקלונג און פאָרטשריט האָבען געקיניגט אין יעדען ווינקעלע- דאָ איז געקומען אַ מלחמה — אַ מלחמה רק לשם הערשער-תאוות, רק לשם בעווייזען, ווער עס איז שטאַרקער, רק לשם פעסטשטעלען, ווער עס וועט הייסען אין דער געשיכטע „דער גרויסער״ — און איבער נאַכט האָט די דאָזיגע

מלחמה אַרומגענומען אַ גאַנצע וועלט. פינף יאָהר לאַנג האט אַ מענשהייט נישט געאַרבייט. פאַבריקען זענען געשטאַנען לע־דיג. פעלדער זענען נישט פערזייט געוואָרען. שטעדט זענען פערוויסט געווארען און דערפער זענען פערשוואונדען פון דער ערד. יעדע קולטור און יעדער פאָרטשריט און יעדע ענטוויקלונג האט אויפגעהערט. און האט אַ מאל אַ פאבריק עפּעס געארבייט, האט זי געארבייט געוועהר פאר די ארמעען. און האט אַ וויסענ־שאפט אויף דעם געביעט פון טעכניק עפּעס אויפגעטהון, איז עס געווען איין אויפטהו, ווי אזוי וואס מעהר מענשען אומ־צובערענגען. און האט אַ כעמיע געהאט אַ גאונ׳ישען איינפאל, איז עס געווען איין איינפאל, ווי אזוי דורך מערדעריש גיפטיגע גאזען וואס מעהר לעבענס צו פערניכטען. דערווייל אבער איז הונגער געווארען דער האַרר פון דער וועלט און די נויט איז אַרויפגעקראכען אויף די גאנצע מענשהייט און צוזאמען מיט דער נויט, שריט פאַר שריט, איז געוואקסען די פוילקייט און די צעלאָזענקייט פונ׳ם מענשען, וועלכער איז געווארען אָבגע־וואוינט דערווייל פון יעדער ארט פון ארבייט. אזוי האט עס געדויערט פינף יאהר. און זענען אלע די דאזיגע צרות, וואס צעהן מענשען האבען געבראכט איבער אַ גאנצע וועלט, נאך נישט גענוג געווען, איז דאן געקומען — דער שלום. די אנ־פיהרער מיט דעם גורל פון דער מענשהייט האבען זיך גע־וויזען אין זייער גאנצער הערליכקייט. גערעכטיגקייט און מאָראַל און אמת און מענשליכקייט זענען דערשטיקט געווארען ביז אויף דעם לעצטען רעשט. די נויט איז געוואָרען נאָרם — דער טעגליכער גאסט ביי דער מענשהייט. און איז דאס אלעס נאך נישט גענוג געווען, איז צוגעקומען דערצו נאך דאס אייביגע העצען צווישען די קלענערע פעלקער. יעדען טאג אַ ניי גע־העצעניש, יעדען טאג אַ ניי מלחמה׳לע. און די נויט וואקסט אלץ גרעסער, און די קאלעקעס, סיי די קערפערליכע סיי די גייסטיגע, מעהרען זיך פון טאג צו טאג, פון מינוט צו מינוט. רבונו של עולם! וואו איז דאָ איין אַ ישועה? ווי איז דא אַ מענשליכע הילף מעגליך?

דען נישט די טויזענד אָדער די צעהנטויזענד אָדער די הונדערטויזענד קערפּערליכע קאַלעקעס, וועלכע שלעפּען זיך אַרום איבער די גאַסען, זענען דאס שרעקליכסטע, וואָס דער קריעג האָט אונז געגעבען — נאָר יענע מיליאָנען פערקריפּעלטע נשמות. ווי וועט דער נייער דור אויסזעהן? ווי וועט אַ וועלט אויסזעהן ביי אַזאַ גייסטיגער און מאָראַלישער פערווילדערונג? — נאָך פיפציג, נאָך פערציג יאָהר, און די קערפּערליכע קאַלעקעס, וועלכע מיר זעהען היינט אין די גאַסען, וועלען זיין אויסגעשטאָרבען, אויף זייערע קברים וועט וואַקסען גראָז, און קיינער וועט זיי נישט מעהר געדענקען, נישט זיי און נישט זייערע קולעס, אָבער אַ גענעראַציע וועט קומען, און דאַן אפשר נאָך אַ צווייטע גענעראַציע, וועלכע וועט זיין מאָראַליש און גייסטיג פערוואהרלאָזט. מאָרד און טויט-שלאַג וועגען אַ האַלבען דרייער וועט זיין אין דער טאָג-אָרדנונג, ליגענד און ליגענד-זאָגען און ליגענד-טראַכטען און די תאוה צו בלבולים-מאַכעריי און די לוסט צום פייניגען און צום קוועהלען אַנדערע וועט זיין אַ צווייטע נאַטור, און דאס העצען און דאָס נישט וועלען דערלאָזען צו אַ נאָרמאַל לעבען וועט זיין דאס טעגליכע בעדערפעניש. יעצט איז עס דערווייל נאָך אַ שפּיעלעריי, שפּעטער אָבער וועט עס זיין די נאָרם. ווי איז דאָ אַ הילף מעגליך?

און פערקריצכט מען זיך, איינער אַליין, ביז אין זיין שטילסטען ווינקעלע, אום נאָר נישט צו זעהען און צו הערען, פערפאָלגען איינעם די פערשאָלטענע בילדער פון די מאָראַלישע און גייסטיגע קאַלעקעס ביז אין דעם דאָזיגען ווינקעלע אַריין...

פערווילדערונג.

מען האט עס געפיהלט, ווי עס קומט ביסלעכווייז, מען האט עס געזעהען, ווי עס וואַקסט אויס פאר אונזערע אויגען, און דאס, וואס עס טהוט זיך אָב אין היינטיגען טאג ארום אונז, איז דאך נישט די פרוכט פונ׳ם איצטיגען אויגענבליק, נאר די נאטירליכע פאלגע פון אַ גאנצע רייה פון יאהרען: — פינף קנאפע יאהרען האט אַ מלחמה געווילדעוועט. די העררען פון דער וועלט האבען צוגעוועהנט אַ מענשהייט צום בלוטיגען האַנדווערק, צו דער מלאכה פון מאכען הרוגים. מען האט זיי געלערנט צו שפּרייזען איבער קאלוזשעס פון בלוט און דערביי צו פערהרויכערן אַ פאפּיראס. מען האט זיי דרעסירט צו שלאפען נעבען מענשליכע פגרים און דערביי צו קענען שנארכען; מען האט זיי געוועהנט צו טרעטען אויף צעבראכענע שארבענס און צו שפאצירען איבער ארויסגעריסענע מענשליכע קישקעס און דערביי צו געניצען מען האט געגעבען ארדענס און אויסצייכנונגען פאר אַ זעלכע העלדען־טהאטען — און די מענשען האבען עס געלערענט. אגב, זענען זיי דאך מענשען, בעסטיעס פון נאטור, און זיי האבען עס געוואלט לערנען. די גלייכגילטיגקייט צום נעבען־מענשען איז געוואקסען פון מינוט צו מינוט און איז געווארען אלץ גרעסער. דאס געפיהל פון מיטלייד איז אבגעשטארבען. די פארשטעלונג פון דעם ווענען פון אַ מענשליך בעשעפעניש, און וואס אַ מענשליך לעבען בעטייט

אייגענטליך, איז גענצליך פּערלאָרען געגאַנגען. וואָס איז היינט זנאַטשעט אַ מענשען הרגענען? — ווייניגער ווי אויסרייכערן אַ פּאַפּיראָס. אַ פּאַפּיראָס וועניגסטענס קאָסט איצט זעכציג פעניג. די פונדאַמענטען, אויף וועלכע עס איז געגרינדעט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, זענען ערשיטערט. די קולטור וואַקעלט זיך. גאַנץ אייראָפּא וואַקעלט זיך. וואו איז רעכטס? וואו איז לינקס? מען ווייס נישט. וואס מעג מען? וואס טאָר מען נישט? קיינער ענטפערט נישט. וואס איז מיין? וואָס איז דיין? קיינער הערט נישט. די פינף-יעהריגע מלחמה האָט געצייטיגט איהרע פרוכטען. דער מענש איז ווילד געוואָרען מען שטעהט אויף אין דער פריה, מען הרג'עט מענשען און מען לעגט זיך שלאָפען, און דאַן שטעהט מען ווידער אויף אין דער פריה, מען הרג'עט ווידער און מען לעגט זיך ווידער שלאָפען. עס געהט אַ וואַנדאַליזם איבער אייראָפּא. אַ פערווילדערונג קומט. אַ נייע געטער-דעמערונג!

צוויי און פערציג מענשען האָט מען גע'הרג'עט אין פּינסק — וואָס פאר אַ ראָלע שפּיעלען 42 מענשען-לעבענס אין אַ צייט, אין וועלכער עס זענען גע'הרג'עט געוואָרען 40,000,000 אויף די שלאַכט-פעלדער? פון אַזא קלייניגקייט לוינט זיך גאָרנישט צו רעדען. אין אַזא גרויסער צייט רעדט מען נישט פון אַ זעלכע נישטיגע ציפערן. איך קען נישט אַ מאָל בעשולדיגען די מענשען, וועלכע האָבען דעם דאָזיגען מאָרד בעגאַנגען. נישט זיי האָבען עס געטהון, נאָר דער גייסט פון דער איצטיגער צייט. די מלחמה האָט געווילדעוועט פינף לאַנגע יאָהרען — יעצט ווילדעוועט די נאָך-מלחמה..

צוויי און פערציג מענשען — אמת, חוץ ציפערן זענען דאָס אויך מענשען. און ווייסט איהר, וואָס הייסט מענשען? אונטער דעם ראָק, אויף וועלכען די סאָלדאַטען האָבען געציעלט מיט די ביקסען, איז געווען אַ וועסט, און אונטער דער וועסט אַ העמד, און אונטער דעם העמד אַ האַרץ, און דאָס דאָזיגע האַרץ האָט געקלאַפּט און האָט געצאַפּעלט זיך אין פרייד און אין שמערץ, און טויזענד חלומות האָט עס געהאַט און טויזענד האָפנונגען,

און אָט האָט די קויל עס געטראָפען, און אין איין מינוט זע־
נען דערשאָסען געוואָרען טויזענד חלומות און האָפנונגען. און
דאַן נאָך ווייטער: אין דער היים האָט געוואַרט אויף אַזא
מענשען אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע, אַ שוועסטער אָדער אַ כלה,
אַ ווייב אָדער אַ קינד, און אויך זייערע האָפנונגען און זייערע
חלומות זענען אויסגעלאָשען געוואָרען אין איין מינוט. צוויי
און פערציג מענשען, יונגע אידישע לייט, זענען אַהנונגסלאָז
געגאַנגען צו אַ פערזאַמלונג, אום אַ גוטע טהאַט צו טהון, צו
פערטיילען ברויט פאַר נויטבעדערפטיגע, און זיי האָבען מיט
אַ שעה פריהער נישט געוואוסט, אַז זיי וועלען זיך שוין נישט
מעהר אומקעהרען לעבעדיג פון דעם דאָזיגען גאַנג. עס איז צום
משוגע־ווערען, ווען מען טראַכט וועגען דעם! אָבער ווער וועט
רעדען פון אַ זעלכע קליינינגקייטען אין אַזא גרויסער צייט, ווי
די איצטיגע? עס איז פראָסט נישט שעהן צו ווערען אַזוי סענטי־
מענטאַל, און נאָר צוליעב 42 מענשען־לעבענס. מיר ווייסען דאָך
עפּעס שוין פון פערציג מיליאָנען אויך, און די זון איז אונטער־
געגאַנגען אין איז אויפגעגאַנגען אויך דאַן, און די וועט איז
געבליבען ביים אלטען אויך דאַן, און די הערצען פון דער
וועלט האָבען אָבגעהאַלטען זייערע זיצונגען אויך דאַן, און
האָבען אַלץ גערעדט וועגען דעם פערזאָרגען און וועגען דעם
גליקליך־מאַכען פון דעם מענשען־געשלעכט. עס איז צום משוגע־
ווערען, אויך וועגען דעם ווען מען טראַכט!

און איך ווייס: איין אינטערפעלאַציע איז אַריינגעבראַכט
אין דעם הויכען סיים, און די דאָזיגע אינטערפעלאציע וועט
האָבען אויך פאָלגען. דאס הייסט: מען וועט ענטפערן דאָס,
וואָס מען ענטפערט שוין עטליכע הונדערט און עטליכע טויזענד
יאָהר, אָדער דאָס, וואָס איז גראָד יעצט אין דער מאָדע. מען
וועט ענטפערן: די אידען האָבען אַרויסגעשאָסען פונ׳ם פענס־
טער אויפ׳ן מיליטער; די אידען זענען באָלשעוויקעס און
ווילען אַריינברענגען דורכאויס דעם באָלשעוויזם אין פוילען.
די אידען מאַכען אַ געוואַלט, כדי צו דיסקרעדיטיר׳ען דאס
פוילישע פאָלק אינ׳ם אויסלאַנד, און זענען באופן זה פראָ־

וואָקאַטאַרען. און ליתר תּוקף ועוז וועט מען געפינען אויך עפּעס איינעם פון די קרייזען פון׳ם אַמעריקאַנישען „רויטען קרייץ״ וועלכער וועט עדות זאָגען, אַז „מען האָט געשאָסען 33 באָלשעוויקעס, וועלכע האבען געוואָלט פערכאַפּען די מאַכט אין דער שטאדט״. און דאַן וועט די זון אונטערגעהן און זי וועט אויפגעהען, און שלאָפען וועט מען געהען און מען וועט אויפ־שטעהען, און בלייבען וועט די וועלט, ווי געוועזן, ביז — צו דער נעכסטער שחיטה אין אַ נייער שטאָדט און ביז צו אַ נייער אינטערפּעלאַציע און ביז צו אַ נייעם ענטפער וועגען אַ שאָס פון אַ פענסטער און וועגען אידען־באָלשעוויקעס און וועגען אידען־פּראָוואָקאַטאָרען, און ביז צו אַ נייעם עדות־זאָגער. מען קען אַראָב פון זינען, ווען מען הערט דאס אַלעס. שוין טויזענד, שוין צוויי טויזענד יאָהר ווי איך הער די דאזיגע תירוצים אין זייערע פערשיעדענסטע פאָרמען. ווען האָבען מיר נישט גע־שענדעט די היילּיגע האָסטיעס — און מען האָט אונז געמוזט אַ ביסעל הרג׳ענען? ווען האָבען מיר נישט פערגיפט די ברונען — און מען האָט אונז געמוזט אַ ביסעל ברענען אויף די שייטערהויפענס? ווען האָבען מיר נישט גע׳הרג׳עט עפּעס אַ שייגעצעל אויף פּסח — און מען האָט אונז געמוזט מאַכען, נעבעך, עטליכע פּאָגראָמען? און טעלעפאָנען ווען האָבען מיר נישט געהאַט בעהאַלטען אין עפּעס איין ארון־קודש מיט וועלכע מיר האבען געגעבען בעהאַלטענע ידיעות דעם שונא — און די מענשען מיט דער קריסטליכער ליעבע אין׳ם האַרצען האָבען זיך געמוזט דערפאַר אַ ביסעל נוקם זיין אָן אונז? אָך, ווי אלט איז שוין דאס אַלעס, און ווי שעם איך מיך פאַר זיי, אַז מענ־שען, שוין דערוואַקסענע, זאָלען נאָך אַלץ זיין עפּעס אזוי ווי די קליינע קינדער און זאָלען נישט האָבען אויף אַזוי פיעל פאַנטאַזיע, אום עפּעס נייעס צו ערפינדען, און זאָלען נאָך אַלץ מוזען קומען צו אונז מיט אַזאַ׳ן אַלטען אָבגעדראָשענעם לייער־קאסטען! דאָס וואונדערליכע ביי די דאָזיגע „תירוצים״ איז נאָר, אַז די העק־בלעטער, און די דאָזיגע, וועלכע אַר־בייטען מיט געהיימע פּראָקלאַמאַציעס, אום דאָס פאָלק, צו

רייצען, זיי ווייסען דאָך נאָך נישט, אַז מאָרגען אָדער איבער־מאָרגען וועט מען „שיסען” דאָרט און דאָרט פון אַ פענסטער און מען וועט געפינען דאָרט און דאָרט „באָלשעוויקעס”, און פאָרט שרייבען זיי שוין היינט און פיעל פריהער, אַז מען דאַרף אַלע אידען אויסראָטען, ביז פוילען וועט בלייבען אידען־ריין. אָך, ווען זיי וואָלטען נאָר אַלע האָבען דעם מוט, אָהנע יענע נאַרישע תירוצים, צו זאָגען אָפען, אַז דאָס ווילען זיי, און טהוט זיי עפּעס דערפאַר! נאָר נישט תירוצים, נאָר נישט זוכען נאָך אַ הכשר אויף אָרנדטליכקייט!

איבערהויפּט מוז איך רויט ווערען, ווען איך דערמאַן מיך, אַז מיין ליעב פוילען, דאָס לאַנד, וואו מיין וויעג איז געשטאַנען, איז אַזוי ווענינ אָריגינעל און ערפינדעריש. בלבולים? — נישטאָ קיין לאַנד אין אייראָפּא, וואו מען זאָל נישט האָבען די אַלע נאַרישקייטען אויסגעטראַכט אויף אונז שוין מיט עט־ליכע הונדערט יאָהר צוריק. פּאָגראָמען? — דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט דאָס דאָזיגע גליקליכע טעמאַ שוין אויסגעשעפּט, און אַ פּובליקום מוז זיך אַ וודאי שוין לאַנגווייליגען, ווען מען ווייזט איהם אַזאַ אַלט אָבגעדראָשען טעאַטער־שטיק. גלייכבערעכטיגונג און אין איין און דער זעלביגער צייט די בעטרעפענדע פּאָל־קאָמען רעכטלאָז בעהאַנדלען? — רומעניען טרייבט שוין דאָס דאָזיגע צווידייטיגע שפּיעל זינט דעם בערלינער קאָנגרעס. אַ פרעמדען־געזעץ און דערביי הונדערט טויזענדע איינהיימישע אַלס פרעמדע ערקלערען? — די זעלביגע רומענישע רעגירונג האָט שוין געטהון דאָס זעלביגע מיט פיעל, פיעל יאָהרען צוריק. ניין, איך גלויב נישט אַז פוילען ווען עס וועט די דאָזיגע ער־רונגענשאַפטען פון איהר קולטור שיקען אויף אַ וועלט־אויס־שטעלונג, וועט דערדורך קומען צו אַ גאָלדענעם פּרייז!

איך ווייס: נישט פון אַ היזכען סיים און נישט פון דעם ענטפער אויף איין אינטער־פעלאַציע וועט קומען די הילף, העכסטענס וועלען עטליכע נייע סקאַנדאַלען צו קומען צו די אַלטע, עס וועלען געהאַלטען ווערען עטליכע נייע ביסיגע רעדען, און עס וועלען דאַן געדרוקט ווערען עטליכע נייע

גיפטיגע העק-אַרטיקלען אין זייערע צייטונגען — און זיי וועלען אַלץ בלייבען נאָך געזעצט. די הייליגע ביינער פון די הרוגים וועלען פוילען אין דעם מאַסען-קבר, און די זון וועט אויפגעהען און וועט אונטערגעהען, און די שאָטענס פון די הרוגים וועלען אַרום אונז שוועבען, זייער בלוט וועט שרייען צו אונז פון דער ערד, און עס וועט אונז פערגיפטען אונזער לעבען בייטאָג און אונזער שלאָף ביי נאַכט...

איך ווייס: נישט צו אייראָפּא האָבען מיר צו שרייען און נישט צו דער מענשליכער גערעכטיגקייט האָבען מיר צו אַפּעלירען, און זעהט איהר, נישט ווייל איך האָב מורא, מען זאָל אונז נישט רופען פּראָוואָקאַטאָרען, ניין, נאָר ווייל אייראָפּא איז טויב און ווייל די מענשליכע גערעכטיגקייט איז פערשוואונדען. פינף יאָהר מלחמה מיט 40 מיליאָנען הרוגים און מיט טויזענד אוננעהערטע שענדליכקייטען האָבען דאָס ווערק פון דער פערווילדערונג אויך דאָרט פערטיג געמאַכט און דאָס הארץ פון דער מענשהייט איז שטומפּיג געוואָרען. וואָס געהט זיי אָן אונזער בלוט? וואָס געהט זיי אָן אַ פאָלק, וועלכעס האָט נאָר טרעהרען און האָט נישט קיין פויסט? פאַר דאס גליק פון די קליינע אונטערדריקטע פעלקער, זאָגען זיי, האבען זיי געקעמפט, און צום סוף ווייסען זיי צו פערטיידיגען נאר זייערע אייגענע אינטערעסען. פאַר דאס רעכט פון דעם ארעמען, זאגען טרוימער פון אַ נייער וועלט-אָרדנונג, האָבען זיי רעוואָלוציעס געמאַכט, און צום סוף קומט אַרויס דערפון גאר אַ נייער אָבשרעקענדער מיליטאַריזם. פאַר פרייהייט, זאגען זיי, האט מען די מלחמה געפיהרט, אום צו בעפרייען און ניי אויפצוריכטען פעלקער און לענדער, און צום סוף ווערען ביי די דאזיגע בעפרייטע פעלקער און אין די דאזיגע בעפרייטע לענדער טעגליך נייע בלוט-בעדער געמאַכט. אַ פערווילדערונג איז געקומען איבער אַ גאַנצע מענשהייט. די מלחמה הויבט זיך אָן נאָכמ צו זיין. מיט אונז, די שוואַכסטע פון אלע שוואַכע, די אָרעמסטע פון אַלע ארעמע,

האט עס זיך אנגעהויבען, און דערגעהען וועט עס בי׳ צו שטאַרקע און ביז צו די שטאַרקסטע פון אלע שטאַרקע.

וואס פאר אַ ראלע שפּיעלען 42 אידען, וועלכע זענען גע׳הרג׳עט געווארען ביי׳ם העלען ליכטיגען טאג פאַר די אויגען פון אַ גאנצער וועלט? — זאלען די טויטע בעגראבען די טויטע, ווען עס וועט קומען אַ פריהלינג, וועלען אויך מיר אנהויבען צו גרינען.

מלחמות.

איך האב עס געוואוסט פון תמיד אן: ווען די ווילדע און האַלב-ווילדע קליינע פעלקלעך וועלען זיך געבען א לאז צו דער מזרח-וואַנד און וועלען פערכאַפּען מיט זייערע עדעלע הענטלעך די „פרייהייט” און וועלען זיך אַ נעם געבען צו דער מלאכה פון ציוויליזירט-זיין, דאַן מעג שוין איין גאט אין הימעל אין אונזער הילף זיין. אוי, די דאזיגע ציוויליזירטע באלקאן-פעלקלעך מיט זייערע קאנסטיטוציעס און פאַרלאַמענטען און סקופּטשינעס! היט אונז אויס, גאט, פאר ציוויליזירטע פעלקער — פאַר די נישט-ציוויליזירטע וועלען מיר זיך שוין, ווי עס איז, אַליין אויסהיטען. זצהט איהר: אויך אַ לאנד ווי ענגלאַנד איז דאך א ביסעל ציוויליזירט און האט שוין אַמאל אַ שטיקעל מלחמה אויך געהאלטען; אויך אַ פראנקרייך רעכענט זיך אין אַ געוויסער מאס צו די נישט גאנץ ווילדע לענדער און וויים גלייכפאלס שוין פון עטליכע מלחמות, אויך דייטש-לאנד איז סוף-כל-סוף נישט אזוי גאנץ פערגרעבט און איז אַמאל שוין אויף א שלאכט-פעלד געווען, — אבער דאס שווידער-האפטע שווישפיעל, וואס די ניי-ציוויליזירטע באַלגאריען און סערביען און גריכענלאנד האבען אינז געוויזען אין נאר איינ-ציגע אכט טעג, אזעלכעס האט די וועלט, סיי אין אלטערטום, סיי אין דער ניי-צייט, נאך קיינמאל נישס געזעהען. עס איז דאס שרעקליכסטע, וואס די גאנצע וועלט-געשיכטע קען ביז

אויפ׳ן היינטיגען טאג. אַ פאנטאן, וועלכער האט געשפריצט בלוט אהן איין אויפהער גאנצע אכט טעג. אַ מבול. הונדערט טויזענד הרוגים, וועלכע פוילען איצט אויף די פעלדער. פעטערבּרענטע שטעדט, פערוויסטע דערפער און הונדערט טויזענד יתומים און הונדערט טויזענד אלמנות. נאך מיט אכט טעג צוריק האבען זיי געהאפט, נאָך מיט אכט טעג צוריק האט אַ יונגע פרוי א ליעבענד הארץ געהאט און א קינד האט געהאט א טאטען. און איצט ליגען די פגרים אויף די פעלדער. פאַרוואס? פאר וועמען? — פראים האבען געקראגען א שווערט אין האנד אריין און האבען זיך אין לויף פון עטליכע טעג אָבגעשחט׳ען געגענזייטיג ביז אויפ׳ן לעצטען. אַ מעסער אין דער האַנד פון אַ משוגע׳נעם. און די דאָזיגע פראים זענען ציוויליזירטע: זיי האָבען קאָנסטיטוציעס און פרייהייט און דאָס געזעץ פון די גלייכע רעכט, אַלעס לויט דעם נייעסטען מאָדעל. אַ גלייכעס רעכט פאַר יונג און אַלט, אַ גלייכעס רעכט פאַר מאַן און פרוי. און מיט דער קראַפט פון דער דאָזיגער גלייכבערעכטיגונג רופען זיי יעצט די 40 און 50-יעהריגע, זיי זאָלען קומען און אויספילען דאָס אָרט פון די 20 און 30 יעהריגע געפאַלענע. און דאַן וועלען זיי רופען אויך די 15 און די 12-יעהריגע. ס׳זאָל לעבען די גלייכהייט! ווער-ווייס, אפשר וועט אַזאַ בולגאַריען זיין דאָס ערשטע לאַנד, וואו עס וועלען האָבען אויך די פרויען די אמת׳ע פולע גלייכבערעכטיגונג, וועלכע זיי זוכען אַזוי זעהר אין אנדערע לענדער. נאָך דעם ווי אין לויף פון וויטערע אַכט טעג וועלען אויך די לעצטע אַלטע און די לעצטע אינגלעך שוין זיין געפאַלען, וועט מען דאַן רופען אויך די פרויען. יענע הונדערט טויזענד אלמנות קענען זיין אַ גאַנץ היבשע אַרמעע. זיי וועלען גאַנץ גערן געהן דאָרט אַהין, וואו זייערע מענער זענען...

פאַרוואָס? פאר וועמען? — זיי האָבען אַלעמאל איין וואָרט: די טובה פונ׳ם פאָטערלאנד פערלאַנגט עס! דאס גליק פונ׳ם גאַנצען לאַנד הענגט דערפון אָב! די אומה, די אומה מוז מען גליקליך מאַכען! — רבונו של עולם, צוליעב דעם

גליקליך־מאַכען פון דער אומה הרג׳עט מען זי דערווייל אויס ביז אויפ׳ן לעצטען מאַן !...

מיט אַ יאָהר צוויי צוריק איז אין ענגלאַנד געדרוקט געוואָרען אַ ווערק פון איינעם נאָרמאַן אַנדזשעל מיט׳ן נאָמען: דער פאַלשער חשבון. וואָס ברענגט־איין אַ מלחמה?״. דאס ווערק איז איבערגעזעצט געוואָרען אין זיבעצעהן שפראַכען און האט געמאַכט דאס גרעסטע אויפזעהען. די קריטיק וועגען דעם דאָזיגען בוך האט דענסמאָל געזאָגט, אז זינט דאַרווינס הויפט־ווערק וועגען „די ענטשטעהונג פון די מינים״ איז אַזא וויכטיג בוך שוין נישט געווען. אויף די פראַגע „וואס ברענגט־איין אַ מלחמה?״ גיעט אַ תשובה דער הויפט־טיטעל פונ׳ם בוך, אז דאס גאנצע איז „אַ פאלשער חשבון״. דער מחבר ווייזט־אויף זעהר שאַרפזיניג, אז יעדע מלחמה איז איין אומגליק נישט נאר פאַר׳ן בעזיעגטען, נאָר אפילו אויך פאַר׳ן זיעגער, דען זי ברענגט איהם גאָרנישט איין. און דאַן ווייזט ער אויף, אז זי איז איין אומגליק נישט נאָר פאַר די, וואס האַלטען די מלחמה, נאר ויך פאר אלע קולטורעלע פעלקער ארום און אַרום, ווייל אין אונזער צייט, וועלכע ווערט בעהערשט דורך די פראָדוקציע און דורך די אינטערעסען פונ׳ם מסחר, איז גארנישט מעגליך, אז עס זאל זיין אַ פאָלק, וועלכעס די דאָזיגע מלחמה זאל איהם נישט בעריהרען. און דאַן ווייזט ער אויף, אז אין אינזערע צייטען, לויט דעם שטאנד פון דער איצטיגער קולטור, האט קיין שום מלחמה קיין שום צוועק נישט און ברענגט קיינעם נישט קיין שום נוצען.

געוועהנליך רעדט מען איין דעם עולם אזוי: אזוי ווי אַ פאָלק וואַקסט און מוז האָבען איין אָרט, כדי צו קענען זיך פערשפרייטען, און אזוי ווי זיין אינדוסטריע וואַקסט און זי מוז האבען האנדעלס־פלעצער, כדי צו קענען אָבזעצען איהר סחורה, דעריבער איז יעדעס פאָלק געצוואונגען פון צייט צוצייט צו פאַרגרע־סערען זיין געביעט און צו פערשטאַרקען זיין פאָליטישע מאַכט קעגען אַנדערע פעלקער. קומט אָבער נאָרמאַן אַנדזשעל און ווייזט־אויף זעהר גייסטרייך און זעהר שאַרפזיניג, אז דאס דאזיגע

איז אפשר צוגעפאסט געווען צו די פארציייטישע צייטען און צו די דעמאָלדיגע בעדינגונגען, היינט אָבער האט אַזעלכעס אין גאנצען קיין שום זין נישט מעהר און איז לחלוטין אונמעגליך, דען מיר לעבען איצטער אין גאנץ אנדערע בעדינגונגען. האַנדעל און אינדוסטריע פון אַ פאָלק זענען איצטער נישט מעהר אבהענגיג פון די גרעניצען פון אַ לאנד. די מיליטערישע מאכט האט עקאָנאמיש קיין שום כּוח נישט, עס איז אונמעגליך צוצונעהמען איבערסגעוואלט דאס עשירות אָדער דעם מסחר פון איין אנדער פאָלק און רייך צו ווערען דעדורך, וואס מען מאכט איין אנדער פאָלק אונטערטעניג. עשירות איז דאס פּראָדוקט פון טאלענט, פון חכמה, פון ארבייט, און אזוי ווי מען קען ביי אַ פאלק נישט אוועקנעהמען זיין טאַלענט און זיין חכמה און זיין ארבייטסקראפט אָדער ארבייטס-ווילען, אזוי קען מען ביי איהם נישט אוועקנעהמען זיין עשירות. דעריבער מוז דער זיעגער, ווען ער וויל נישט זיין קיין זעלבסט-מערדער, שוינען אלעמאל דאס אייגענטום פון׳ם פיינד — און באופן זה האָט ער עקאָנאמיש קיין שום נוצען נישט פון זיין זיעג און דער פּועל-יוצא איז דאן, אז דאס עשירות פון אַ לאנד, וועלכעס איז בעזיגט געוואָרען, בלייבט בעצם אויך ווייטער אין די הענט פון׳ם פאָלק וועלכעס זיצט אינם דאָזיגען לאנד.

עבענביי געזאָגט: עס וואלט גאָרנישט שאדטען, ווען אויך אהינו בני פּוילען וואָלטען דאס דאזיגע מערקווירדיגע בוך פון נאָרמאן אנדזשעל אַ ביסעל פלייסיג שטודירען. אפשר ואלטען זיי דערפון עטליכע זאכען לערנען... ח׳לעבען, דאס בוך איז איבערגעזעצט אין זיעבעצעהן שפּראכען, אפילו אין אפּאניש און אין זעקס אינדישע שפּראכען, עס וואָל גארנישט שאדטען, ווען עס וואלט פארהאנען זיין נאך איין אכצעהנטע, פּוילישע איבערזעצונג אויך!

וואס נוצען מיר אָבער די אלע הקירות? — דאס בוך בלייבט בוך און דער באלקאן איז באלקאן. איך בין שטארק מסופק, אויב דער צאר פערדינאנד, ווען איך וואלט

זיין געקומען צו אים מיט אַ דריי פיער וואכען צוריק, איידער ער האט זיך גענומען צו דער הערליכער מלאכה פון אוועק׳שחט׳ען א הונדערט טויזענד מאן, און וואלט אים געבען דאס דאזיגע בוך צום לעזען,–איך בין, זאג איך, שטארק מסופק, אויב ער וואלט זיך אראָבגענומען דערפון א מוסר-השכל און אויב די וועלט-געשיכטע וואלט איצטער אויסזעהען אנדערש. ער וואלט האבען פאר מיר נאר די איינע תשובה: די טובה פונ׳ם פאטערלאנד פערלאנגט עס! ער בעצוועקט דאס גליק פון זיינע צוויי מיליאָן אונטערטאנען! די אומה, די אומה מוז ער גליקליך מאכען! עס געהט איהם נאר וועגען די אומגליקליכע אומה, וועלכע ער מוז דורכאויס גליקליך מאכען!–און דער מבול פון בלוט שטייגט און בעדעקט שוין די שפיצען פון די העכסטע בערג, און הונדערט טויזענדע פאלען אין נאר איינציגע אכט טעג, און שטעדט ברע-נען און דערפער ווערען וויסט, און הונגער און עלענד און נויט הערשען איבער׳ן גאנצען לאנד, און דאס יאָמער-געשריי פון הונ-דערט טויזענדער פרויען און קליינע קינדער, וועלכע זענען נאר וואָס נאך געוועזען גליקליכע מענשען, ערפילט די לופט און ציטערט ביז צום הימעל.

פארוואס? פאר וועמען? ווער האט בעדארפט די דאזיגע אפפער?...

אַ מיניסטער איז געוועזן, אין וועלכען עס האָט געברענט דער אונבענדינער חשק, ארייגצושרייבען זיין נאָמען אין דעם בוך פון דער וועלט-געשיכטע, און צו הייסען דאָרט דורכאויס אַ צווייטער ביסמאַרק. און אַ הערשער איז געוועזן, וועלכער האָט געהאַט פאַנטאַזיע גענוג און וועלכען דער עהרגייץ האָט געטריבען צו ווערען ביסלעכווייז אַ צוויי-טער נאַפאלעאָן. אויף איינזאמע שפּאַציערגענג האָט ער געמאַכט פּלע-נער און עס האָט זיך איהם גע׳חלום׳ט פון אַ גרויס-בולגאַריע; און פון איין אויבערהערשאפט איבער די פעראייניגטע באַלקאַנען און פון אַ זיעג איבער אַ טערקיי און פון אַ גרויס-מאַכט און פון נאָך און פון נאָך און פון נאָך–און ער איז געגאַנגען און האָט געמאַכט די קליינע פּראָבע אויפ׳ן לעבען פון הונדערט טויזענד מענשען. עס איז דאָך נאָר אַ פּראָבע. זיי אָבער האט ער געזאָגט: די טובה פונ׳ם פאטערלאנד און דאס גליק פון דער אומה פערלאַנגט עס!

אייביגער שלום.

וואָס האָט זי אונז געגעבען, די דאָזיגע שרעקליכסטע פון אַלע שרעקליכע מלחמות? — פאָרלויפיג האָט זי אונז געגעבען נאָר דעם דאָזיגען שרעקליכסטען פון אַלע שרעקליכע שלום׳ס: אַ נישט-אַהין און נישט-אהער, אַ בעשטענדיג פלאַטערן צווישען לעבען און טויט, אַ דערווייל-צושטאַנד אויף יאָהרען ארויס, עפּעס אַ מין ערזאַץ שלום, וועלכער האַלט-אָן אַ האלבע מענשהייט ביים גארגעל און לאזט זי נישט קומען צום אָטהעם און לאָזט זי נישט צוטרעטען צו איהר נאָרמאלער, טעגליכער בעשעפטיגונג. ס׳פערשטעהט זיך אָבער, אז דאס שטערט נישט די גרויסע הערען, די פאבריקאנטען פון דער מענשהייטס גורל, אונז צו פערזיכערן טאָג און נאַכט, אז זיי וועלען אונז געבען אויך אַ פעלקער-בונד, און דער פעלקער-בונד וועט אונז געבען אַ וועלט-שלום, און דער וועלט-שלום וועט דאַן ווערען יענער אומפערוויסטליכער אייביגער שלום, פון וועלכען עס האט געחלומ׳ט פון אייביג-אָן יעדער נביא און יעדער דיכטער און יעדער מענשען-ליעבהאָבער. איך בין אפשר אַ שלעכטער מענש, אָבער זאגען מוז איך עס דאך: ס׳איז אפשר שוין כדאי געווען אויסצוקוילען אַ פערציג-פופציג מיליאָנען מענשליכע בעשעפענישען און אזוי אומגליקליך צו מאכען אויף דערווייל אַ גאנצע וועלט, אום סוף-כל-סוף צו קענען אַמאל דערגרייכען אַזא געוואַלטיג-ערהאַבען ציעל. אָפט ווילט זיך אַ מענשען

אַליין שטאַרבען, אום נאָר צו האָבען דאס בפוואוסטזיין, אז דאס וועט אַמאָל מעגליך זיין. דאס אומגליק איז נאָר, וואס יענע מיליאָנען געקוילעטע זענען דערוויילּ די איינציג זיכערע זאך, זיי זענען טאקי געקוילעט און זיי פוילען שוין אין דער ערד, ווערהענד דער אייביגער שלום איז עפעס נאָר אַ בלויז וואָרט, און אַ וואָרט, מעג עס זיין נאך אזוי שען, קאן, חלילה, בלייבן נאר אַ וואָרט אליין.

דען, זעהט איהר, פערדעכטיג איז מיר באלד דער ער-שטער ברוך-הבא, וועלכען די נייע מענשהייט דערלאַנגט אונז: אידעאליסטען, וועלכע רעדען אין נאמען פון דעם העכסטען און ערהאבענסטען, וואס לעבט אין אַ מענשליכער ברוסט, און זייער בעשטרעבען איז, אוועקצונעהמען פונ׳ם רייכען דאס, וואס עס קומט איהם נישט ביושר, און אוועקצוגעבען דעם עלענדען ארבייטער דאס, וואס ער האט מיט זיין שוויס געשאפען, איז דאס ערשטע, וואס די דאזיגע אידעאליסטען טהון, זיי געהען גרינדען אַ גרויסע, געוואלטיגע ארמעע. זיי חלומ׳ען פון אַ מיליאָן, פון דריי מיליאָן, פון צעהן, פון הונדערט-מיליאן נייע סאל-דאטען. בעקעמפט און אונטערגעגראָבען האבען זיי דאס אלטע אינם נאמען פון דעם אידעאל, אז אבגעשאפט וועט קודם-כל ווערען דאס שטעהענדע מיליטער און די מלחמה בכלל, — און זיי אליין האבען נישט קיין אנדערע עצה פאר זיך, אום זייער אידעע דורכצופיהרען, ווי נאר דורך איין ארמעע פון פיעל, פיעל מיליאנען. אלזא נישט איין אידעע האט דא צו זיעגען, נאר די קראפט פון וואפען. איז דאס אלזא פיעל אנדערש, ווי ס׳איז געווען צו דער צייט פון די קרייץ-ריטער און פון דער אינקוויזיציע און פון די טויזענד אנדערע חלומות, וועלכע זענען אלע מאל געקומען צו אונז גלייכפאלס אין נאמען פון עפעס איין „אידעע״? — און דאן, זעהט איהר, איז מיר פער-דעכטיג אויך אַ צווייטע ערשיינונג: אלע בענייטע פעלקער, פאר וועלכע די מלחמה האט אזוי זעהר געארבייט, אום זיי זעלבסט-שטענדיג צו מאכען און מתקן צו זיין די פגימה, וואס די גע-שיכטע האט פוגם געווען אָן זיי, איז דאס ערשטע, וואס די

דאָזיגע בענייטע פעלקער טהון, זיי גרינדען זיך ארמעען, און זיי שטרעבען, אז די דאזיגע ארמעען זאלען ווערען וואס גרעסער און וואס געוואלטיגער. אלזא דער כּוח פון דער פויסט וועט האבען צו ענטשיידען. און דאן אויך א דריטע ערשיינונג: אויך די פעלקער, די גרויסע און מעכטיגע, וועלכע האָבען ביז איצטער נישט געוואוסט, וואס שטעהענד מיליטער איז, זיי אלע זענען פלוצלונג געקומען אויפ'ן געשמאק ארויף און זיי האָבען בעשלאָסען צו האלטען זיך, על כּל צרה שלא תבא, א ביסעל פערטיגע סאָלדאטען. ווייזען אַזעלכע קליינינגקייטען ווירקליך דערויף אָן, אַז די נעכסטע צייט וועט דאָס זיין די צייט פון דעם אייביגען שלום?

צוליעב וואָס איז זי געפיהרט געוואָרען, די דאָזיגע שרעקליכסטע פון אלע שרעקליכע מלחמות? — זיי זאָגען, כּדי צו בעפרייען די קליינע פעלקער. אָך, דאָס אייביגע זאָגען! ווען האָט מען נישט געזאָגט און ווען האט דאס קינד נישט געהאַט קיין נאָמען? אַ נאָמען האָט גאָט זיי דאנק קיינמאל נישט געפעהלט. נאָר זעלטען, זעהר זעלטען, אז אַ פאָלק האָט געהאט אזוי פיעל עהרליכקייט אין זיך, אום מודה צו זיין, אז דער קריג, וועלכען עס פיהרט, איז איין עראָבערונגס-קריעג, איין עראָבערונג סתם לשם עראָבערונג. געוועהנליך אָבער האָבען זיי געמוזט האָבען פאַר אַזא עדעלע זאַך עפעס איין „אידעע". אָהן איין אידעע האָבען זיי זיך נישט גערירט. איינמאָל האָט'ס געהייסען „הייליגער קריעג" און איינמאָל „קריעג פאַר די רעליגיאָן", איינמאל „פריי-הייטס-קריעג" און איינמאָל „קריעג פאַר די רעוואָלוציע", איינמאָל „פאטריאָטישער קריעג" און איינמאָל „קריעג פאר דעם גליק פונ'ם פאטערלאַנד". אויף וואס פאַר אַ נעמען זענען שוין נישט געפאַלען די דאָזיגע, וועלכע עס האט געטריבען, אַ ביסעל מענשען-בלוט צו פערגיסען? יעדע צייט האָט געהאַט איהר מאָדע, יעדע צייט — איהר „אידעע". פערשטעהט זיך, אז אזא ליכטיגע צייט, ווי די אונזעריגע, וועט נישט מעהר קומען אינ'ם נאָמען פון עפעס אַ רעליגיאָנס-

קריעג; דאס איז נישט מעהר מאָדערן; יעצט מוז עס שוין הייסען: „קריעג פאַר די רעוואָלוציע”, „קריעג פאַר די פרייהייט”, „קריעג אום די קליינע פעלקער צו בעפרייען”. די נעמען האבען זיך געביטען, דאָס איינציגע אָבער, וואָס האָט זיך נישט געביטען, דאָס איז דער מענש. דאָס דאָזיגע מערק־ווירדיגע טיער מיט די טיערישע אינסטינקטען און מיט דער פלוצליכער תאוה, וועלכע פאַלט איהם צייטווייז אָן, בלוט צו פערגיסען, איז דאָס זעלביגע, ווי עס איז געווען דענסמאָל, ווען מען האָט וועגען אים געזאָגט, אַז „יצר לב האדם רע מנעוריו”. האָט ער אויף זיך צייטענווייז אַרויפגעצויגען עפעס אַ הייטעל פון אַ קולטור, דאַן האָט ער געזוכט נאָך אַ פייגענבלאַט, אום צו פערדעקען דערמיט זיין שאַנד, אַ מין „היתר עסקא” אויף בלוט־פערגיסען — ער האָט געזוכט אַ נאָמען, ווי דאָס קינד צו רופען, ער האָט זיך איינגערעדט איין „אידעע” אין בויך, און איז רוהיג געגאַנגען מאָרדען. און בנוגע צו דער דאזיגער חיה מיט אַזא קנאַפער מעגליכקייט צום ענטוויקלען זיך און צום פאָרטשרייטען זאָלען מיר רעדען וועגען איין אייביגען שלום?...

אייביגען שלום, זאָגט איהר? — אז אָך און אז וועה! — פערציג מיליאָן מענשליכע וועזען האָט מען נאר וואס אויס־געשאָכטען אים נאָמען פון עפעס איין אידעע, און איך בין זיכער, אז כדי די אידעע פון אייביגען שלום דורכצופיהרען, וועט די דאזיגע עדעלע מענשהייט זיך נישט אָבשטעלען, צוליעב ווידער דער נייער אידעע, אפשר גאָר פיער הונדערט מיליאָנען נייע מענשען אויסצושעכטען. אַייביגען שלום, זאָגט איהר? — אַ קלאָג צו אונזער לעבען! — אַ רעוואָלוציע איז נאָר וואס געמאכט געוואָרען, אום צו פערהעלפען עלענדע מענ־שען, אַ ביסעל לייכטער צו עטהעמען, אַ ביסעל מענשליכער צו לעבען, אַ ביסעל וועניגער קנעכטיש צו זיין, און אָט איז געקומען נאָך יענער נייער אידעע אַ נייערע אידעע, און נאָך דער נייערער אידעע איז געקומען די נייעסטע, די גאָר נייעסטע, און אָט איז מען בצרייט צוליעב דער

גאָר נייעסטער אידעע אַ לאנד פון הונדערט און פופציג מיליאָן מענשען אויסצוקוילען, און באופן זה צו פערהעלפען זיי לייכטער צו עטהעמען און מענשליכער צו לעבען און וועניגער קנעכטיש צו זיין. אייביגען שלום, זאָגט איהר? — אז וואונד און וועה צו אונז! — עס קומט אַ פאָלק, וועלכעס זאָגט, אז עס וויל זיך געגענשטעלען געגען יענע, וואס ווילען אַ וועלט בעגליקען געגען איהר אייגענעם ווילען, און דאָט ערשטע, וואס דאס דאָזיגע פאָלק טהוט, איז, אז איידער וואָס-ווען, הרג׳עט עס דערווייל אויס עטליכע הונדערט רוהיגע בירגער, און אַלעס, פערשטעהט זיך, נאָר צוליעב דער אידעע, אַך, ווי איז מיר מאוס פאַר דער חיה-מענש און פאַר איהרע אידעען, און זאָגאַר פאַר איהר אייביגען חלומ׳ען פון איין אייביגען שלום!

אַ קראַנקהייטס-שטאָף ציהט זיך דורך די וועלט, און אַלע מאָל טרעט ער אויף אונטער אַ נייעם נאָמען. אַ מאָל הייסט ער „כאָלערא״ און אַ מאָל „דזשומא״, אַ מאָל „שוואַרצער טויט״ און אַ מאָל „איספאַנקע״, אָבער אונטער וועלכען נאָמען און אין וועלכער פאָרם ער טרעט אויף, אַלע מאָל גליקט עס איהם אָב זיינע עטליכע הונדערט טויזענד קרבנות אַוועקצולעגען. אַ בלוטיגער אינסטינקט פון דער מענשליכער חיה געהט איבער דער ערד, און אַלעמאָל בעווייזט ער זיך אונטער אַ נייער אידעע. אַ מאָל הייסט ער „צוליעב דער רעליגיאָן״ און אַ מאָל „צוליעב דעם פאטערלאנד״ אַמאָל „צוליעב דער פרייהייט״ און אַ מאָל „צוליעב מענשען און פעלקער צו בעגליקען״, אָבער אונטער וועלכען נאָמען און אין נאָמען פון וועלכער אידעע ער טרעט אויף, אַלע מאָל גליקט עס איהם אָב זיינע עטליכע מיליאָנען מענשליכע קרבנות אַוועקצוקוילען. עס איז טרויעריג, ווען מען טראכט וועגען דעם!

עטליכע יאָהר כסדר האָט אַ מלחמה געווילדעוועט. די דינע שיכט פון איין אויפגעשמירטער קולטור איז ביסלעכ-

ווייז אַראָב, ווי דאס ביסעל ניי-זילבער פון אַ שלעכט פער-
זילבערטען לעפעל. דער אינסטינקט איז געקומען צו זיין
הערשאַפט. דער אינסטינקט געוועלטיגט איצט און איז די
נאָרם פון אונזער איצטיג לעבען. אין דעם לאַנד, וואס
נעהמטא יין דעם גרעסטען שטח פון אייראָפּא, איז ער אויסגע-
וואַקסען ביז צו אַ מין פּאַדיזם. מען קוילעט מענשען און
מען האָט אַ הנאה דערפון. מען קאָן זיך נישט פאָרשטעלען
קיין גרעסערע הנאה ווי קוילענען. אין מיטעל-אייראָפּא איז
דער נאַטור מענש אויפגעשטאַנען אין זיין גאַנצער גרויס.
וואָס מיר גערעכטיגקייט ? וואָס מיר יושר ? דער איס-
טינקט איז טרומפף, און מען זוכט אפילו קיין אויסרייד
אויך נישט מעהר. און ביי די קליינע פעלקער, אַך, די
דאָזיגע קליינע פעלקער ! ביי זיי זענען די נעגעל נאָך נישט
אויסגעוואַקסען, און עפּעס אַ מעשה רב צו טהון, דורס׳ן
זיי דערווייל די נאָך שוואַכערע און נאָך קלענערע שכנים.
די רומענער, למשל — איהר ווייסט דאָך מן-הסתם, וואו
רומעניען ליעגט — האבען, ווי עס ווייזט-אויס, איין אָבמאַך
מיט דעם פיער-ראַט, אָבצורוימען די באָלשעוויקעס. אזוי
אָבער ווי אָברוימען באָלשעוויקעס איז אַ ביסעל שווערליך,
האָבען זיי זיך די אַרבייט פיעל לייכטער געמאַכט: זיי
הרג׳ענען יעדען טאָג אַזוי און אַזוי פיעל אידען ביי
זיך אין דער היים און שרייען געוואַלט, אַז דאָס זענען
באָלשעוויקעס, און, אם-ירצה-השם, יעדען ערשטען פונ׳ם חודש
וועלען זיי קענען צושטעלען דעם פיער-ראַט אַ חשבון, אַז זיי
האָבען מיט געטליכער הילף שוין אויסגע׳הרג׳עט אזוי און אַזוי
פיעל באָלשעוויקעס.

און דער אייביגער שלום? — עס ציהט מיך פאָרט צו
איהם און איך מוז אָן איהם אחרי כל אלה גלויבען. עס
איז ווי מיט דער גאָט-אידעע, ווי מיט דער פראַגע וועגען
זיין אין ניכט זיין און ווי מיט דעם טראַכטען וועגען טוידט
און לעבען. מען ווייסט, אַז מיט מענשליכע חושים קען מען

דאָס אַלעס נישט דערגעהן, און מען ווען עס נישט דערגעהן — און פּאָרט טראַכט מען אייביג. בייטאָג זאָגט מיר דער שכל גאַנץ קלאָר, אז איין אייביגער שלום איז אַ נישט מעגליכקייט, ביינאַכט אָבער, ווען מען קען נישט שלאָפען, כאַפּט מען זיך דערביי, ווי מען האָט שוין ווידער וועגען איהם געטראַכט. חוץ דעם שכל האָט דער מענש נאָך עפּעס אין זיך, וואָס צווינגט איהם אַלע מאָל פון דאָס ניי אָנצוהויבען און אַלע מאָל פון דאָס ניי צו גלויבען. וואָס איז דאָס דאָזיגע „עפּעס?"

דריי זענען זיי געווען.

דריי סיים-דעפוטאַטען זענען זיי געווען און גערעדט האָבען זיי. מילא, וואס דען זאָלען זיי טהון, אַז נישט רעדען? דערפאַר זענען זיי דאָך סיים-דעפוטאַטען און רעדען איז זייער קונסט-פאַך. איינער האָט געזאָגט: מיינע הערריען! מען האָט אונז אידען שוין ווידער געמאַכט פּאָגראָמען. פאָרגעקומען איז עס אין דער און דער שטאָדט. אַזוי און אזוי פיעל זענען דאָ גע'הרג'טע, אזוי און אזוי פיעל שווער פערוואונדעטע און אזוי און אזוי פיעל לייכטערע. צו קבר-ישראל האָט מען געבראַכט די און די, און אין די שפּיטעלער ליעגען יענע און יענע. געראַבּעוועט קראָמען האָט מען אַזעלכע און אַזעלכע, רואינירט פערמעגענס האָט מען פאַר אַזוי און אַזוי פיעל, און די היזקות בעטרעפען דאס און דאס. אָט דאָ אין מיין דעפוטאַטען-טעקע איז אַלדינג האָר-קליין פערצייכענט, בעשטעטיגט דורך מענשען, וועלכע האָבען עס געזעהען מיט אייגענע אויגען, און אַלדינג איז קלאָר בעוויזען. איך וועל שטעלען דעם אנטראַג, אז מען זאָל בעוויליגען, ווי אים גיכסטען אַרויסצושיקען אַהין אַ קאָמיסיע. פון אַ קאָמיסיע, דאָס ווייס שוין אפילו אַ קינד, קומט אַלעמאָל אונזער ישועה. איך בין טיעף איבערצייגט, אַז דאָס איידעלע פאָלק מיט זיינע הונדערט יעהריגע טראַדיציעס וועט בשום אויפן נישט דערלאָזען, אַז עס זאָל בלייבען אַ פלעק אויף זיין בלאַנקען נאָמען פאַר די אויגען פון

דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט! — דער צווייטער האָט גע־זאָגט: נישט אַזוי! אמת טאַקי, מען האָט גע׳הרג׳עט און פער־וואוּנדעט און געראַבעוועט און רואינירט און געטהון דאָס אלעס, וואס מיין געעהרטער פאָררעדנער, דער דעפּוטאַט פון די אידען, האָט געזאָגט, אָבער דער טעות ליעגט דאָך אויבען־אויף אויף דער האַנד: דאָס זענען נישט געווען קיין פּאָגראָמען, נאָר עקס־צעסען. איך קען גאָרנישט בעגרייפען, ווי מען קען הרג׳ענען און פערוואוּנדען און ראַבעווען און רואינירען אָנרופען פּאָג־ראָמען. דאָס איז פּראָסט אַ בלבול: הרג׳ענען און פערוואוּנדען און ראַבעווען און רואינירען ווערט ביי יעדען קולטור־פאָלק אָנגערופען נאָר עקסצעסען. די עדעלע הוּנדערטיעהריגע טראַ־דיציעס פון איין עדעל פאָלק מוזען מיט ענטריסטוּנג צוריק־ווייזען דעם פאָרוואוּרף פון פּאָגראָמען. ווען מיר מאַכען, דאַן מאַכען מיר העכסטענס נאָר עקסצעסען. דאס מוז איין פאַר אַלעמאָל די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט אַרום וויסען! — דער דריטער האָט געזאָגט: ניין! עס זענען דוקא יאָ געמאַכט גע־וואָרען פּאָגראָמען, נאָר געווען איז די מעשה אַ ביסעל אַנדערש: נישט אויף זיי, די אידען, זענען די פּאָגראָמען געמאַכט גע־וואָרען, נאָר זיי טאַקי, די אידען, האָבען די דאָזיגע פּאָגראָמען געמאַכט אויף אַנדערע. שוין צווייטויזענד יאָהר כסדר, ווי בעוואוּסט, מאַכען זיי אַלץ פּאָגראָמען אויף אַנדערע, און ווילען אַ וועלט איינשמוּעסען, אז מען מאַכט דאָס אויף זיי. אָבער די וועלט איז נישט בלינד. די וועלט זעהט, אונזערע הויכע טראַדיציעס, אונזערע הוּנדערטיעהריגע אלטע עדעלע קולטור א. אז. וו.

רבונו של עולם! איז דאָס אַ פּאַרס? און וויל מען נישט בעגרייפען, אז אַ וועלט איז נישט בלינד און נישט טויב, און זי זעהט און הערט דאס אַלעס און זי — פערשטעהט עס אַקוראַט? און ווען שוין נישט די וועלט יעצט, און ווען שוין נישט אינ׳ם יעצטיגען אויגענבליק, ווען די ליידענשאַפטען זענען צעהיצט, און מען „קעמפט“ מישטיינס־געזאגט, און מען בייסט זיך איינע די אַנדערע אָב די נעז, און מען רעדט פּאַר

פייער און פאַר וואַסער און מען ווייסט אַליין נישט וואס. — וועט דען נישט קומען אַמאָל אַ דור, אין הונדערט אָדער אין צוויי־הונדערט יאָהר אַרום, און וועט ער דען נישט געפינען דאס אַלעס פערצייכענט, און וועט זיך דאַן צעלאַכען איבער זיינע קלוגע טאַטעס און זייערע קלוגע רעדעס, אז די וועלט וועט פערהילעכט ווערען? — אוי גאָט, לאָז מיך נישט לעכערליך זיין אין די אויגען פון מיינע אייניקלעך! לאָז מיך זיין אין זייערע אוינען אומגערעכט, נאָר לעכערליך לאָז מיך נישט זיין! נאָר נישט לעכערליך!

אָך, יענער ערשטער רעדנער! ער האָט זיך אפשר נאָר טועה געווען אין דער אדרעסע... ער האָט דאס, וואס ער האָט בעדאַרפט זאָגען צו אַנדערע, געזאָגט נישט צו די ריכ־טיגע אויערען. איך קען מיר נישט פאָרשטעלען ירמיה הנביא אין דער ראָלע, ווי ער קומט, מיט זיין ספר איכה אונטער דעם אָרעם, צי נבוכדנאצר מיט זיינע חברים דוקא, כדי צו נעהמען פון זיי אַ הסכמה אויף דעם דאָזיגען הערצרייסענדען ספר. זענען דאָך יענע די אייגענטליכע מחברים פון אַלדאָס, וואָס ס'איז דאָרט בעשריבען. און נישט גערעדט מיט'ן מויל האָבען זיי די אַלע מעשים, ווי ער, דער אָרעמער ירמיה, נאָר טאַקי מחבר געווען מיט די אייגענע ידים, מיט העק און מיט מעסערס. איך קען מיר אויך נישט פאָרשטעלען דעם דאָזיגען ירמיה, ווי ער קומט צו יענעם נבוכדנאצר מיט זיין קאָמפּאַניע, און פערלאַנגט פון זיי דוקא אַ קאָמיסיע. איין אונטערזוכונגס־קאָמיסיע, וועלכע זאָל האָבען די פליכט צו פאָהרען קיין ירושלים און פעסטצושטעלען, געענוי און ציפער־מעסיג, אויב ס'איז ריכטיג אַזוי, אַז „אכלו נשים פרין”, און וויעפיעל האָבען געגעסען און ווען האָבען זיי געגעסען און ביי וועלכע אומשטענדען איז עס געשעהען. דער פועל־יוצא פון אַזא קאָמיסיע איז דאָך קלאָר. די קאָנסעקווענציע פאָדערט, אַז מען מוז זיין גערעכט, און — מען ו ו ע ט זיין גערעכט. אָדער קענט איהר זיך פאָרשטעלען יוחנן גוש חלב אין דער ראָלע, ווי ער זיצט אין רוים אין אַ סיים פון טיטוס און זיינע

חברים, און האַלט רעדעס וועגען געוויסע עולות, וואָס זענען זיין פאָלק געטהון געוואָרען, ביז מען ענטפערט איהם, אַז נישט פאָגראָמען זענען עס געווען, נאָר עקסצעסען, און נישט אויף זיין פאָלק האט מען זיי געמאַכט, נאר זיין פאלק טאַקי האט זיי געמאַכט אויף אַנדערע ?

פיעל בעסער איז שוין דער צווייטער רעדנער. ער האָט וועניגסטענס וויץ. אין אַזא ערנסטער און טרויעריגער צייט, ווי די איצטיגע, איז ער דער איינציגער, וועלכער פערמאָגט אויף אַזוי פיעל וויץ, אום זיך אַריינצולאָזען אין פילאָלאָגישע חקירות. נישט פאָגראָם הייסט עס לויט דעם נייעסטען שטאַנד-פונקט פון דער וויסענשאַפט, נאָר עקסצעס. פאָגראָם הייסט נאָר אַזעלכעס, וועלכעס ווערט געמאַכט, גענוי און פינקטליך, לויט דעם מוסטער פון קישינעוו בשעתו, דאָס הייסט, מיט טשוועקעס אין די שלייפען און מיט בייכער-שליצען. קוים ווערט עס אַ ביסעל אַנדערש געמאַכט, און מעג עס אַפילו זיין פיעל שטאַרקער און נאָר אין איין אַנדערער פאָרם, הייסט עס שוין בלויז עקסצעס. און ווען זיך אויסווייזען, אַז אויך ביי אונז איז גע-ווען אַ טשוואָק, און נאָר איז דער טשוואָק געווען אַ צוויי-צאָליגער, וועהרענד דער קישינעווער האָט געהאַלטען דריי צאָל — איז דאָס נאָר איין עקסצעס. און ווען זיך אויסווייזען, אַז אויך ביי אונז איז געווען אַ חוליגאַן, און נאָר איז דער חוליגאַן גע-ווען אָנגעטהון אין אַ מאַטשעיאָווקא מיט אַ קאָנפעדעראַטקע, וועה-רענד דער קישינעווער איז געגאַנגען אין אַ רובאַשקא מיט אַ קיטשמא אויפן קאָפּ — איז דאָס נאָר איין עקסצעס. און ווען זיך אויסווייזען, אַז אויך ביי אונז האָט געאַרבייט ביים ראַ-בירען אַ שוואַרץ-מאה'דיגער, און נאָר האָט ער גערעדט בשעת דעם ראַבעווען אויף פּויליש, וועהרענד דער קישינעווער האָט גערעדט אויף רוסיש — איז דאס נאָר איין עקסצעס. בקיצור: עס מוז זיין געגוי און פינקטליך און אָהן אַ שום אָבענדערונג, נישט קלענער און נישט גרעסער, נישט שוואַכער און נישט שטאַרקער, נישט מעהר און נישט וועניגער, נאָר אַ קוראַט אזוי ווי אין קישינעוו, טאָמער ניין, איז עס נישט מעהר קיין פּאָג-

Ex bibl. univ. Tart.

דאָס. אמת, דעדורך ווערט זעהר איינגעשרענקט דאס רעכט פון
דער אינדיווידואַליטעט און דאָס וועזען פון דער פערזענליכקייט
און די האַנדלונג לויט אייגענאַרט פון לאַנד און פאָלק — נאָר
וויסענשאַפט איז דאָך וויסענשאַפט. די פיינהייט אין דער פעסט-
שטעלונג פון אַ פילאָלאָגישער פאָרשונג שטעהט העכער פון אַל-
דינג. זאָגט וואָס איהר ווילט: אַזא רעדע האָט וויץ!

קומט מען אָבער צו דעם דריטען רעדנער, הערט יעדער
וויץ פלוצלינג אויף און אַ טרויעריגקייט לעגט זיך ווי אַ בליי
אויפ׳ן האַרץ און געמיט. און מינוטענווייז כאַפּט-אָן אויך ווי
אַ בעדויערען — דען מען שטעהט ווי פאַר אַ קראַנקען. אַזוי
ווייט, נעבעך, זענען מענשען געקומען. זיי זענען זיך פער-
לאָפען אין אַ לאַבירינט, פון וועלכע זיי קענען נישט אַרויס,
און זיי זאָגען איין אויסרייד, און פיהלען נישט, אז די וועלט
קען זיי נישט גלויבען. זיי שרייען אַלץ, אז אידען האָבען
געמאַכט אַ גערודער איבער דער גאַנצער וועלט, און זיי פער-
שטעהען נישט און עמפּפינדען נישט, אז מענשען אין דער
פרעמד האָבען אויגען און אויערען און האָבען אַ לאָגיק און
האָבען אַ חוש, צו וויסען, וואס איז מעגליך און וואָס אונ-
מעגליך, און אז אויך אָהן דעם אידענס גערודער מוזען זיי
קומען צו דעם ריכטיגען שלוס. זיי ווילען נישט וויסען און
פערשטעהען, אז אַ פּאָגראם איז נישט קיין שפּילקע קעפּעל,
וועלכע מען קען ערגעץ-וואו פערשטעקען און בעהאַלטען, און
אז ווען אַזעלכע מעשים ווידערהאָלען זיך סיסטעמאַטיש אַ חודש
נאָך אַ חודש כסדר, דאַן מוז סוף-כל-סוף אויך אַ בלינדער דער-
זעהן דעם ריכטיגען טהאַט-בעשטאַנד, און זאָגען זיי דאַן אַ נייעם
אויסרייד, מאַכען זיי זיך נאָך לעכערליכער און זיי פערלירען
אויך דעם לעצטען צוטרוי. עפּעס ווי אַ פערבלענדעניש האָט
ארומגענומען אַ גאַנצע גרופּע מענשען. זיי פרעדיגען טאָג
און נאַכט האַס, זיי העצען אין זייערע בלעטער, זיי לאָזען-צו
ווי מען הרג׳עט און ראַבעוועט און שלאָגט און פליקט בערד,
און אַזוי ווייט, נעבעך, זענען זיי געקומען, אז זיי טענה׳ען
צום סוף — אידען טהוען דאָס אַלעס זיי. און זיי ווילען, אז

Ex bibl. univ. Tart.

דאס זאָל זיי אַ וועלט גלויבען. אידען הרג'ענען זיי, אידען ראַבעווען זיי, אידען שלאָגען, זיי אידען פליקען זיי די בערד — און זיי פיהלען נישט, אַז די לאָגיק איז געגען זיי, און אז דאס קען זיי און וועט זיי קיינער נישט גלויבען. עס האָבען אפשר מענשען עוין גרעסערע עולות געטהון. איך קוק אַריין אין די בלעטער פון מיין טרויעריגער געשיכטע און איך שלעפּ מיך דורך טייכען פון בלוט, אָבער קיינמאָל נישט האָבען די, וועלכע האָבען אונזער בלוט פערגאָסען, פערלייקענט זייערע מעשים. זיי האָבען דעם מוט געהאַט צו זאָגען, אַז דאָס און דאס האָבען מיר געטהון. מיר האָבען עס געטהון, ווייל מיר האָבען זיי פיינד, מיר האָבען עס געטהון, ווייל מיר האַלטען נישט פון קולטור און מענשליכקייט, מיר האָבען עס געטהון, ווייל עס לויהנט אַזוי פאַר אונזערטוועגען. אַך, ווען איך וואָלט היינט אין דעם דאָזיגען לאַנד געפינען איין מענש, וועלכער זאָל דעם מוט האָבען צו זאָגען, אַז ער האָט מיך פיינד און ער טראָגט נישט די פאָהן פון קולטור און ער שלאָגט מיך, ווייל עס לויהנט איהם אַזוי! גוט, איינמאָל קאָן אנגעהן דער תירוץ, אַז ער שלאָגט מיך, ווייל איך האָב דער־הרג'עט עפּעס אַ בעוואָפענטען, אַ צווייט מאָל קאָן גילטען דער תירוץ, אַז ער ראַבעוועט מיך, ווייל איך שפּעקוליר און פערקויף אַ טיכעל צו טייער, אַ דריט מאָל קאָן זיך איהם איינגעבען דער אויס־רייד, אַז איך האָב בעהאַלטען אין בית־מדרש געוועהר, כדי צו מאַכען אַ רעוואָלוציע, און דעריבער רעכענט ער זיך אָב מיט מיר — אָבער ווען די דאָזיגע פאַלען ווידערהאָלען זיך כראָניש, אַ מאָל נאָך אַ מאָל, אַ מאָל נאך אַ מאל, יעדען טאג און יעדע וואך און יעדען חודש, ווי וויל ער דא, אַז די וועלט אַרום, וואס קען שוין די דאזיגע בלבולים, ווי זיי ווערען מיר געמאַכט זינט צווייטויזענד יאהר און האבען זיך אַלעמאָל אַרויסגעוויזען פאַר ליגענד, ווי וויל ער דאָ, אַז די וועלט זאל איהם גלויבען? — אַ פערבלענדעניש האט ארומ־גענומען אַ גאַנץ פאלק. מינוטענווייז כאַפּט מיך אָן אויך ווי אַ בעדויערען — דען מען שטעהט ווי פאַר אַ קראַנקען. זיי

פיהלען נישט, וואס זיי טהוען, זיי ווייסען נישט, וואס מען קען גלויבען און וואס מען קען נישט גלויבען, זיי פערשטעהען נישט, אז וואס ווילדער דער אויסרייד איז, אַלץ מעהר פער־ליערען זיי דעם לעצטען צוטרוי׃

אַ מלחמה האט זיך אנגעהויבען פאַר פינף יאהר, און נישט שטארבען האב איך געוואלט, ביז איך וועל נישט וויסען איהר סוף. אַ שלום האט זיך אנגעהויבען אט יעצט, און נישט רוהען קען איך, ביז איך וועל נישט דערלעבען, וואס פון איהם וועט ווערען. מעהר פון אַלעם אבער וואלט איך וועלען וויסען, וואס פאַר אַ וועגדונג עס קענען נעהמען אַ זעלכע פערהעלטניסע ״ין אַ לאַנד!

פראטעסטען.

איך בין גראד אין וויען געוועזען צו דער צייט, ווען דארט איז אינ׳ם גרויסען מוזיק־זאַל פארגעקומען די גרויסע הונדערט־קעפּיגע פראטעסט-פערזאמלונג, וועלכע האט אויף דעם פייערליכסטען אופן פראטעסטירט געגען דעם שרעקליכסטען פון אלע שרעקליכע בלבולים — געגען דעם בלוט-בלבול אויפן אידישען פאלק. דער איינדרוק איז געוועזען אַ געוואלטיגער. טרעהרען האבען זיך געשפּיגעלט אין דער לופט און קרייצען האבען געציטערט. פון אלע עקען פון לאנד זענען פארגעקומען געוואָרען די פּראָטעסט-טעלעגראמען. דער פארשטעהער פון דער אידישער קולטוס-געמיינדע, ד״ר שטערן, איין אלטער גרייז-גראהער מאן, האט געוויינט און געהאַלטען זיין רעדע. דער פּרעדיגער ד״ר גיעדעמאַן האט מיט עקעל און מיט דעם טאן פון אַ טיעף־בעליידיגטער מענשען־עהרע אבגעווענדט פון זיך און פון זיין פאָלק די אונמענשליכע בעשולדיגונג. עס האט זיך געהערט דאס וואָרט: „מיר שווערען, מיר שווערען״. רבנים און הונדערטער פארשטעהער פון אונצעהליגע געמיינדעס האבען געשוואָרען ביי גאָט דעם גערעכטען און פאַר אַ גאנצער וועלט, אז אידען עסען נישט און טרינקען נישט קריסטען-בלוט. אַ כל-נדרי-שטימונג האט געקויערט הייליג און פייערליך אויף אלעמען. און אַ גאטס פּחד איז פלוצלינג אנגעפאלען אויף יעדען, וועלכער האָט געהערט און געזעהען. עס האָבען נאר נאך געפעהלט טליתים און שווארצע ברענענדיגע ליכט.

... און מיך האָט ארומגענומען איין עקעל-געפיהל און ווי ווילד בין איך געלאָפען דורך די גאַסען. אַ פערצווייפעלטער געשריי פון אַ שאָפער האט מיך אָבגעשטעלט, און איך האָב בעמערקט, אז איך בין שיער נישט אַרונטער אונטער די רעדער פון אַ אויטאמאביל. דאס ווארט „מיר שווערען" האט מיר אבער נאך אַלץ געקלונגען אין די אויהרען. דו גרויסער, איינציגער גאָט, און דאס אלעס קומט פאר אינ׳ם יאָהר 1913! דער לעצטער מכשפות-פראָצעס, די אונאויסלעשליכע שאַנדע פונ׳ם מיטעלאַלטער, איז פאָרגעקומען אין גלאַרוס אינם יאָהר 1782, און יעצט, 131 יאָהר שפעטער, דערלעבען מיר נאָך אַ פראָצעס וועגען אַ ריטואל-מאָרד. איז עס באופן זה גארנישט מעגליך, אז אינ׳ם יאָהר 1914, ווען עפעס אַ פאָליטישע פארטיי וועט דאס גראד דאַרפען צוליעב איהרע פאָליטישע צוועקען, זיל נישט בענייט ווערען און זאל נישט קענען פאָרקומען אויך עפעס אַ פראָצעס וועגען אַ מכשפה?... און פון פאָרטשריט רעדען מיר טאָג און נאַכט, און מיט ערפינדונגען בעריהמען מיר זיך, און אויף ענטדעקונגען זענען מיר שטאָלץ! — מיר לעבען דאָך עפעס אינם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט! און מיר גרויסען זיך מיט אונזער ביסעל רענטגען-שטראַהלען און מיר הערען נישט אויף צו רעדען פון אונזער ביסעל ראַדיום און מיר שיינען פאַר גליק וועגען דעם גרעסטען חלום פון דער מענשהייט, דעם עראָפלאן, וועלכער איז אונז מקוים געוואָרען — און פאָרט איז גענוג איין שמאַקאָוו, אז ער זאָל דאָס גאַנצע ביסעל שטאָלצע מענשען-געשלעכט צוריקפיהרען מיט אַ טויזענד יאָהר! איין אטענטאט ווערט געמאַכט אויף די מאַיעסטעט פון דער מענשען-ווערדע, און איבער נאַכט, מיר-נישט דיר-נישט, זענען מיר שוין ווידער אינ׳ם טיעפסטען מיטעלאַלטער. „קולטורגעשיכטען" שרייבט מען מיר און מען לערנט מיך, אז ביי דעם און דעם ווילדען שטאַם אין מיטעל-אפריקא זענען די און די זיטען און ביי יענעם און יענעם ווילדען שבט אין הינטער-אינדיען הערשען אזעלכע און אַזעלכע מנהגים — ווי אָבער זאל איך דאס גלויבען און ווי זאל איך האָבען אַ צוטרוי צו דעם, וואס מען האט כלומר׳שט אויס-

געפּאָרשט, ווען איך זעה, אז מענשען ווייסען אפילו נישט דאס, וואס עס טהוט זיך אָב ביי זייערע נעהנטסטע שכנים, מיט וועלכע זיי לעבען אַ טהיר ביי אַ טהיר זינט יאָהרהונדערטען, און זיי ערצעהלען וועגען זייערע זיטען און מנהגים די נאַרישסטע בבא־מעשיות? די געזעצען פון די שטערען, זאָגען זיי, האָבען זיי דערפארשט — און ווייסען זיי נישט, וואס מענשען טהון און וואָס מענשען טהון נישט אַ שפאן ווייט פון זייער נאז. דאס לעבען פונ׳ם קלענסטצן ווערמעל, בעריהמען זיי זיך, האָבען זיי דערגריבעלט — און בלינד זענען זיי און ווייסען נישט, ווי אַ מצה באקט זיך. די לעהרע פון דער מענשליכער נשמה, רעדען זיי אונז איין, האָבען זיי דערגרינדעט — און קומט מען צו עטליכע אידען, קוקען זיי אהין צו זיי ווי אַ האָהן אין בני אדם. שעמען זיי זיך גאָרנישט? און קומט זיי נישט אין זין אריין, אז אַ מאָל, אַ מאָל וועט איין אייניקעל אָדער איין אור־אייניקעל פון אַזא שמאקאוו נישט וויסען, וואו זיך צו פער־גראָבען פאר שאנד, ווען ער וועט זיך דערמאָהנען, אז אים יאהר 1913 האט נאך זיין זיידע פערטיידיגט דעם בלוט-בלבול?

און גאַנץ בעזונדערס האב איך געשפיערט אויף מיר ווי אַ ברענענדיגען שאַנד־פלעק דאס נארישע פּראָטעסטירען! צו וואס? צו ווען? אָדער זענען זיי אזוי נאַאיוו און רעדען זיך איין, אז אַ שמאקאָוו, זאמיסלאווסקי און קאָמפּאניע ווייסען נישט דעם אמת, פונקט ווי זיי, און וואַרטען נאר אויף זייער פּראָ־טעסטירען, כדי אנדערש צו דענקען? ווען שוין פּראָטעסטירען, דאן איז נאר פאַרהאנדען געוועז איין וועג: נישט שווערען און נישט פערזיכערען אַ ציוויליזירטער וועלט, אז אידען עסען נישט קיין בלוט, נאָר ערצעהלען פּראסט און פּשוט דער דאָזיגער ציוויליזירטער וועלט, וואס אייגענטליך דער אמת׳ער צוועק איז פון די דאזיגע שמאקאָווס און זאַמיסלאווסקיס און וועלכע פּאָ־ליטיק זיי זענען אויסען, ווען זיי ווילען דורכאויס האבען, אז איין עלילת-דם זאל ווערען גערי‌כטליך בעשטעטיגט. ביי דעם דרייפוס-פּראצעס, למשל, האט די פראגע וועגען דעם מענש דרייפוס געשפּיעלט די קלענסטע ראליע; די פראגע איז געווען:

זאל פראַנקרייך בלייבען אַ רעפובליק אדער זאל זי ווערען אַ מאָ-
נארכיע? און געווענדט האט זיך די לעזונג פון דער דאזיגער
פראגע אין דעם אויסגאנג פון יענעם פראצעס. און אויך דא איז
נישט די פראגע, אויב ז׳ער אדער יענער האט גע׳הרג׳עט אַ אינגעל,
נאר די פראגע איז: צי זאלען די שמאקאווס און זאמיסלאווסקיס
און גאלוביעווס און מאַרקאווס געוועלטיגען אין זייער גאנצער
פינסטערער קראפט, צי ניין. עס איז אַ פראגע וועגען אַ פרינציפ.
מען וויל, אז אַ געוויסער פרינציפ זאל ווערען עפענטליך סאנק-
ציאנירט און לעגאליזירט. און זעלבסטפערשטענדליך, אז עס איז
נאך אַ גרויסער חילוק צווישען אַ גאלוביעוו און איין עסטערהאזי,
צווישען אַ זאמיסלאווסקי און אַ באָאַדעפר, צווישען אַ מארקאוו
און אַ מערסיע און צווישען אַ זאמיסלאווסקי און אַ פאַטי דע
קלאם—עס איז אַ חילוק ווי צווישען אַ פראנצויזישער און אַ רוסישער
קולטור עס האט נאר געפעהלט, אז אין אזא פראטעסט-פערזאמלונג
זאל זיך אַ מאל געפינען א מענשעל ווי איין עמיל זאָלא, וועלכער,
אנשטאט שווערען און גלאט פראטעסטירען, זאל ער זיך קומען
מיט א מין „איך בעשולדיג״ און זאל א וועלט עפענען די אויגען!

און נאך עפעס איז פאראן, וועלכעס פילט מיך אָן מיט
ביטערקייט: די טענה, אז אלע אידען פון דער גאנצער וועלט
האבען געמאכט יד אחת, כדי צו ראטעווען דעם אומגליקליכען
קרבן פונ׳ם איצטיגען עלילת-דם, און אז אלעס, וואס ווע׳רט
געטהון אדער גערעדט לטובת דעם דאזיגען קרבן טהוט זיך
און רעדט זיך נאר מיט דעם כוח פונ׳ם אידישען געלד. אך,
ווען אונזערע שונאים וואלטען נאָר קענען א ביסעל די אידען!
זאגען אויף א איד, אז ער טהוט עפעס לטובת א צווייטען איד—
דאס איז אפשר נישט קיין קלענערער בלבול, ווי דער בלבול
וועגען בלוט. אזעלכעס קען נאר א שונא אויסטראכטען. רבונו
של עולם, ווען א טויזענדס חלק דערפון וואָלט נאר זיין אמת,
איך וואלט עס אויספויקען אין אלע גאסען און וואלט זיין שטאלץ
אויף מיינע אידען און וואלט זיי הייסען אָבגעבען דערפאר דעם
גרעסטען כבוד. און נאך דערצו אזא שרעקליכע מסירה, אז
אידען זאמלעז אוז געבען געלד, כדי צו ראטעווען די עהרע

פון אַ פאלק. ניין, מיינע הערהען! אונזערע ראטשילדס וועלען זיך היטען צו געבען אגראשען צו אזעלכע צוועקען, זיי וועלען זיך היטען אפילו צו רעדען אווארט לטובת אזא ענין. זיי וועלען מורא האבען, נעבעך, מען זאל זיי נישט חושד זיין, אז זיי געהערען זיך נאך עפעס אָן מיט די דאזיגע שלים-שלימזל'ען. טהון עפעס קען העכסטענס נאר דער אָרעמער איד: ער קען זאגען א קאפיטעל תהלים. ער קען געבען א קרעכץ, ער קען לייענען יעדע מינדסטע שורה, וואס בעציהט זיך אויפ'ן פראָצעס, און ער וועט ציטערען פאר'ן מארגענדיגען טאג—פאר'ן קומעדיגען פאגראָם. דאס איז אַלעס, וואס דער איד קען טהון פאר אַ אידס וועגען. אַך, ווען אונזערע שונאים וואלטען אונז נאר אַ ביסעל קענען!

אַ מערקווירדיגער געדאַנקען האט מיך אָפט בעשעפטיגט אין די לעצטע טעג: ווי וואלט זיין ווען איך וואלט זיין נישט קיין איד, נאָר אַ קריסט? איך מיין אַ קריסט אַ ליבעראַלער, איין אינטעליגענטער, פריי פון פאָראורטיילען. וואלט איך ליידען אין אַ געוויסער מאָס אזוי ווי איך לייד יעצט און וואָלט איך איבערלעבען אַטייל פון דעם, וואס איך לעב יעצט איבער? וואלט איך פערשטעהן דעם גאַנצען זאַך-פערהאלט, ווי איך פערשטעה איהם יעצט? און וואָלט איך פערשטעהן דאס שרעקליכע פון דער גאנצער טהאט און בע-גרייפען די אלע אויפטהועלעך און שמד-שטיקלעך, וועלכע ליעגען, למשל, אין אזא סיסטעם, ווי זוכען פלוצלינג סעקטעס ביי אידען און מאכען די ביילים'עס און לאַנדויס און עטינגערס פאר „צדיקים" און נישט וועלען פערשטעהן פלוצלינג, וואס דאס הייסט אַ „תלמוד-תורה?" איך האב מורא, אַז פערשטעהן די זאַך אין איהר גאנצער הויהלקייט פערשטעהט זי פאָרט נאר אַ גרוזענבערג, און נישט די קאַראבטשעווסקיס און די מאַקלאַקאָווס אוי די זאַרודניס!

—∽∽—

קינדער־שפּיעלעכלעך

איך געה ארײן אין קינדער-צימער צו מײן קלײנוואַרג. די קלײנע שפּיעלען זיך גאנץ געשמאק. און וואס האבען זײ זיך איבער׳ן טאג שוין אלץ נישט אויסגעשפּיעלט? אין אַ פערד מיט אַ קוטשער, אין אַ גענעראל מיט א פּאלקאווניק, אין א לעהרער מיט א שילער, אין א דאקטאר מיט א קראנקען, אין א קריעג מיט א פריעדען — אין אלעס, אין אלעם האבען זײ זיך שוין געשפּיעלט. און מיעד ווערען זײ אלץ נישט. זײ זוכען אלץ נאך ווייטער נײע שפּיעלעכלעך. פּלוצלינג שושקען זײ זיך. עס איז אַ סוד. ווי עס ווײזט-אויס האט חברה עפּעס נײעס געפונען. מיך אבער הײסען זײ ארויסגעהען. דערוואקסענע טארען זיך נישט צוקוקען. איך פאלג זיך און געה.
ווי אבער איך בין פארנאכט ווידער ארײן צו זײ, איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען. די צוויי אינגלעך ליעגען ביידע צוקאלעטשעט מיט אונטערגעהאקטע אויגען יעדער אין זײן ווינקעלע. אין צימער איז א חורבה. אלעס ארום ווי נאָך א פּאגראָם. אלע קוקלעס מיט אבגעהאקטע נעז און אויסגעדרעהטע הענד און פיס. דאס לעדערנע פערד מיט ארויסגעריסענע געדערעם. דער פּאיאץ ליעגט אהנע קאפּ און די צינערנע סאלדאטען אהנע פיס. די טעלערלעך און טעפּלעך און גאפּלעך און מעסערלעך און אלע איבריגע שפּעל-צייג אין שטיקלעך צעבראכען. די צאצקע אין פארם פון א קראמטישעל מיט די-

געוואכטלעך און מיט די מאָסען, וואס איך האב ערשט דא נישט לאנג געקויפט פאר זיי, איז אויף פיצלעך צעהאקט. נאטירליך, נעהם איך מיך צו די קליינע מלאכי-חבלה׳ימלעך און מאך אַ שטרענגע חקירה ודרישה. עס שטעלט זיך ארויס, אז זיי האבען געטהאָן א קליינינקייט: זיי האבען זיך געשפיעלט אין „באיקאט״. זיי האבען אלץ אין איינעם געהערט באיקאט און באיקאט, האט זיי אנגענומען א חשק דערצו. יעדער פון זיי האט אלעמאל איינער דעם צווייטען באיקאט־רט. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט, נאטירליך, איינער אלעמאל צעבראכען דעם צווייטענס זאכען, אלעמאל איינער דעם צווייטענס קראמטישעל, אמאל איך דיר און אמאל דו מיר, ביז עס איז פון אלדינג געמאכט געווארען א תל און פונ׳ם גאנצען צימער איז געווארען א חורבה...

און פונ׳ם קינדער-צימער ווענד איך מיך צו דער גאס. דארט דויערט דאס קינדער-שפיעלכעל ווייטער. אמאל איך דיר און אמאל דו מיר. פון אלדינג ווערט געמאכט א תל. ארום און א ארום ווערט א חורבה.

גוט — באיקאטירען. זאג איך דען ניין? בין איך דען א ווילדער טאָטער און האב, חלילה, נישט קיין זין פאר די גרויסע און עדעלע טהאט, וואס ווערט געטהון לטובה פון א גאנצער אומה? און נעהם מיר אלעמאל אראב מיין היטעל און בויג-איין מיין קאפ אין עהרפורכט, ווען מען טהוט עפעס, אום א פאלק צו דערהאלטען. עקעלדיג ווערט מיר נאר פאר דעם פויסט-גרויסען ליגענד פון איין זייט און פאר די געוואלטיגע דומהייט פון דער אנדערער זייט, וועלכע מיר זעהען ביי דער גאנצער זאך. שאנטאזשיסטען פון איין זייט האבען זיך געמאכט א מסחר׳ל מיט „לטובת האומה״, און זיי שינדען די הויט ביי טויטע און ביי לעבעדיגע און קלויבען די מטבע, און לאכען שטיל פאַר זיך, ווייל עס האָט זיי אַזוי גוט אָבגעגאָלטע; קרעמער, וועלכע ווילען פטר׳ן לעסטיגע קאָנקורענטען, האָבען איינגעזעהען, וואָס פאַר אַ גאָלדען שטיקעל געלעגענהייט דאָס איז פאַר זיי, און זיי האָבען זיך גענומען צו דער מלאכה,

וועלכע רופט זיך „ראַטעווען דאָס פאָלק”, און זיי האַלטען אין איין ראַטעווען און אין איין מאַכען דעם גראָשען; ציי-טונגס-שמירער, וועלכע ווילען האָבען וואָס מעהר אַ גרעסערען טיראַזש און וואָס מעהר אַ בעדייטענדערע אַנאָנסע, האָבען זיך געכאַפּט צו דער אַרבייט, צו סטראַשען אויף לינקס און אויף רעכטס און צו האַלטען זיך אַ גאַנצע אינקוויזיציאָנס-שפּיאָנאַזש און איינצוריכטען ביי זיך אַ מין „שוואַרץ ברעט”, אויף וועלכען זיי פערצייכענען געוויסענהאַפט פון טאָג צו טאָג די נעמען פון אַלעמען, וועלכע האָבען ביז יעצט נאָך גאָרנישט זיי געגעבען. און פון דער אַנדערער זייט קעהרט זיך די גרינגע גאַל פאַר אַ פּובליקום, וואָס איז אַזוי אַזוי געוואַלטיג דום, אַז עס לאָזט זיך אַזוי לייכט פערפיהרען און גלויבט אינ׳ם דאָזיגען לשם-שמים און זעהט נישט, וואָס עס טהוט זיך דאָ באמת׳ן. איך ווער נערוועז, ווען איך זעה אַזא פּובליקום. אָבער נישט דער עצם-מעשה איז דאָ דער עיקר. נאָך אַ וואָך און נאָך אַ חודש און דאָס שפּיעלעכעל וועט זיך דאָך ענדיגען. אַ מאָל מוז זיך דאָך אַזוינס ענדיגען. עס איז דאָך אונמעגליך, אַז אַ פּובליקום, מעג עס זיין ווי נאַריש, זאָל נישט מיט דער צייט אויף אַזוי ווייט געוויציגט ווערען, אום איינצוזעהען אזאַ נאַרישע און אָפענע קאָמעדיע. אמת, דער חורבן, וועלכער ווערט דאָ דער-וייל אָנגעמאַכט, איז אַ שרעקליכער. אָבער איך וויל שוין אָננעהמען, אַז אויך דעם דאָזיגען חורבן וועט מען מיט דער צייט פערשמערצען. וואָס מיך אינטערעסירט יעצט גאַנץ בעזונדערס איז אַ שטיק פאָלקס-פּסיכאָלאָגיע.

איינס איז קלאָר: דער פּוילישער באָדען האָט געמוזט זיין געגוג פאָרבערייט, ווען ער האָט געקענט אַזעלכע פרוכטען אַרויסברענגען. האָט מען אין פּוילען אַזוי זעהר פיינט געהאַט דעם איד? איך גלויב נישט. איך קען לענדער, אין וועלכע מען האט אַ איד טויזענדמאָל מעהר פיינט. פיינט האָבען איז, אייגענטליך, שוין אַ הויכע מדרגה — פּונקט אַזוי ווי ליעב האָבען, און צו אַזאַ מדרגה האט זיך פּוילען נאָך גאָרנישט אויפ-געהויבען. פּוילען אָבער איז דאָס לאַנד, וואו מען האָט דעם

איך פֿאַראַכטעט. עס איז דאָס קלאַסישע לאַנד פֿון דער פֿאַראַכטונג. איך קען אין דער גאַנצער וועלט נישט קיין צווייט לאַנד, נישט קיין גרויסעס און נישט קיין קליינעס, נישט אין אייראָפּאַ און נישט אין אַזיען, וואו מען האָט די קונסט פֿון פֿאַראַכטונג געבראַכט צו אַזאַ מייסטערהאַפֿטער פֿאָלענדונג. איך קען פֿאַרגעטערן אַ לאַנד, וועלכעס האָט ליעבע, איך קען דרך-ארץ האָבען פֿאַר אַ לאַנד, וועלכעס האָט שנאה, איך קען אָבער נישט, אַלס מאָדערנער מענש, בלייבען רוהיג מיט מיינע נערוועז דאָ, וואו מען ווייס נאָך פֿון פֿאַראַכטונג. האָט מיך ליעב, דען איך בין אַ מענש, האָט מיך פֿיינט, דען איך בין אַ מענש, נאָר למען-השם פֿאַראַכט מיך נישט, דען איך בין אַ מענש און איך פֿיהל דאָס. דאָס איז אָבער דאָס איינציגע, וועלכעס פּוילען האָט קיינמאָל נישט פֿערשטאַנען. עס אין דאָס לאַנד, וועלכעס האָט ערפֿונדען דעם „מאָשקע״ און דעם „איצעק״. זיי האָבען מיר קיין שום שלעכטס, חלילה, נישט געטהון, און נאָר „מאָשקע״ און „איצעק״ האָבען זיי מיך גע-רופֿען. און דאָ, וואו זיי האָבען עס נישט ארויסגערעדט מיט׳ן מויל, האָבען זיי עס געטראַכט אין האַרצען. און זיי קענען נישט בעגרייפֿען און קענען נישט פֿערשטעהען, אַז דערווייל זענען אַוועקגעגאַנגען עטליכע הונדערט יאָהר און אַלעס איז אַנדערש געוואָרען. מיין זיידע האָט עס געהערט און האָט זיך גע-טראַכט: זאָלען זיי, ווען זיי האָבען הנאה דערפֿון, אַבי זיי לאָזען מיך צורוה. מיין טאַטען האָט עס געקרענקט, ווען מען האָט עס איהם געזאָגט. איך, ווען איך הער עס, צינד איך מיך אָן און ענטפֿער דברים רעים. מיין זוהן אָבער, האָב איך מורא, וועט געבען פּעטש, ווען אַ צווייטער וועט זיך ערלויבען איהם צו פֿאַראַכטען. די צייט איז נישט שטעהען געבליבען. זיי נאָר זענען אַ ביסעל שטעהען געבליבען און האָבען אַלץ נאָך דעם אַלטען פּזמון. זיי לעבען נאָך אין דער צייט פֿון פֿאַר הונדערט יאָהר...

איך קען נישט קיין פֿאָלק, וועלכעס איז אזוי קאָנסער-וואטיוו, ווי דאָס פּוילישע פֿאָלק. פֿון וואנען יענע פֿאַראכטונג קומט צי איהם? — אפשר דערפֿון, וואס פֿון נאטור איז עס

זעהר ראָמאנטיש. עס איז אַ העררען-פּאָלק ווי זעלטען איינס. עס איז ריטערליך און די מיטעלאלטערליכע שפּיעלעכלעך ליעגען איהם אין בלוט. און ווייל עס איז א הערערן-פּאָלק, מוז עס דיענער האבען ארום זיך. נישט ווייל עס וויל הערשען און נישט ווייל עס וויל בעדיענט ווערען, נאר ווייל עס פאסט איהם אזוי צום „גוטען טאן". עס איז איין אנגענעהם, קיצעלנדיג שפּיעלעכעל. אפשר איז עס אין גאנץ אייראפּא דאס איינציגע פאלק, אויף וועלכען דער פעאדאליזם און די פעאדאליסטישע וועלט-אנשויאונג איבען נאך אויס אזא מאכט ביז אויפ'ן היינטיגען טאג. אייראפּא האט זיך דערווייל אומגעדרעהט, וועלטען זענען אונטערגעגאנגען און וועלטען זענען ארויפגעשוואומען, טויזענד אלטע בעגריפען זענען אבגעקעהרט געווארען און א נייער גייסט האט נייע לעבען געבראכט, דער מענש איז געווארען מענישער און האט אויסגעטהון די קינדער-שיכלעך און געווארפען די קינדער-שפּיעלעכלעך און איז ארויס צו ארבייט און קאמפף — דאס דאזיגע פאלק אבער איז געבליבען ביי זיין אלטער ראמאנטיק. עס האט זיך אזוי ליב צו שפּיעלען. און אין הערען און דיענער שפּיעלט עס זיך. אפשר איז דער איד אליין אין גאנצען לאנד דער דאזיגער, וועלכער איז נישט אזוי ראמאנטיש און דעריבער כאסט ער נישט מעהר אריין אין די אלטע ווירטשאפט. ער איז פארטגעשריטען און איז א קינד פון זיין צייט און קען נישט מעהר שפּיעלען די ראלע פון מאשקע און איצעק — און דאס איז דער גאנצער ווידערשפּרוך.

האט אונז ליעב, האט אונז פיינט, ווען איהר קענט נישט אנדערש, נאר פעראכטען זאלט איהר נישט. דאס קען א מאדערנער מענש נישט פערטראגען. איז דאס אזוי שווער צו בעגרייפען? מוז מען דעריבער באלד קומען צום בעשלוס, אז „אידען ווילען דאס לאנד בעהערשען" און „זייער קולטור מיט געוואלט איבער אלע אויסגיעסען" און „א'נטעריאכען דאס אייגענטליכע פאלק" און ווי נאך די דאזיגע נארישע פראזען, וועלכע זענען אזוי ביליג, הייסען?...

אינסטינקטען.

„אין דעם נאציאָנאַלען לעבען איז דאס הויפטזעכליכע אפשר נאר די אינסטינקטיווע ערשיינונגען". איך האָב געלייענט דעם דאָזיגען זאַץ, וועלכען אַ מאָדערנער דענקער האָט אַמאל געזאגט — און איך האב מיך פערטראַכט.

און אָט לייען איך ווידער, ווי עפעס אַ אידישער אַסימי־ליאַטאָר אין לעמבערג, אַ הערר פעלדשטיין, האט געהאלטען זיין אסימיליאַטארישע דרשה פאר די מיטגליעדער פון מאָרגענטוי׳ס מיסיע. אפשר שוין צום טויזענדסטען מאָל לייען איך די דאָזיגע דרשה. ניינהונדערט און ניינאונניינציג מאָל האָבּען זי שוין אנדערע פאר איהם גע׳דרשנ׳ט. וואס קען מיך דא נאך איבער־ראַשען? וואס געהט מיך אָן, וואס איין אסימיליאטאר רעדט? וואס געהט מיך אָן די אסימילאציע אלס אַזעלכע? אויסגע־בלאָזענע אייער. העכסטענס נאך, אז עס רופט ארויס אין מיר איין עקעל־געפיהל. ארום און ארום האט אַ בראנד ארומגעכאפט אַ וועלט, טייכען בלוט גיעסען זיך, אידיש לעבען איז הפקר, אידישע קינדער ווערען געשאָכטען, אידישע טעכטער ווערען פערוומגליקט, אידיש פערמעגען געהט אוועק מיט׳ן רויך, גוואַלדיגע אינסטינקטען געוועלטיגען, פערברעכער־נאטירען זעצען עובר אין יעדען אויגענבליק אויף אלע צעהן דברות צוזאמען,— און דאָ עפעס באָמבעלט זיך אימעצער צווישען די פיס פון די אומגליקליכע אין דער מינוט, ווען זיי לויפען זיך ראטעווען,

און געפינט נישט קיין פּאַסענדערע צייט אויפצופּאַקען זיין סחורה, ווי פּונקט איצט. עפּעס עהנליכעס האָב איך שוין אַמאָל ערלעבט. וועהרענד איין אמת׳דיגער שרפה איז עס געווען: דאס פייער האט שוין געהאט ארומגענומען די טרעפּ. אַשכן איז פּונקט אַראָבגעשפּרונגען דורכ׳ן פענסטער פון׳ם צווייטען שטאָק. און דאָ גראד איז צוגעקומען צו מיר עפעס אַמלמד אויף דער גאַס און האט מיך געפרעגט, צי איך האָב שוין געלייענט זיין פּירוש אויף דער הגדה. איך האָב מיך צוגעהערט היינט צו דער דרשה פון׳ם לעמבערגער אסימיליאַטאר און איך האָב מיך פערטראַכט...

וואס איז נאציאָנאַל לעבען? וואס זענען נאַציאנאלע אינסטינקטען? וואס איז אסימילאציע אלס פסיכאָלאָגישע ערשיינונג?

איך האָב אַמאָל געלייענט וועגען טעאדאר הערצל׳ס יוגענד-יאָהרען. אלס סטודענט איז ער אַמאָל געווען „בורש״ אין אַ פערבינדונג פון דייטש-נאַציאנאַלע סטודענטען. ער האט געטראָגען זייערע פארבען, און איז דייטש-נאַציאנאל געווען מיט׳ן גאַנצען הארץ, מיט׳ן גאנצען ברען, איינער פון די עלטסטע, איינער פון די בעסטע. מיט יענער פסיכאלאגישער לייכטיגקייט, וועלכע איז אזוי אייגענטימליך צו דער אידישער ראַסע, האט ער מיט׳ן מוח אויפגעפאסט דאס דייטשטום ביז אויפ׳ן גרונד. אלס בעלויהנונג דערפאר האט די סטודענטען-פערבינדונג, דענסמאָל, ווען הערצל איז געווען אין דריטען אדער פערטען סעמעסטער, בעשלאָסען, ארויסצוטרייבען פון דעם פערבאנד אלע אידישע מיטגליעדער. די דאזיגע נארישע קלייניגקייט איז געווארען דאס „גרויסע געשעהעניש״ אין הערצל׳ס יוגענד-לעבען. ער, וועלכער איז העכער געשטאַנען פון אלע יענע לייט און וועלכער איז געווען „דייטש״ מעהר ווי אלע זיינע קאָלעגען, איז ארויסגעוואָרפען געווארען, כאטש זיי האבען איהם אלע ליעב געהאט. די דאזיגע מעשה האט ווי אַ שלאַג געטראפען דעם דאזיגען מענשען, וואס זיין אינערליכע נאאיוויטעט איז אזוי גוואלדיג גרויס געווען. דאן, עטליכע יאהר

שפעטער, אין פאריז, איז איהם צוהאנדען געקומען דאס גרעסטע געשעהעניש פון זיין לעבען, וועלכע האט ערשיטערט זיין גאנצען אינערליכע וועלט: אלס קארעספאָנדענט פון דער „נייצר פרייער פרעסע" איז ער גראד געשטאנען דערביי, ווי מען האט אראָבגעריסען די שליפעס פון די אקסלען פון'ם קאפיטאן דרייפוס — און פלוצלינג האט זיין אויג אנגעהויבען זעהען און זיין הארץ פערשטעהען דעם גאנצען פירכטערליכען אמת. ער האט דערבליקט אויף די פנים'ער פון אלע מענשען, וועלכע זענען געשטאנען ארום, די שרעקליכע שנאה, נישט די שנאה צו דעם אומגליקליכען דרייפוס, נאָר צום גאנצען אידענטום, און די דאזיגע ערשיינונג און די דאזיגע שנאה, וואס קיין שום מענש קען זי לאגיש נישט ערקלערען, זענען געוואָרען דער גרונד פון זיין אומקעהרען זיך צו זיין אייגענעם פאלק. אין יענעם אויגענבליק האט ער זיך געזאגט: צווישען די דאזיגע מענשען שטעהסט דו, מיט דער קולטור פון די דאזיגע מענשען שפיעלסט דו דיך, און נאך מעהר, דו ביסט גאר שטאלץ דערויף, וואס דו קענסט דיך צופאסען צו דער קולטור פון די דאזיגע מענשען, וועלכע בעציעהען זיך צו דיר און צו עהנליכע ווי דו מיט יענער שרעקליכער שנאה אויף זייערע פנים'ער.

וואס אבער איז דען אין תוך אריין די מעשה מיט דעם דאזיגען דרייפוס געווען? — אייגענטליך, איז די דאזיגע מעשה שוין פריהער, פיעל פריהער, דראַמאטיזירט געווארען אינ'ם „סוחר פון ווענעדיג". עס קומען דארט מענשען און גזל'ן אוועק דורך פערשיעדענע פלפול־שטיקלעך ביי'ם איד זיין רעכט, וועלכעס קומט איהם, און פרעהען זיך דעריבער ווי די בעסטיעס. וואס בעטייט די דאזיגע ערשיינונג? זי בעטייט גאנץ איינפאך פאלגענדעס: — יעדע מענשליכע געזעלשאפט, וועלכע שטעהט, אויף דעם פעאָדאַליסטישען באדען, וויל לעבען פאר זיך אליין, אין גאַנצען אליין. קומט צו איהר צו אַ פרעמ־דער שטראָם פון דרויסען, הערט־אויף יעדע עטיק און יעדע עסטהעטיק. געגען דעם פרעמדען פון דרויסען האט יעדער

מענש דאָס רעכט צו טהון יעדעס פערברעכען און עס וועט איהם גאָרנישט אָנגערעכענט ווערען אַלס פערברעכען. דאָס האָבען מיר געזעהן ביי דער דרייפוס־מעשה, און דאָס זעהען מיר ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג: אין פוילען, אין רומעניען, אין אונגאַרן, אין בעהמען — אומעטום.

אין דעם נאַציאָנאַלען לעבען איז דאָס הויפּטזעכליכע די אינסטינקטיווע ערשיינונגען. דו קענסט זיין אַ פּאָליאַק מיט אַלע דיינע געדאַנקען און אַלע דיינע געפיהלען. דו קענסט הונדערט יאהר דארט לעבען און חתונה האָבען מיט אַ פּאָלקע און דיך פלומרשט אַסימילירען מיט'ן פּוילישען פאָלק — פּלוצלינג אָבער שווימען־אַרויף ערשיינונגען, גאָר קליינע, אונבעדייטענדע ערשיינונגען, וועלכע ווייזען קלאָר, אַז דו ביסט נישט קיין פּאָליאַק. אינסטינקטיווע ערשיינונגען לאָזען זיך נישט בעצווינגען דורך דעם מוח. דאָס איז דער געוואַלטיגער פּסיכאָלאָגישער טעות, וועלכען עס האָבען די אידען, וועלכע יאָגען זיך נאָך דער אַסימילאַציע.

איך קוק מיך אום צווישען די אידישע פאַמיליען און זעה די מענשען, וועלכע טויפען זיך. ווילען זיי דעדורך חנפ'ענען די נישט-אידען? יאָגען זיי זיך נאָך אַ קאַריערע? איך בין גאָרנישט מחויב חושד צו זיין מענשען לכתחלה. יענע אידען, ווי עס ווייזט־אויס, האָבען אַ געוויסע בעדערפעניש ארויסצוגעהען פון זייער פערגאַנגענהיינט. ס'איז אָבער וואונדערליך, אַז באַלד ווי זיי האבען זיך אָבגעטויפט, ווערען זיי בנוגע צו זייער נייער רעליגיע פיעל פאַנאַטישער ווי די אמת'ע קאַטאָליקען, אַזוי, אַז אָפט ווערען זיי גאָר מיסטישע קאַטאָליקען. יעצט שטעלט אייך נאָר פאָר, וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס מוז האָבען אויפן געוועהנליכען קאַטאָליק, וועלכער האָט זעהר אָפט קיין שום אינערליך פערהעלטניס נישט צו זיין רעליגיע. ער קוקט זיך אָן דעם נייעם פאַרשוין און פטר'ט־אָב דעם גאַנצען עסק מיט די ווערטער: „שווינדעל, געשעפט, חנופה-קאַריערע". דער איד מיט זיין נייער געליבטער רעליגיע ווערט אַ קאַריקאַטורע.

און די סאָציאַלע קאַריערע פון די אידען בּעטראַכט איך מיר. אַ רייך-געוואָרענער איד געהערט נישט צו די זעלטענהייטען. אין די יעראָזאַלימסקע אַלעען און אויף די בּעסערע גאַסען בּעגעגענסטו אָפט אַזעלכען. אָבער וואונדערליך איז, וואָס אַזאַ רייך-געוואָרענער איד טהוט מיט זיין געלד. אַזאַ איד, וואָס זיין זיידע איז נאָך געווען אַ קאָצקער חסיד און האָט געוואוינט אויף נאַלעווקיס און ער אַליין איז געקומען צו מאַכט און איינפלוס און איז פריי פון אַלע גוי׳אישע אינסטינקטען פון אַ פעאָדאַליסטישער פערגאַנגענהייט — מיינסט דו נישט, אז דוקא אַזאַ מענש וועט אָנווענדען זיין גאַנצע קראַפט, אום צו בּרענגען צום אויסדרוק זיין פאַרבּ און זיין געדאַנקענוועלט? וואָס אָבּער טהוט פאַקטיש אַזאַ איד? ער קויפט אָבּ עפּעס אַ פּאַלאַץ פון איין אַלטען מאַגנאַט, געבּויט אינ׳ם בּאַראָקסטיל, און, ווען מעגליך, רעדט ער זיך אויס בּיי׳ם קויפען, אַז דער פּאַלאַץ זאָל אויך ווייטער טראָגען אויף זיך דעם אַלטען הערבּ. אייגענטליך, אָבער האָט דאָך אַזאַ איד געדאַרפט פיהלען זיך אין אַזאַ פּאַלאַץ ווי אויף בּרענענדיגע קויהלען. עס איז דאָך אונמעגליך, אַז יעדעס שטיקעלע מעבּעל און יעדע פערציערונג און יעדע בּאַראָק-פערפּוצונג זאָלען איהם נישט דערמאָהנען די מה-יפית-סצענען פון יענע גרויסע הערען, וועלכע האָבּען דעם דאָזיגען בּאַראָק-פּאַלאַץ געבּויט, און די שטיקלעך, וואָס די דאָזיגע הערען האָבּען אַמאָל אָבּגעטהון זיינע טאַטעס און זיידעס.

און אויף די געזעלשאַפט ארום וואַרף איך מיין בּליק. געזעלשאַפט? עס איז כמעט גאָרנישט מעהר פארהאַן אַ מאָדערנע פארם פון אַ געזעלשאפט. וואס טהוט אבער דער נייער אויפגעקומענער איד אין דער דאזיגער געזעלשאפט? ער דינגט זיך צפּעס אַ לאקאי, וועלכער האט פריהער געדיענט בּיי אַ גרויסען מאגנאט, און ער אליין ווערט זיין עבד-כנעני בּיי׳ם דאזיגען לאקאי. ער ווערט בּיי׳ם לאקאי א תלמיד, אום צו לערנען דורך איהם אלע פארמען און זיטען אינ׳ם טעגליכען לעבּען פון די גרויסע אריסטאקראטען — און מאכט זיד לעכערליך. ער שטעלט

זיך צונויף א שטאל מיט פערד פאר די ווישציגעס — און מאכט זיך לעכערליך. ער שיט מיט געלד און גיט נדבות דוקא אויף קיכען—און מאכט זיך לעכערליך. מיר מוזען, פסיכאלאגיש גענומען, שטוינען, ווען מען זעהט, וואס מענשען מיט אַ קלוגען מוח קענען אלץ טהון!

און די וועלט ארום זעהט און הערט דאס אלץ און שטוינט. די וועלט ארום טיילט זיך היינט בכלל איין אין צוויי גרויסע גרופען: אין א גרופע פון אזעלכע, וועלכע ווילען הערשען — די גרופע פון פעאדאליסטען — און אין א גרופע פון אונטערדריקטע — די גרופע, וועלכע שטרעבט צו בעפרייען זיך. וואס טראכטען זיך די דאזיגע גרופען ביי׳ם אנבליק פונ׳ם איד, וועלכער איז פלוצלינג געווארען קאנסערוואטיוו און פעאדאליסטיש? עס איז שווער אנצונעהמען, אז זיי זאלען האבען א בעזונדערע שמחה מיט דער דאזיגער ערשיינונג. מעגען די אידען נאך אזוי זעהר זיך אנשטרענגען אנצונעהמען פעאדאליסטישע פארמען — די פעאדאליסטישע וועלט וועט זיי אלע מאל צוריקשטויסען פון זיך. יענע אנדערע גרופע אבער, די גרופע פון די געפייניגטע, וועט קוקען אויף זיי מיט שטוינען און וועט בשום אופן זיי נישט פער־שטעהען. זענען דאך די זעלביגע אמאל געווען נאטירליכע פערבינדעטע, און נאר ווען זיי זענען רייך געווארען, זענען זיי פלוצלינג אַריבער צו דעם אַנדערען צד...

און דא כאפט זיך נאך פון צייט צו צייט עפעס א פארשוין צווישען זיי אויף, עפעס א פעלדשטיין אדער א נוסבוים, און זאגט מיר אב זיין שפרוך וועגען אסימילאציע און אסימילירען זיך און ווייסט נישט און בעגרייפט נישט, ווי דאס מוז ווירקען אויף א מוח פון א מענשען, וועלכער איז פריי פון סענטימענ־טאליטעטען און פון פעאָדאַליסטישע סוגעסטיעס. נישט וואס זיי רעדען איז דא דער עיקר — נאר זייער פסיכאלאָגיע. זיי פיהלען נישט, אז נאך מעהר ווי א י ך פעראכט זיי, ווערען זיי פעראכט פון די דאזיגע, צו וועלכע זיי פוצען זיך צו.

אינסטינקטען!

מיטעלאלטער.

איז עס אַ נאַטור-געזעץ אַזעלכעס? ליעגט עס אין דעם וועזען פון דער מענשליכער פסיכע? — אַזוי באַלד ווי פערפאָלגטע און פערקנעכטעטע ווערען זעלבסטשטענדיג און פריי, איז דאס ערשטע, וואס זיי טהון, זיי הויבען-אָן אַ טאָג שפעטער צו פערפאָלגען און צו פערקנעכטען אַנדערע. זיי פערפאָלגען און קוועהלען און פייניגען אַזעלכע, וועלכע זענען שוואַכער פון זיי און זענען נישט זעלבסטשטענדיג. עס איז עפעס, ווי מען וואָלט עס געקענט אויסרעכענען אַלגעבראַאיש: וואס מעהר אַ פאָלק אָדער אַ גרופע מענשען זענען אַמאָל פערפאָלגט געווען און וואָס שטאַרקער און אומגערעכטער מען האָט זיי געפייניגט, ווערט זייער אייגענע פערפאָלגונג געגען אנדערע אלץ אונמענשליכער און ווילדער. זייער פערפאָלגונגס-וואוט שטייגערט זיך אין קוואַדראַט. אונצעהליגע מאָל האָבען מיר שוין דאס דאָזיגע געזעהען אין דער געשיכטע. ביי גאַנצע פעלקער האָבען מיר עס געזעהען און ביי גאַנצע רעליגיאָנס-גרופען. עס איז גענוג, ווען איך וועל דאָ דערמאַנען רעליגיאָנס-גרופען. די ערשטע קריסטען, די דאָזיגע אומגליקליך פערפאָלגטע, קוים זענען זיי צו דער הערשאַפט געקומען, זענען זיי געוואָרען פערפאָלגער. און מערקווירדיג: אלע בלבולים, וועלכע מען האָט אַמאָל אויסגעטראַכט אויף זיי, האָבען זיי דאַן אויסגעטראַכט אויף אַנדערע. זיי האָבען נישט צוגעטראַכט עפעס בייעס, נאָר

זיי האָבען גענומען פונ׳ם גערייטען. די פּראָטעסטאַנטען, וועלכע האָבען, נעבעך, אזוי פיעל זיך געהאַט אָנגעליטען, קוים האָט זיך זייער פוס זיכערער אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד, זענען זיי באַלד ווי די ווילדע חיות געוואָרען געגען אַנדערע. און נישט נייעס האָבען זיי אויכגעקלעהרט, נאָר זיי האָבען זיך בענוצט מיט דעם אלטען און מיט אַלע יענע טענות, וועלכע מען האָט אַמאָל אויסגענוצט געגען זיי אַליין. אַזוי איז עס געווען מיט גאַנצע פעלקער, אזוי איז עס געווען מיט גאנצע גרופּען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט — און אזוי איז עס נאָך היינט פאַר אונזערע אייגענע אויגען. דאס וואָרט: „איהר זאָלט ליעב האָבען דעם פרעמדען, ווייל איהר זענט אַליין אַמאָל געווען פרעמדע״ איז אפשר די גרעסטע נאַאיוויטעט, וועלכע מיר בעגעגנען אין דער מענשליכער געשיכטע. דאס דאזיגע „ווייל״ איז פאַר׳ן אויער פונ׳ם היינטיגען מענשען כמעט נישט פערשטענדליך. גראד אומגעקעהרט טייטשט-אויס דאס לעבען דער היינטיגער מענש. ווייל מען איז אַליין געווען פרעמדע, האט מען דאס טאַקי פיינד דעם פרעמדען. ווייל מען איז געווען געפייניגט און געקוועהלט, וויל מען דאס טאַקי פייניגען און קוועהלען אַנדערע. די מענשליכע פסיכע האט איין אייגענע לאָגיק — פונקט אזוי ווי די חיה רעה אין וואַלד האט איהר אייגענע לאָגיק. מיט שפינאָזא׳ס „עטהיק״ האָט עס קנאפּ וואס צו טהון...

איינס פון די געפייניגסטע און פערפאָלגסטע פעלקער פון דער וועלט איז געווען פוילען — ווען איך וואלט דאס דאָזיגע נישט וויסען פון דער היסטאָריע, וואָלט איך עס געקאָנט אויגענבליקליך וויסען לויט דעם, ווי זיי פייניגען און פער-פאָלגען יעצט שוואַכערע פון זיי, נאָכדעם ווי זיי זענען בע-פרייט געוואָרען. דאס געפייניגסטע און פערפאָלגסטע פאָלק אויף דער גאַנצער ערד איז דער איד — און, זעהט איהר, איך וואָלט בנאמנות זיין אַ בעלן, אויס נייגיעריגקייט אַליין, צו זעהן דעם איד מאָרגען זעלבסטשטענדיג און מעכטיג, אום צו זעהען, ווי וועט ער זיך נוהג זיין בנוגע צו אַנדערע. אַ שטיק

לעבען וואָלט איך געגעבען, ווען איך וואָלט קענען זעהען מאָרגען-איבערמאָרגען דאס דאזיגע פאָלק אין זיין אייגען לאנד, פריי און שטארק, שוין צוליעב דעם פסיכאָלאָגישען עקספּערימענט אַליין, אום מיך צו איבערצייגען, אויב דאס אייביגע געזעץ האט אַ שליטה אויך אויף איהם. לויט דעם געוועהנליכען אַל-מענשליכען און אַל-נאטירליכען געזעץ וואָלט עס בעדאַרפט ווערען דער גרעסטער פערפאָלגער און דער גרעסטער פייניגער פאַר אנדערע, דען עס איז מעהר פון אַלע אַנדערע פעלקער פערפאָלגט און געפייניגט געוואָרען, אָבער דאַכטען דאַכט זיך עפּעס, אז דאס דאזיגע רעטהעניש-פאלק, ביי וועלכען אלע נאַטור-געזעצע זענען שוין אין לויף פון פיער טויזענד יאָהר געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט, וועט אויך אין דער דאזיגער חינזיכט אַ וועלט איבערראַשען. סימנים דערפאַר זענען פאַר-האנען, עפּעס איז עס אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. עפּעס האָט עס אַ גאַנץ אנדערע פסיכע, און ווייס איהם דער גוטער יאָהר, וואס פאר אַ שטיקעל דאָס דאָזיגע פאלקעל קען נאָך אָבטהון אוי וואס עס קען דער וועלט נאָך בעווייזען!

דאַגעגען די אנדערע, אין דער ראָלע פון'ם פערפאָלגטען, וועלכע זענען געוואָרען פערפאָלגער, ארבייטען דערוויילע גאַנץ נארמאל און, דאכט זיך, אַ רעכט ביסעל שוין איבער די נאָרם. דען וואָס זאָלען מיר זיך נאַרען? איך קען אין דער אנצער געשיכטע פון'ם אידישען פאָלק וועלכעס איז דאָך אזוי רייך אין פערפאָלגונגען, קיין איינציג קאַפּיטעל, וועלכעס זאָל זיך קענען פערגלייכען בנוגע צו צרות מיט דעם איצטיגען לעבען פון'ם איד. די צרות וועהרענד דעם חורבן? — אַ ריינע אידיליע, פערגליכען מיט דעם, וואס קומט-פאַר היינט טאָג-טעגליך. אָרעמע גמרא גיטין מיט דיינע עטליכע בלעטלעך צרות, אָרעמער יוסיפון מיט דיינע פאָר קאַפּיטלעך וועגען די רדיפות, ווי זענט איהר בלאס און נישטיג אין פער-גלייך מיט די בעריכטען וואס קומען היינט אָן צו אונז פון ארום און אַרום איטליכען טאָג! שפּאַניען און די אינקוויזיציע? — אַ קינדער-שפּיעל. האט מען דאָך געהערט ווענינסטענס אַ קלאָר

וואָרט: שמד זיך אָדער איך וועל דיך דעדערן און ברענען, שמד זיך אָדער ביז צו יענעם און יענעם טאָג מוזט דו אַרויס פונ׳ם לאַנד. און איז דער גירוש געקומען, זענען דאך וועניגסטענס די טויערען געעפענט געווען און די פּאַס־פּאָרטען זענען געגעבען געוואָרען און אַ וועלט איז געשטאַנען אָפען און פריי. די רדיפות אין צרפת און אין אשכנז?— אָבער אַ שיעור האָבען זיי דאָך געהאַט פון איינצעלן זענען זיי אויפגעטרעטען, און איז דאַן דען מלאך־המשחית פּערביי־געגאַנגען, האט מען דאן ווידער געקענט עטליכע וואָכען און עטליכע חדשים אָבעטהעמען. בלבולים?— עלילת־דם?— די גרויסע, געשיכטליכע בלבולים און די איינצעלנע בעקאַנטע עלילות־דם־מעשות קען מען אויפצעהלען אויף די פינגער, און סוף־כל־סוף איז דאָך כמעט תמיד אַרויסגעקומען דער אמת. רוסלאַנד?— אָבער אַ טשערטא אָסעדליעסטי האָט זי דאָך אונז געגעבען, וואו מען האט געקענט רוהיג דורכשלאָפען אַ נאכט, און פּאָגראָמען האָבען דאָך געהאַט אַ בעשטימטען טער־מין, אַ צוויי־דריי טעג, און דאַן האָט זיך ווידער אומגעקעהרט דאס נאָרמאלע לעבען. און הויפטזעכליך: ביי די פּאַרצייטיגע צרות, ווי גרויס זיי זאָלען נישט זיין געווען — און אפילו ווען זיי זאָלען זיין געווען אין זייער צאָהל און אין זייער שטאַרקייט גרעסער ווי די איצטיגע — איז דאָך דער איד געווען אַ גאנץ אַנדערער און זיי האָבען אונמעגליך געקענט האָבען אַזא ווירקונג אויף זיין אינערליכען מענש, ווי עס האָבען היינט קלענערע צרות אויף דעם מאדערנעם איד מיט זיין ענטוויקעלטערען נשמה־לעבען. און כוף־כל־סוף זענען זיי דאָך געווען וועהרענד אַ צייט, ווען דאס עלעקטרישע ליכט האט נאך נישט געברענט און דער עראָפּלאַן איז נישט געפלויגען אין די לופטען. און דאס איז אפשר אלעס...

היינט אָבער — עס איז צום משוגע־ווערען, ווען מען טראַכט דערפון. קומען קומט מען מיט די פּרעטענזיעס און מיט דעם אנזעהען פון הומאַנע מענשען, און טהון טהוט

מען, וואס ווילדע און באַרבאַרען האָבען קיינמאָל נישט געטהון. מען זאָגט: מיר געבען אייך גלייכבערעכטיגונג און איהר זענט אין אַלעם גלייך צו אונז — און מען שטופט אונז אַרויס כסדר פון יעדען אָרט און פון יעדער שטעלונג. מען זאָגט: מיר זענען די עדעלסטע מענשען פון דער וועלט און אַלע ווייסען, אז אַדעלזין איז אונזער גרונד־כאַראַקטער — און מען כאַפּט אומשולדיגע מענשען פון דער גאס און מען מאַכט בלוט-בעדער יעדען טאָג. מען זאָגט: פריי זענען מיר פון פאראורטיילען און דער פרייער געדאַנקען איז אונזער דעוויז — און יעדען טאָג טראַכט מען זיי אויס אויף אונז נייע בלבולים און יעדע מינוט איבערקייעט מען דאס, וואס טויזענד נאַרען אין שלעכטע האָבען געפּלאַפּעלט אייביג וועהרענד דעם גאַנצען מיטעלאַלטער. מען זאָגט: ריצאַרעס זענען מיר פון אייביג אָן און עדעלע פּאָרמען ליגען אונז אין אונזער בלוט — און מען נעהמט קראַנקע מענשען און מען שליידערט זיי אַרויס פון אייזענבאַהן-צוג אין זיין פולען גאַנג. מען זאָגט: העלדען זענען מיר און מיר קעמפּפען פאַר די הייליגע זאַך — אין גרייז־גרויע מענשען נעהמט מען און מען בעוויזט זיין העלדישקייט, ווען מען שניידט זיי אָב מיט אַ שווערד בערד און האַלבע גאָמבעס. און ביי אַלעם דעם טענה'ט מען, אז עס עקזיסטירט ביי זיי נאָר גלייכבערעכטיגונג און אז ביי זיי איז קיין חילוק נישט פאַרהאַן בנוגע צו גלויבען און ראַסע. און ביי אַלעם דעם גיט מען הבטחות און עהרענווערטער און חתימות, אז מאָרגען וועט דאס נישט מעהר פּאַרקומען — און מאָרגען הויבט דער מכשפה-טאַנץ אָן פון דאס ניי...

קומט דאס מיטעלאַלטער צוריק? — ווי מען רופט דאָס, ווייס איך נישט. אפשר איז דאס אַזא מין נייע אויפלאַגע פון אַ מיטעלאַלטער ביי עלעקטרישער בעלייכטונג. מען קען האָבען די אַלערנייעסטע ערפינדונגען און ענטדעקונגען, מען קען פייערן דעם פּאָרטשריט און די מאָדערנע מענשען-ליעבע, דער מענשליכער גייסט קען שטרעבען צום גרויסען און צום

אַלערהעכסטען — און דער אַלטער באַרבאַ׳יזם קען זיך צו־פּאַסען צו די דאָזיגע נייע פאָרמען. איך בין נישט זיכער, אז געהענדיג אויף דעם דאָזיגען וועג, וועט מען נישט קומען ביסלעכווייז ביז צו אַ אינקוויזיציע מיט אַלע איהרע מאַרטער־געוועקציייט. איך ווייס נישט גענוי, אויב אין אַ יאָהר אָדער אין צוויי יאָהר שפּעטער וועט נישט זיין עפּעס אַ מכשפה־פּראָצעס. איך זעה נישט איין, אז אין אַ געוויסער צייט ארום זאָל מען נישט אָנצינדען עפּעס אַ שייטערהויפען. וועגען איין עלילת־דם האָט מען שוין גערעדט — און פון איין עלילת־דם ביז צו יענע זאַכען איז נאָר איין טריט. וואס מאַכט עס אויס? וועט עס זיין איין אינקוויזיציע און אַ מכשפה־פּראָצעס און אַ שייטערהויפען ביי איין עלעקטרישער בעלייכטונג, און קומען וועט מען צו זיי אויף אַ עראָפּלאנען און דאס ליעבע פּובליקום וועט לויפען עס זעהען אויף אויטאָמאָבילען. פאַר־צייטענס האָט מען דאס ליידער געמוזט מאכען ביי אַ חלב׳ן ליכט. אַ שאָד נעבעך, אזא פינסטערע צייט! דערפאַר אָבער זענען מיר דאָך עפּעס פאָרטגעשריטענע און מיר האָבען מאָדערנע ערפינדונגען...

מיטעלאַלטער?... אָ נאַרישער מענש! וואס בין איך שול־דיג, וואס דו האָסט דיר געמאכט ווערטער־ביכער און דו האָסט אזוי פיעל ווערטער פאַר בעגריפען, וועלכע עקזיסטירען אייגענטליך גאָרנישט? וואס ווייס די נאַטור פאַר זיך פון איין אונטערשיעד צווישען אַלטערטום און מיטעלאלטער און נייע צייט? די מענשליכע נאטור איז און בלייבט אַלע מאָל די זעלביגע. נאָך אינ׳ם אלטען רוים, ווערענד מען האָט אין די צירקען אַהינגעוואָרפען לעבעדיגע מענשען פאר דיווילדע חיות, האָבען שוין עקזיסטירט חברות פאַר צער־בעלי־חיים. נאָך אינ׳ם אלטען שפאניען, ווערענד די אינק־וויזיציע האָט גערעדט, זענען שוין געווען חברות פון בארמהערציגע ברידער. און אויך אינ׳ם מאָדערנעם שפאַניען, וואו עס קומען־פאָר די שטיער־קאמפפען, זענען דאָ בארמ־הערציגע שוועסטער. די מענשליכע נאַטור איז און בלייבט

אַלע מאָל די זעלביגע. נו, וועט עס זיין אַ מיטעלאַלטער מיט איין עלעקטרישער בעלייכטונג!

ווערענד איך שרייב די דאָזיגע ווערטער, הער איך א געוואַלטיגע יללה אויף דער גאַס. איך האָב מורא צוצוגעהן צום פענסטער. איך האָב מורא, איך וועל דאָרט זעהען א איד ליעגען אויף דער ערד, און איינער שטעהט אויף זיין ברוסט און טרעט איהם, און דער צווייטער טרענט איהם אָב מיט א באַגנעט די באָרד מיט א האַלבע מאָרדע.

פאָגראָמאָלאָגיע.

איז עס ניש מערקווירדיג? — אין דעמזעלביגען צייטונגס־בלאַט, אין וועלכען איך לייען, אַז די מאָרגענטוי׳עשע קאָמיסיע, וועלכע ווײלט יעצט צווישען אונז, האָט אויף אַזוי פיעל שוין געבראַכט אַ נוצען, אַז דערווייל, ווענינסטענס, האָט זיך דאָס ווילדע געיעג אויף דעם געהעצטען איד אַ ביסעל אָבגעשטעלט און עס איז פאַר דער האַנד געוואָרען אַרום אונז עטוואס רוהיגער, — אין דעמזעלביגען צייטונגס־בלאַט געפין איך דאָס פאָלגענדע ביסעל בעריכטען פון נאָר דעם היינטיגען טאָג אַליין: — „אין ליסקאָוויץ, ביי לאָוויטש, זענען דריי בעוואָפענטע צוגעקומען צום הענדלער העניך ראָטקליין, וועלכער איז אַרויס־געגאַנגען אין מאַרק מיט טיכלעך, און האָבען געוואָלט קויפען ביי איהם אַ טיכעל. אַזוי אָבער ווי זיי האָבען נישט געקאָנט דורכקומען וועגען דעם פרייז, האט איינער פון די בעוואָפענטע אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און האָט אויסגעשאָסען און האָט דעם איד אַוועקגעלעגט אויפ׳ן אָרט״. און דאַן: „הערר קאַצע־נעלסאָן, פאָרזיצענדער פונ׳ם מאַנופאַקטוריסטען־פעראיין, גיט איבער, אַז פאָהרענדיג אין דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטאָג אים אייזענבאַהן־צוג פון וואַרשע קיין לובלין, איז ער געווען עדות פון אַ ווילדען געיעג אויף אידען מיט באָרד און לאַנג־געקליידעטע, וואָס זענען געפאָהרען מיט׳ן צוג. מען האָט געריסען בערד, געפליקט קליידער און מערדעריש געשלאָגען

אַלע אידען, מענער און פרויען". און דאַן ווייטער: „אין אָסטראָווצע זענען אַרעסטירט געוואָרען 57 אידישע אַרבייטער, וועלכע זענען געגאנגען שפּאַצירען הינטער דער שטאָדט. איינער פון די סאָלדאַטען וועלכע האָבען זיי אַרעסטירט, האָט אויסגעשאָסען אין דער לופט, און דער קלאַנג האָט זיך פערשפּרייט, אַז געשאָסען האָבען די אַרבייטער, דען זיי זענען באָלשעוויקעס". און דאַן אַ ביסעל ווייטער: „די אידישע פּאַסאַזשירען, וואָס זענען ארויסגעפאָהרען פון וואַרשאָ שבת צו-נאַכטס מיט'ן צוג, זענען אין קאָלושקי אַרויסגעוואָרפען געוואָרען דורך אַ גרופּע בעוואָפענטע. וועלכע זענען געפאָהרען מיט'ן צוג. די בעוואָפענטע האָבען אַרויסגעוואָרפען די אידישע רייזענדע נישט לאָזענדיג זיי מיטנעהמען מיט זיך זייער געפּעק". און ווייטער: „די אלטע פרוי לאה זילבערשטיין, אַ הענדלערקע מיט זאַפּאַלקעס, איז זונטאָג אין דער פריה אַריין אין אַ רעסטאָראַציע ביי די האַלעס פערקויפען איהר סחורה, דאָ האָט אַ קריסטין פון די הענדלערקעס זיך געוואָרפען אויף דער אָרעמער אידענע און איהר דערלאַנגט מיט דער פויסט איבער די שלייפען, אַז זי איז אומגעפאַלען" אין באַלד דערויף: „דאָס הויז, וואָס די פירשטין מאַנדאַלענא ראַדזיוויל האָט געשענקט דער אידישער גמינע, לאָזט דעם הערר ניעמאָיעווסקי נישט רוהען. ער וועגדט זיך צו דער פּוילישער אַריסטאָקראטיע, אז זי זאל דורך די קרובים פון דער פירשטין מאכען אַ סוף צו איהרע סקאנדאלען און זי לאזען ערקלערען אלס נישט נארמאלע. די צייטען — זאגט ער — זענען זעהר נערוועזע און מען קען נישט לענגער טאָלערירען אזעלכע זאכען. אויך די פּוילישע פּרעסע — זאגט ער — זאל ענערגיש ארויסטרעטען, כדי בעצייטענס צו פערהיטען פון א שטורם, ווייל עס קען ווערען שלעכט". און באלד נאכדעם קומט א בעריכט וועגען א אידיש געוועלבעל, וועלכעס איז פּאָגראָמירט געווארען און אזוי ווייטער.

א זעהר לאַנגווייליג מאטעריאל — נישט אמת? און דאן: דאס זענען דאך נישט קיין פּאָגראמען, דאס זענען דאך נאר קליינע, נישטיגע, נאהישע שטיפּערייען. וואס מאכט דארט אויס

א איד, א הענדלער מיט טיכלעך, וועלכער ווערט דערשאָסען וועגען א פרייז, וועלכער קאנווענירט נישט? וואס פאר א בעדייטונג האט עס, כ׳לעבען, ווען מען ווארפט אראב עטליכע צוואנציג אידען פון איין אייזענבאהן-צוג ביים פולען גאנג? וואס פאר א ראלע שפיעלט אינ׳ם גרויסען לעבען עפּעס איין אלטע לאה זילבערשטיין, א הענדלערקע מיט זאפּאלקעס, ווען מען דערלאנגט איהר מיט דער פויסט איבער די שלייפען און זי פאלט אום און בלייבט ליעגען?

אבער, זעהט איהר, דאס דוקא איז עס, וואס איך וויל, אייגענטליך, דאָ בעווייזען. נישט די ג ר ו י ס פון דער זאַך, נאר איהר ו ו ע ז ע ן איז עס, וועלכעס שטימט דעם בעטראכטער אזוי טרויעריג. נישט דער ע ר נ ס ט איז עס, נאר דוקא דאס ש פ י ע ל ע ר י ש ע און ש ט י פ ע ר י ש ע וואס מיר זעהען דערביי. און הויפּטזעכליך: נישט דער פ אָ ג ר א ם שפיעלט דאָ אַ ראָלע, נאר די פּאָגראם ש ט י מ ו נ ג. די קישינאָווער פּאָגראמשטשיקעס האבען אין אַ געוויסער מאס געהאט דעם צוג פון דעם גרויסען, און דער פּאָגראם-פריינד, דער פּאגראמאלאג, האט געקענט זאגאר שטאלץ זיין אויף זיי. ווי איין עלעמענטארע קראפט זענען זיי געקומען, זיי האבען ווי א טייפון געווילדעוועט. און אבגע-ווילדעוועט האבען זיי אַ צוויי-דריי טעג, און איין סוף און איין עק האט עס געהאט. ביי אונז אבער זענען עס נישט קיין פּאגראמען, נאר פּאגראמלעך, נישט קיין עקסצעסען, נאר עקס-צעסלעך, נישט קיין הריגות, נאר הריגה׳לעך, און נישט מיט שטורם קומען זיי, נאר אויף לייכטע, ווייכע זוילען, קוים וואס מען הערט די טריט, און אלע האלבע שעה איין עס לעפּעל און אלע האלבע מינוט א אידישער הרוג אדער א פּעקעל האר פון איין אויסגעפליקטער בארד, אז גאָט זאל מיך נישט שטראפען פאר די רייד: עס קעהרט די גרינע גאל דאס צוקוקענדיג. און דערביי איז מען נישט קיין פּאגראמשטשיקעס, נאר ארנדטליכע לייט, און דערביי איז מען נישט קיין ווילדע מאס-קאלעס, נאר די פיינסטע פון אלע פיינע קולטור-טרעגער מיט די עלטעסטע פון אלע אלטע הומאניטארע טראדיציעס. און

ווירקליך, מיינע הערצען, ווען אין דעם זין מיינט איהר, אז ביי אונז זענען קיין פאגראמען נישט פארהאנדען—חוץ, נאטירליך, די דריי־פיער גרויסע, וועלכע מיר האבען געהאט — בין איך פאלקאמען איינפערשטאנען דערמיט. עס זענען פאגראמען מיט קולטור. אבער נישט די גרויס פון א פאגראם שפיעלט די ראלע, נאר איהר וועזען. איר זאגט: נישט 2000 הרוגים זענען געווען אין דער און דער שטאדט, נאר 200, נישט 200, נאר 20, נישט 20, נאר 2 — אבער דאס איז מיר אייגענטליך קיין שום נפקא־מינה נישט. איך גערענק נאך גאנץ גוט די רעהאביליטאציע פון יענעם מעדעל, וועלכע איז געווארען איין אויסגעלאסענע, און האט דאן גע'טענה'עט, אז זי איז נישט פיעל שוואנגער, נאר א ביסעל, קוים־קוים.

דאס גרעסטע אומגליק פאר אונז איז אפשר, וואס מיר האבען אין פוילען נישט קיין אנטיסעמיטיזם. איהר לאכט? איך מיין עס גאנץ ערנסט. מען האט אין פוילען נישט פיינד דעם איד. עס איז פערהאנדען דא איין עטוואס, וואס איז טויזענד מאל שלעכטער פון פריינד־האבען און טויזענדמאל געפעהרליכער — מען פעראכטעט אונז. אין אנדערע לענדער איז אמאל פארהאנדען איין אנטיסעמיטישע פארטיי, און עס איז פארהאנדען דאגעגען אויך א ליבעראלע, עס איז פארהאנדען א שטיקעל אנטיסעמיטישע פרעסע, און עס איז פארהאנדען דאגעגען אויך א ליבעראלע, עס איז פארהאנדען איין אנגריף, און עס איז פארהאנדען דאגעגען אויך א פערטיידיגונג. ביי אונז איז עס אנדערש. דאס גאנצע לאנד בנוגע צו אונז איז איין פארטיי, די גאנצע פרעסע בנוגע צו אונז איז איין פרעסע, און די לינקסטע און די רעוואלוציאנערסטע און די פריי־דענקענסטע — בנוגע צו אונז קענען זיי נישט פריי דענקען. א מענש ווי שוויענטאכאווסקי, וועלכער האט די פאהן פון פארט־שריט א האלב מענשען לעבען געטראגען הויך, האט זיך צום סוף אויסגעוויקעלט אלס איינער פון אונזערע געפעהרליכסטע געגנער. א מענש ווי פרוס, וועלכער האט געקעמפט פאר די ליכטיגסטע אידעאלען און איז געווען דער פרייעסטער גייסט, בנוגע צו אונז האט ער זיך דאן ארויסגעוויזען אלס

דער פערביסענסטער אנגרייפער. א מענש ווי ניעמאיעווסקי־
יועלכער רעדט אים נאמען פון דעם „אונאבהענגיגען געדאנקען״
און איז דער פארקעמפפער פאר די פרייגייסטעריי, האט
פלוצלינג אַראַבגעוואָרפען די מאַסקע און האָט אָנגעהויבען צו
שרייבען טעגליך זיינע פאַסקווילען געגען אונז. ער ווערט־אַזש
קאַטאָליש־פרום דענסמאָל, ווען ער מוז אונז דערלאַנגען
אַ קלאַפּ. איז אַזא ערשיינונגמעגליך אין איין אַנדער לאַנד?
איז מעגליך אַזא אידענפרעסעריי דוקא אין דעם ליבעראַלען
לאַגער? — עס איז נאָר מעגליך דאָ, וואו מען האָט אונז נישט
פיינד, נאָר מען פעראַכטעט אונז. אַכטהונדערט יאָהר לאַנג פער־
אַכטעט מען אונז. מיר זענען אין זייערע אויגען ווי די קוליס,
ווי די נעגער, ווי די באשי־בוזוקס. מיר זענען גאָר קיין
מענשען נישט, וועלכע פיהלען ווי די מענשען און ליידען ווי
די מענשען און זינדיגען און שטרויכלען און פאַלען און הויבען
זיך — מיר זענען אין זייערע אויגען נאָר מאָשקעס און איצעקס.
און אַכטהונדערט יאָהר שוין דויערט די פעראַכטונג. און די
פעראַכטונג מאַכט זיי אַזוי בלינד און אַזוי טויב אַז זיי זעהען
נישט, וואָס זיי טהון, און הערען נישט, וואָס זיי רעדען. איז
דער מאָסקאל אין לאַנד, וועלען זיי זאָגען, מיר האַלטען מיט
דעם דייטש; איז דער דייטש ביי זיי, וועלען זיי איהם זאגען,
מיר גיבען איהם אַרויס צום רוס; זענען ביידע איינגעזאמעלט
געוואָרען צו זייערע פּאָטערס, וועלען זיי זאָגען, מיר זענען
באָלשעוויקעס, און וועלען די באָלשעוויקעס פערשווינדען,
וועלען זיי האָבען אַ טענה, אַז מיר אידען האָבען דעם רע־
וואָלוציאָניזם אומגעבראַכט און געמאָרדעט, ווייל מיר האָבען
אַזוי ליעב דאָס געלד און מיר זענען בורזשוי׳ס. און אכט־
הונדערט יאָהר שוין דויערן די בלבולים. און גנב׳עט מען
איינעם אַראָב די וועש פונם בוידעם, זענען מיר אידען, מיר
אַלע אידען, שולדיג. אַזוי איז, ווען מען פעראַכטעט אַ פאָלק
אַזוי זעהר. אַך, ווען זיי וואָלטען מיך נישט אַזוי פעראכטען.
נאר זיי וואלטען מיך אַ ביסעל פיינד האבען! פיינד האבען,
ווי מען האט פיינד אַ מענש! פיינד האבען אונגעפעהר ווי זיי

ראבּצן פיינד דעם רוס און דעם דייטש! — אין דעם טאָג, ווען אין פּוילען וועט ווערען איין אַנטיסעמיטיזם אנשטאט דער פעראכטונג, וועל איך מיר מאכען אַ יוס-טוב, דער ערשטער שריט צו אַ פערשטענדיגונג וועט זיין געמאכט.

אַזוי אבּער ווי זאל איך קעמפּפען געגען פעראכטונג? ווי וועט אַ קאָמיסיע און ווי ווצלען טויזענד אנדערע קאָמיסיעס קעמפּפען געגען איהר? — נישט אין דעם, וואס מען וועט נאכווייזען, אַז עס איז געווען אַ פּאָגראָם אדער נאר אַ פּאָגראָמעלע, ליעגט די זאך. נישט אין דעם, או״ך עס איז געוועז איין עקסצעס אדער נאר איין עקסצעסעלע ווענדט עס זיך. די אטמאָספערע, די אטמאספערע אַרום, דאס איז אַלעס. אַ פּאָלק פעראכטעט אַ פאלק זינט דו͏ֹות, אַ פרעסע פערגיפטעט אַ לעזע-פּובּליקום זינט יאהרען, אַ געגעראציע וואקסט אויף, וועלכע איז ווילד, און פיהלט עס אַליין נישט מעה — און נישט דער פּאגראם איז דא וויכטיג, נאר די פּאגראם-שטימונג. און די פּאגראם-שטימונג דערלאזט נישט דאס נארמאלע ל נ͏ֹבּען. ווי וויל מען דא העלפען? ווי קען מען דא העלפען?

קאמיסיעס.

ווי אזא קאָמיסיע און די פאָלגען פון אזא קאָמיסיע זעהען-אויס אין מיין קאָפּ? איך שטעל מיר די זאך פאָר אזוי —: אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען קומען צו אונז א דרייפיצר הערען פון דער פרעמד, פון פרעמדע פערהעלטניסע ארויס און אין פרעמדע פערהעלטניסע אריין, זיי קומען מיט די ריינסטע אבזיכטען און מיט דעם בעסטען ווילען — דאס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, — זיי מאכען בעקאנטשאפטען, זיי הערען-אויס צדדים, זיי פאָרשען, זיי זעהען די זאכען אויף אזוי פיעל ווי זאכען זענען זיכטבאר און גרייפבאר, די אטמאָספערע נאטירליך, ווייל זי איז נישט זיכטבאר און נישט גרייפבאַר, בלייבט פאַר זיי אַ ביסעל פרעמד, זיי שרייבען-אָן גאַנצע בערג מיט פראָטאָקאלען און אַקטען, זיי קומען צו אַ געוויסען בעשלוס — און אזוי ווייטער און ווייטער. און וואָס דער פּועל-יוצא דערפון איז? דער פּועל-יוצא, געוועהנליך, איז די וועלטבעקאַנטע און וועלטבעריהמטע פשרה. זיי זאָגען אונגעפעהר אַזוי: — דער איינער צד איז גערעכט, אָבער אזוי אין גאַנצען אומרעכט געבען דעם צווייטען צד קען מען אויך נישט. די מעשים זענען מעשים נוראים, דאס איז כמעט ווי בעוויזען, אָבער אומגעקעהרט ווידער. אין אנבעטראכט פון די פערהעלטניסע און פון די צייט-אומשטענדען און פון די אָרטסבעדינגונגען, זענען זיי אייגענטליך גאָרנישט אזוי נוראים׳דיג.

אויך דאס איז כמעט ווי בעוויזען לעמבערג ? עס איז ווירקליך שרעקליך. ביי גערעגעלטע פערהעלטניסע טאָר אַ זעלכעס גאַנץ בעוויס נישט פּאָרקומען. אָבער פאָרט איז עס דאָך אין אַ מלחמה־צייט געווען. קעלץ ? איין עפּיזאָד. פינסק ? האַקט מען האָלץ, פאַלען שפּענער. טשענסטיחאָוו זאָגט איהר ? די שולדיגע זענען בעשטראָפט געוואָרען, און זענען זיי עס נאָך נישט געוואָרען, וועלען זיי עס ווערען. איבריגענס, האט די פאַמיליע פון דעם געפאַלענעם פעלדשער בעקומען פונ׳ם שטאַאט 25 000 מאַרק אונטערשטיצונג. ווילנא, לידא און פיעל אַנדערע אַ זעלכע שטעדט און שטערטלעך ? מיינע העררען, די געשעהענישען דאָרט זענען ווירקליך זעהר בעדויערליך און מוזען אַ ודאי ובודאי פערדאַמט ווערען, אָבער אַזוי ווי דאס זיעגרייכע מיליטער האט גענומען אויף זיך די הייליגע פפליכט צו קעמפפען געגען דעם באָלשעוויזם, קען מען און טאָר מען וועגען איינצעלנע פאַלען, אָדער אפילו וועגען עטליכע טעות׳ן, נישט צו שטרענג אורטיילען. וואס זאגט איהר נאָך — דעמבלין ? אַ מעשה פון יחידים. איבריגענס, זענען די מערדער שוין איבערגעגעבען געוואָרען צום פעלדגעריכט. איהר זעהט אַליין, אַז מען זוכט די גערעכטיגקייט. בלייבט נאָך סך־הכל בערך, פּרזעמיאַזד, עקסע־קוציעס, אונבעדייטענדע שיקאַנען און דערגלייכען. אָבער, מיינע זעהר געעהרטע העררען, דאס איז דאָך שוין ווירקליך נאָר אַ שטאָף צו לאַכען. ווער וועט דען אַזעלכע קלייניקייטען אזוי ערנסט נעהמען ? איבריגענס, וואס געווען איז געווען. אַרומרייסען און אַרומבייסען זיך אייביג איז דאָך אויך קיין פּלאַן נישט. די הויפּטזאַך איז שלום — און אזוי ווייטער און ווייטער. און וואָס דער סוף איז פון דעם אלעמען ? דער סוף איז געוועהנליך אזוי : אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען צעפאָהרט זיך ווידער די קאמיסיע, און דאס רעדעל הויבט זיך דאַן אָן פון דאָס ניי צו דרעהען און עס געהט ווידער די סדרה פון שטעדט און שטעדטלעך און בערד און קאַרטאָפעל שיילען און וואַסער־גיעסען — און אזוי ווייטער און ווייטער. איבריגענס, האָבען מיר אויך בפירוש׳ע הבטחות. בפירוש האָבען צייטונגען געשריבען

דאָס וואָרט „דערווייל". דערווייל, האָבן זיי געזאָגט אזוי לאַנג ווי פרעמדע אויגן קוקן זיך אַ ביסל צו זעהר צו, מוז מען די אַרבייט אָבשטעלן...

אוי, די דאזיגע קאָמיסיעס! ווען און וואו האָבן מיר שוין נישט געהאט קאָמיסיעס? און הויפּטזעכלעך: וו ע ן האָבן קאָמיסיעס שוין געבראַכט עפּעס אַ ממשות׳דיגע הילף? ווען איז שוין דורך אַ גביית־עדות דער אומגערעכטער פון היינט געוואָרן אַ גערעכטער מאָרגן? – יושר דורך שטימען מעהרהייט! עפּעס קומט עס ביי מיר אויס, ווי מען וואָלט וועלן בעווייזן און בעשטימען דאָס פאַרהאַנדענזיין פון גאָט דורך דאָס אויסזאָגען פון עדות און דורך שטימען־מעהרהייט. אייגענטליך, זענען פאַר־האַנדען אַמאָל אויך עפענטליכע געריכטע, וועלכע האָבן נאָר דעם כאַראַקטער פון אַ זעלכע קאָמיסיעס. אָט האָבן מיר מיט עטליכע יאָהר צוריק געהאַט אין קיעוו איין עפענטליך געריכט וועגן איין עלילת־דם. אויך דאָס איז, אייגענטליך, געווען אַזאַ מין קאָמיסיע. און נישט מ י ר האָבן זי אַוועקגעזעצט, נאָר די אַנדערע. מ י ר וועלן קיינמאָל נישט אַזאַ קאָמיסיע אַוועקזעצן, דען מיר ווילען נישט שפּיעלען די ראָלע פון דער „מויד מיט אַ כתב". און וואָס, פרעג איך, וואָלט זיין, ווען איינעם פון די צוועלף פויערים, וואָס אונזער גורל איז געווען אין זייערע הענד, זאָל דענסמאָל, חלילה, איינפאַלען צו זאָגען, אַז, כפי ווי עס דוכט זיך גראָד איהם, בעדאַרפען אידען יאָ קריסטליך בלוט אויף פּסח, און עס וואָלט באופן זה ענטשטאַנדען אַ שטימען־מעהר־הייט? וואָלט דעדורך טאַקי געוואָרען בעוויזען דער ריינער אמת און וואָלט טאַקי דעדורך געבליבען איין היסטאָרישער פאַקט, אַז בייליס איז שולדיג און אַז אידען עסען בלוט? – אָך און וועה צו אונזער לעבען, אַז אונזערע אונמענשליכע ליידען הענגען נאָך אָב פון בעווייזען און פון אַ שטים־צאָהל!

דאָס בלוט שטייגט מיר אין פּנים אריין פאַר שאַנד, ווען איך דערמאָן זיך, אַז איך, דער געשלאָגענער און געפּייניגטער, האָב נישט גענוג, וואָס איך בין אונמענשליך געשלאָגען און מערדעריש געפּייניגט, נאָר איך מוז ערשט האָבען דערויף איין

אַטעסטאַציע פון אַ אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. בעווייזע דערלאנג־
אז נישט, האָסטו מוציא שם געווען אויף אַ כשר'ע בתולה.
מיינע ביילען און מיינע וואונדען און מיין בלוט, וועלכעס שרייט
פון דער ערד, איז גאָרנישט; די הויפטזאַך זענען די חתימות,
די געזאמעלטע חתימות, און טאמיר פעהלט ביי איינער אַ קוצו
של י"ד, האָסטו א בלבול אויסגעטראַכט. אָבער בעווייזען קען
איך דאָך העכסטענס נאָר דעם קלאַפּ, און נישט וואס איך לייד!
ליידען מוז מען מיטפיהלען, און נישט ערשט אויסגראַבלען זיי
פון פאַפּיערען. — איך בין איין אָרעמער אידישער שריפטשטעלער,
ווייט פון פּאָליטיק און ווייט פון פאַרטייען, און דאך שרייב
איך יעצט שוין חדשים לאַנג, וואָך פאַר וואך, נאר וועגען דעם
איין איינציגען געגענשטאנד, וועגען די או. מענשליכע צרות פון
מיינע ברידער און שוועסטער — איז דאס אלעס אלזא נאר
אַ שפּילעריי? איז עס אלזא נאָר גלאַט אזוי צום צייט־פערטרייב?
און איז עס נישט ווייל עס לאזט מיך נישט רוהען ביי טאג
און שלאפען ביי נאכט און ווייל איך קען עס נישט מעהר צו־
קוקען און ווייל עס שרייט פון מיר ארויס איין אונענדליך
ליידען? און בין איך נישט אליין אַ בעווייז? — אבער ניין! זיי
פערלאנגען בעווייזען, האַנדגרייפליכע, פּראָקטאקאלירטע בעווייזען!
ברענג זיי דעם הרוג מיט דעם צעשאָסענעם קאָפּ, צעהל זיי
אויס די האר פון די געריסענע בערד, שלעפּ ארויס די פער־
אונגליקטע מעדלעך פון די וואסערן און דערלאנג זיי!

דאס אומגליק איז, וואס מען דארף קענען נישט נאר די
פאקטישע געשעהענישען, די בעווייזענע און די האלב־בעוויזענע
און די וואס לאזען זיך נישט בעווייזען, נאר אויך, און אפשר
הויפטזעכליך, די אטמאָספערע, וועלכע רינגעלט ארום דאס אלעס —
און דאס איז אַ זעלכעס, וועלכעס מען קען באין אופן נישט
קענען לערנען אין טעג אָדער וואָכען אדער אפילו אין חדשים.
הונדערטער יאָהרען לאנג האט דער פריץ זיין מאָשעק אדער
זיין איצעק געלאזט זינגען, גלאט אזוי צום שפאס, זיינע שבת־
דיגע זמירות — און די דירעקטע פאלגע דערפון איז דאס הי־נ־
טיגע באַרד־רייסען. דאס איז דאס אלטע פערלאנגען צו אַ מה

יפית, נאר אין אַ מעהר מאָדערניזירטער פאָרם. הונדערטער יאהרען־לאנג האט דער פריץ, גלאט אזוי, מיר־נישט דיר־נישט, און נאר צום צייט־פערטרייב, געשמיסען דעם איד — און די דירעקטע פאלגען דערפון זענען די היינטיגע הריגות. עס איז דאס אלטע שמייסען, נאר אין אַ מאדערנער פאָרם. עס שטעקט פאָרטשריט אין דעם. דער אונטערשיעד איז נאר דער, וואס פארצייטענס האט נאר דער פריץ אַליין געהאט די פריווילעגיען אויף זיין מאשעק און אפילו דער עקזעקוטאר, דער, וועלכער האט געגעבען די שמיץ אויף דעם בעפעהל פונ׳ם פריץ, האט נישט געטארט מיטלאַכען ביי דער פראָצעדור, ווען זיין הערר האט עס איהם דירעקט נישט ערלויבט, היינט אבער איז דער גאנצער ענין דעמאָקראַטיזירט געוואָרען, היינט איז דאס גאנצע פאָלק פריץ, און עס שמייסט און עס רייסט און עס הרג׳עט יעדער ווער עס קאָן נאָר. דערפאַר לעבען מיר דאָך עפעס אין דער צייט פונ׳ם דעמאָקראַטיזם. און אזוי ווי אנדערט האלב יאָהרהונדערטע פון דער נישט זעלבסטשטענדיגקייט זענען די אַלע פינסטערע ליידענשאַפטען און מאַזאָכיסטישע, אינסטינקטען געגען דעם אייגענעם ווילען און געגען די אייגענע נאַטור איינגעהאַלטען געוואָרען, דעריבער זענען זיי יעצט מיט אַזא עלעמענטאַרע קראַפט פלוצלונג און מיט אַמאָל אויסגעבראָכען. עס האט אַ פנים, ווי אַ נישט פערברויכטע ענערגיע וואלט וועלען זיך אויסווילדעווען און אויסברענגען זיך די אומזיסט פערשלאָפענע צייט. און דערצו קומט נאָך צו די פּאָליטיק־טרייבעריי— דאס געוועלטיגען פון דער נאַראָדאווא דעמאָקראַציע. אַ דמאווסקי און קאָמפּאַניע זענען טאָטאַל באַנקראָט, ווען נישט די העצ־פּאָליטיק. און געהעצט ווערט ווי עס איז נאָך קיינמאָל נישט און אין ערגעץ נישט אין דער גאַנצער וועלט געהעצט געוואָרען.

שלום זאגט איהר ? — איך וואָלט וועלען זעהען דעם איד, וועלכער וואָלט נישט אויסשטרעקען זיינע ביידע הענד צו אַ שלום— ווען נאר יענער צד זאל איהם ווייזען אַ פריינדליכע מינע איין מינוט. וואס זאג איך פריינדליכע מינע? ניין, ווען יענער צד יאל איהם, וועניגסטענס, נאר נישט טאָג־טעגליך אזוי פייניגען.

איך קען דעם איד, אזוי ווי איך קען איהם! אפילו פריינד־ליכקייט פערלאנגט ער נישט. פון אזא גליק חלום׳ט ער גאָר־נישט. ער דאנקט גאָט ווען מען לאזט איהם נאָר עטהעמען, ער איז שוין צופרידען, ווען מען לאָזט א י ה ם צורוה!

און וועגען פשרות רעדט איהר? — ניין, פשרות נישט. נאָר־נישט: דו ביסט גערעכט, און דו אויך. עס קען, חלילה, דער־פון ארויסקומען אַ קאַטאַסטראָפע. אפשר נאך אַ סך גרעסערע ווי די ביז איצטיגע. מצהר פעהלט אונז שוין צו אונזערע צרות נישט, ווי נאָר אז מיר זאלען נישט קענען אויסווייזען בולט און רונדיג אַרום, וואס מען האט אלעס געזינדיגט געגען אונז. קוים וועט פעהלען אַ קוצו של י״ד און קוים וועט אונז נישט געגעבען ווערען רעכט א י ן ג א נ צ ע ן, מעג גאָט אין אונזער הילף זיין. עס וועט זיי איין אַפּראָבאַציע, אַ כתב הרשאה אויף נייע, אונ־ענדליכע צרות. אוי, ווי ציטער איך, ווען איך דערמאן זיך, וואס עס קען קומען. ניין, נאָר נישט אויסגלייכען, נאר נישט מפשר זיין, נאר נישט געבען גערעכט דעם איינעם און דעם צווייטען צוגלייך. צוערשט מוז אונזער אמת בעוויזען זיין, גענצליך און נישט מיט האַלב־ווערטער בעווזען זיין און דאן — זאל קומען וואס עס וועט קומען.

אייראָפּעאיש.

ווי לאַנג איז עס דען אין גאַנצען? — העכסטענס עטליכע טויזענד יאָהר. אַזיען האָט דענסמאָל געבליהט און איז געשטאַנען אויף דער הויכער מדרגה. אַ קליינינקייט אַזאַ אַזיען! גערופען האָט מען זי „די וויעג פון דער קולטור". געווען איז זי דער איינבעגריף פון אַלעם בעסטען און עדעלסטען, געדיענט האָט זי פאַר אַ גאַנצע וועלט אַרום אַלס מוסטער פון מענשליכקייט און פאָרטשריט. אַזיען! — האָט אימעצער געזאָגט פון אַ געגענשטאַנד, אַז ער איז „אַזיאַטיש", האָט ער דערמיט אויסגעדריקט, אַז ער רעדט דאָ מכּוח אַ זאַך, וועלכע איז דער לעצטער און העכסטער אויסדרוק פון קולטור, און האָט אימעצער צו אימעצען געזאָגט: „דו ביזט אַ יין אַזיאַט", איז דאָס געווען דער גרעסטער קאָמפּלימענט, וואָס מען האָט געקאָנט מאַכען אַ קולטור-מענש. צו אַ שידוך האָט דאָס געמוזט זיין אַ גרויסע מעלה. האָט שלמה המלך זיך משדך געווען מיט פּרעה, דעם מלך פון מצרים, איז מסתּם גענוג געווען, וואָס דער שדכן איז געקומען און האָט געזאָגט דער מחותּנת'טע, אַז דער חתן איז איין אַזיאַט, איין אמת'ער און עכטער אַזיאַט...

און יאָהרהונדערטע זענען אַוועק, און אפשר יאָהרטויזענדע. אַזיען איז אַראָב פון דער סצענע. עפּעס אַ יין אַנדערער וועלטטייל האָט זיך אַרויפגעקאָראָפּקעט צו דער מזרח-וואַנד. די ווערטער „אַזיאַט" און „אַזיאַטיש" האָבען בעקומען אַ יין

אַנדערען בעגריף. אזוי איז שוין די טבע פון ווערטער: זיי בלייבען אינ׳ם ווערטערבוך, און נאר א י י ן אנדערען אויס־טייטש בעקומען זיי מיט דער צייט. „אזיאט״ און „אזיאטיש״ זענען געווארען זידעלווערטער. אין אַ שעהנעם פריהמארגען איז עס געוועזן. פלוצלינג איבער נאכט, דאָ איז אימעצער צוגע־גאַנגען צו אימעצען, אָנגעפילט מיט א י י ן עדעלען צאָרן, און האָט איהם געזאָגט מיט דער גרעסטער פעראַכטונג: „דו ביזט אָ י י ן אזיאט״, און דער פירוש דערפון איז שוין גאָר געוועזן: „דו ביזט אַ פרא־אדם, אזוי אז ווען דו געהסט מיט דיין פריינד דורך אַ שטילע גאס אַליין, איז כורא צו האָבען, דו זאָלסט איהם נישט אָבבייסען די נאז״. און דאַן ווידער, אין אַ געזעלשאַפט איז עס געוועזן ביי אַ גלעזעל טהעע, דאָ האָט אימעצער געזאָגט אויף אַ זאַך אָדער אויף אַ געשעהעניש, אַז זיי זענען „אַזיאטיש״, און געמיינט איז שוין פלוצלינג דערמיט געוועזן: די דאָזיגע זאַך אָדער דאס דאָזיגע געשעהעניש איז אזוי ווילד, אז מען דאַרף דערביי רויט ווערען פאַר שאַנד און אַראָבהענגען די אויגען... אזוי איז שוין די טבע פון ווערטער. זייער בעגריף ב י י ט זיך.

און איירָאָפּא! — וואָס „איירָאָפּעער״ און „איירָאָפּעאיש״ בעטייט א י צ ט ע ר אויף אונזער בעגריף־שפּראַך, דאס ווייס יעדעס קינד. מען דריקט דערמיט אויס דעם העכסטען שבח, וואָס מיר האָבען צו פערגעבען. אונזער שטאָלץ וואַקסט, ווען מיר הערען, ווי מען מאַכט אונז די דאָזיגע בערוישענדע קאָמפּ־לימענטע, און די אויגען שווימען ביי אונז אין גלאַנץ פאַר לויטער נחת. מיר שמייכלען האַלב פערשעמט, און מיר ווייסען שטילערהייט אונזער זעלבסטפערשטענדליכען ווערט. וועט דאָס אָבער לאַנג נאָך אַזוי דויערען? — אָפט, זעהט איהר, אין לאַנגע שלאָפלאָזע ווינטערנעכט קוועהלט מיך אַ מאָדנער געדאַנק: — איז גאָרנישט מעגליך, אַז מיין אייניקעל אָדער מ י י ן אור־אייניקעל, ווען ער וועט אַרויסרעדען אַמאָל דאָס וואָרט: „איי־ראָפּעאיש״, זאָל ער דערמיט שוין נאָך פערבינדען אַ גאַנץ אַנדערען בעגריף? און ווען ער וועט וועלען אויסדריקען אַמאָל

זיין העכסטע פּעראַכטונג צו אַ זאַך, און ווען ער וועט וועלען זאָגען פון אַ געגענשטאַנד, אז ער איז ווילד, און ווען ער וועט וועלען בעהויפּטען פון אַ מענשען, אַז ער איז רויה און אונמענשליך און איז אין גאַנצען אָהן אַ שום קולטור, איז עס גאָרנישט מעגליך, אז דאס דאָזיגע אור־אייניקעל מיינס וועט זיך דאַן בענוצען צו דעם דאָזיגען צוועק מיט'ן אויסדרוק „איירָאָפּעאיש", דען איירָאָפּעאיש וועט שוין דענסמאָל זיין גלייכבעדייטענד מיט ווילד און רויה און אונמענשליך? — ווי, איהר גלויבט דאס נישט? — אז אָך און וועה צו אונזער גלויבען און צו אונזער נישט גלויבען! אויך אין יענע פאַרצייטיגע, פערשוואונדענע דורות האָט דאָך קיין שום מענש אויף דער וועלט נישט געגלויבט, אז „אַזיאַטיש" וועט אַמאָל זיין אַ זידעל־וואָרט. און דאָך איז עס געוואָרען. דער טאַנץ געהט שוין אזוי. איך זעה גאָרנישט איין, אז דער לויף פון דער אַל־נאַטור זאָל מוזען מאכען איין אויסנאַהם מיט אונזער קולטור דוקא. די נאַטור באַקט איהר ברויט אַלעמאָל אויף איין שטייגער. איך וייס נאָר נישט, ווי דאָס צוקונפטיגע וואָרט וועט הייסען, דער יחסן פון מאָרגען, מיט וועלכען אַ קומעדיגע וועלט וועט פערבינדען דעם בעגריף פון דער נייער קולטור און דעם נייען פּאָרטשריט און דער נייער מענשליכקייט: אפשר וועט עס הייסען „אַמעריקאַניש", אפשר „אַפריקאַניש", אפשר נאָך פון דאס ניי „אזיאַטיש" — ווער קען וויסען? אָבער דער טאַנץ געהט. דאס שפּיעלעכעל קומט. און אויך דאָס דאָזיגע נייע שפּיעלעכעל וועט נישט זיין פון עוויגקייט. עס וועט האַלטען עטליכע טויזענד יאָהר און וועט זיך בייטען. דאס איז שוין אזוי דער לויף פון קולטור־לעבען. עס איז אַ פנים, אַ בעהאלטען געזעץ, אַ זעלכעס...

מיין אייניקעל אָדער מיין אור־אייניקעל, האָב איך געזאָגט — אייגענטליך אָבער האָבען מיר גאָרנישט צו וואַרטען אפילו אַזוי לאנג אויך. דער פּראָצעס פון דער אויפלעזונג פון אונזער קולטור האָט זיך שוין אָנגעהויבען. שוין יעצט, פאר אונזערע אייגענע אויגען, שפּיעלען זיך אָב די ערשטע

איינלייטונגען צו דעם דאָזיגען וועלט־געשעהעניש. די ציגעל פון אונזערע וועגד שרייען עס צו אונז, די טאָג־טעגליכע געשעהענישען אויף אָונזערע גאַסען ווייזען עס אונז. מען מוז גאָר קענען הערען, מען מוז נאָר קענען זעהען. דער דאזיגער וועלט־קריעג, דער דאָזיגער וועלט־שלום, די דאָזיגע וועלט רעוואָלוציע — ניין, קינדער, אז דאָס זאָל שוין נישט הייסען דער אָנפאַנג פון סוף, ווייס איך נישט מעהר, מיט וועלכער שפראַך מוז צו אייך רעדען דער גאָט פון די געשעהענישען, אום אייך אַ זאַך קלאָר צו מאַכען.

דען ווי האָט זיך דען אָנגעהויבען דאס צעברעקלען און דאָס צעקרישלען זיך פון די אַלטע קולטורען פון פאַר־צייטענס? -- דער גרויסער ליגענד האָט אָנגעהויבען צו געוועלטיגען אויף שריט און טריט. די סאַטראַפּען האָבען געקיניגט און געוויךטשאַפּט. זיי האָבען זיך גענומען צו זייערע צוועקען די רעליגיע צו הילף, זיי האָבען זיך גענומען צו הילף די פּאָליטיק. זיי האָבען גע׳גנב׳עט און גע׳גזלנ׳ט. קאָרופּציע, מאַלווערזאַציע און אַנדערע מיסברויכען זענען געוואָרען די טעגליכע ערשיינונג. די נייגונג צום וואויל־לעבען און צום געניעסען און צום הולטייען איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט. די גרויסע לענדער האָט מען צעשטיקעלט און די קליינע האָט מען פּראָקלאָמירט. קליינע סאַטראַפּעלעך, שפּאָגעל־נייע, זענען אויסגעוואַקסען טעגליך, ווי די גיפט־שוואמען. און די קליינע סאַטראַפּעלעך האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך נייע, קליינע תאוה׳לעך, נייע, קליינע אַפּעטיטלעך, נייע, קליינע אינסטינקטלעך, וועלכע זענען געוואַקסען אַלץ גרעסער מיט יעדען טאָג. מלחמה׳לעך זענען געפיהרט געוואָרען אָהן ענד, אָהן סוף אָהן ברעג. און האָט אַ וויסענשאַפט עפּעס מחדש געוועזן, האָבען עס באַלד יענע לייט גענומען אין זייער דיענסט אַריין אום דעדורך וואָס גיכער צו קומען צו זייער צוועק, און האָט אַ קונסט עפּעס אויפגעטהון, האָבען עס יענע הערען באַלד אויסגענוצט, אום דעדורך לייכטער צו בעגרינדען זייער הערשאַפט, און האָט אַ ליטעראַטור עפּעס געאַרבייט,

האָבּען עס יענע געוויסענס־לאָזע בּאַלד אַריינגעכאַפּט אין זייער רשות, אום דעדורך וואָס זיכערער צו דערגרייכען דעם טיטעל „ג־ויס״. ביסלעכווייז איז די וויסענשאַפט געוואָרען נאָר אַ קוואַזי־וויסענשאַפט און די קונסט איז געוואָרען נאָר אַ פּאַראָדיע אויף אמת׳ע קונסט און די ליטעראַטור איז געוואָרען נאָר אַ ריינע קאָמעדיע. די קולטור האָט אָנגעהויבען צו וואַקלען זיך. אזוי איז דער סוף געוואָרען ביסלעכווייז צוגעגרייט. עס האָט נאָך נאָר געפעהלט דאס ווינטעל פון דרויסען, וועלכעס זאָל דערלאַנגען דעם בּלאָז, אז דער גאנצער בּנין זאל איינפאַלען ווי אַ קאָרטען הויז. ווי אַ מבול איז עס דאן געקומען פּלוצ־לינג: קאַטאַסטראָפען, קאַטאַקליזמען און — דער סוף. דאַן, אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען, האָט אימעצער געזאָגט דאָס וואָרט „אַזיאטיש״, און גלייכבעדייטענד איז עס געווען מיט דעם ווילדעסטען ווילד.

און קוקט מען היינט אַ ביסעל אַרום זיך און אין די די גאַס אַרויס — געהער דען ווירקליך דערצו אַ בּעזונדערס טיעפע חכמה, אום די אַנאַלאָגיען צו יענע ערשיינונגען צו זעהען און זיי געננוי צו דערקענען? — איך וויל שוין רעדען דאָ נאָר פון דעם געוואַלטיגען ליגענד אַליין, וועלכער קיניגט יעצט. מען מאַכט אַ וועלט־מלחמה — און הייסען הייסט עס: לטובת הכלל. מען מאַכט אַ וועלט־שלום — און הייסען הייסט עס שוין ווידער: לטובת הכלל. מען מאַכט אַ וועלט־רעוואָ־לוציע — און הייסען הייסט עס ערשט רעכט: לטובת הכלל. אַך, ווען זיי וואָלטען שוין וועלען אַמאָל דעם אָרימען כלל לאָזען צורוה! לאָזען זיי זיך וואַשען די שמוציגע וועש, און נאָר דעם כלל, דעם כלל זאָלען זיי שוין אַרויסלאָזען אַמאָל פון דעם שפּיעל! — ניין. דאָס געהט אָבער נישט, דאָס געשעפט פערלאַנגט עס. מאָנאַרכיסטען אין דייטשלאַנד האָבּען נויטיג צו זייער עסק, פון דאָס נ״י ווידער עפּעס אַ קייזער אַרויפצושלעפּען אויפ׳ן טראָהן — האָבען זיי קיין אַנ־דערע עצה נישט, ווי נאָר צו פאַבריצירען א״ין אַנטיסעמיטיזם אינ׳ם גרויסען סטיל, און פערגיפטען דערווייל אַ גאַנץ

פּאָלק, קען אַ קולטור לאַנג אויסהאַלטען אַזאַ ליגענד? פּאָליטיק-טרייבער און אַ זעלכע, וועלכע שטרעבען צו דער הערשאַפט, פאַבריצירען אין אַ קלענער לאַנד צו זייערע טרויריגע צוועקען אַ באַיקאָט און אַ העצע און אַ געיעג אויף די שוואַכערע, און פערגיפטען אַזוי אַרום געוויסענלאָז אַ גאַנצען אויפוואַקסענדען דור. איז אַ קולטור אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל קענען אַזאַ ליגענד איבערטראָגען און זאָל דערביי נישט אונטערגעגראָבען ווערען?— אָפט איז דער ליגענד אַזוי גרויס, אַז עס ווילט זיך פּראָסט לאַכען. אָט דאָ פּאַר עטליכע וואָכען איז עס געווען: דער באָלשעוויזם אין רוסלאַנד איז געשטאַנען נישט ערגער און נישט בעסער, ווי ער שטעהט שוין זינט חדשים. פּלוצלינג און כמעט פון אַלע זייטען פון דער וועלט גלייכציטיג האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען נאַכריכטען ווי האָגעל, אַז דער באָלשעוויזם האַלט ביים פאַלען. קאָלטשאַק זיעגט, דעניקין זיעגט, יודעניטש זיעגט. יודעניטש שטעהט שוין ביי פּעטערבורג. יודעניטש שטעהט שוין אין פּעטערבורג. פּעטערבורג האַלט ביים פאַלען, פּעטערבורג פאַלט, פּעטערבורג איז געפאַלען. און אויסגעלאָזט האָט עס זיך ביז אַ קלייניגקייט: צוועלף באַנקירען, וועלכע האָבען געהאַט ליעגען אַ ביסעל צופיעל רובעלס, האָבען געהאַט אַ געהיימע צוזאַמענקונפט, און זיי דאָס האָבען עס אַרויסגעלאָזט אויף די וועלט יענע נאַאיווע נאַכריכט. דער שפּאַס האָט זיי אַריינגעבראַכט נישט וועניגער ווי אַ מיליאַרד. — און אָט זעהען מיר יעצט אויך די אומגעקעהרטע זייט פון דער מעדאַליע: זינט אַכט טעג האָגעלט עס ווידער מיט נאַכריכטען, אַז דער באָלשעוויזם האַלט אין איין זיעגען. דעניקין איז פערניכטעט. יודעניטש עקזיסטירט נישט מעהר. קאָלטשאַק איז גע'הרג'עט. פּעטלורא לעבט נישט מעהר. ענגלאַנד וויל דורכאויס שלום מאַכען מיט סאָוויעט-רוסלאַנד און וויל עס פערזאָרגען מיט ברויט. מען מוז אָבער זיין אַ ביסעל פאָרזיכטיג. ווער ווייסט, אויב יעצט זענען נישט פאַרהאַן ווידער פיער און צוואַנציג באַנקירען, וועלכע האָבען גראָד ליעגען ביסעל צופיעל מאַרקען, און אָט האָבען זיי פונקט אַ געהיימע

צוזאמענקונפט, און זיי דאָס זענען עס די פּאַבריקאַנטען פון די דאָזיגע זעהר נאַאיווע נאַכהיכטען. אַזא שפּאס קען זיי אפשר אַריינטראָגען די קליינינגקייט פון צוויי מיליארדען...

אין וואָס פאַר אַ וועלט לעבען מיר? ווי לאנג קען אַ קולטור, און אפילו די שטארקסטע, אזעלכע שויסען פון דער זייט אויסהאַלטען? וואָס וועט דער סוף זיין?...

אין לאַנגע שלאָפלאָזע ווינטערנעכט ליעג איך און האָרך אַרויס אין ווייט ווייטענישען. מיין אויער ווערט פון מינוט צו מינוט פיינער און שאַרפער. איך הער דאס געטראמפעל פון נייע וואַנדאַלען, אַ נייע מין הונען, אַ נייע מין אָסט-גאָטען. די נייע פעלקער וואנדערונג קומט. עס איז צייט צו פאקען דאָס פעקעל. מיינע קינדס-קינדער, ווען זיי וועלען זאָגען ווילד און רויה, וועלען זיי זאָגען — „אייראָפעאיש".

אַמעריקאַניש.

עס איז נישט גענוג געווען, ווי עס ווייזט אויס, אין די אויגען פון דער אייביגער גערעכטיגקייט אַלעס שרעקליכע און אומענשליכע, וואָס מיר האָבען געליטען ביז היינט און וואָס מיר ליידען נאָך, האָט זי אויסגעזוכט פאַר אונז צום סוף אויך נאָך די נייע שטראָף, אַז — אַמעריקאַ זאָל פלוצלינג קריגען רחמנות אויף אונז און זאָל אונז קומען העלפען. קיין גרעסער אומגליק האָט דער גרעסטער מלאך רע פאַר אונזערטוועגען נישט געקאָנט אויסטראַכטען. אָך, דער דאָזיגער אימפּאָרט-אַרטיקעל, דאָס רחמנות אין אַמעריקאַנישער אָרגינאַל-פּערפּאַקונג, איינגעטיילט אין פונטען און ליטען, וועלכעס קומט צו אונז אַנגעהאָ לויט אַ בעשטימטען פּרייז-קוראַנט פון יענער זייט ים! איך האָב מיך אַלע מאָל אַזוי געשראָקען פאַר אַמעריקאַ און פאַר דעם סוחריש-אַמעריקאַנישען רחמנות און פאַר דעם סוחריש-דאָלאַרישען צוהילף-קומען. עס איז אַ צו פּראַקטיש פאָלק. עס האַלט אַלע מאָל דעם פול-געשטאָפּטען בייטעל גרייט אין דער האַנד און פרעגט: וואָס קאָסט גאָט'ס וועלט, וועל איך זי מיר קויפען? וואָס קאָסט אַ פונט מענשליכע צרות, וועל איך בעצאָהלען פאר זיי? וואָס קאָסט אַ קוואָרט אידיש פערגאָסען בלוט, וועל איך דערפאַר געבען דאָלאַרס, צו 20 מארק 45 פעניג דער דאָלאַר? יאָ, אַז איין קווינטעל ליעבע קען אַמאָל מעהר טהון ווי הונדערט טויזענדער פונטען פון דעם בייטעל —

די דאָזיגע נישט פּראַקטישע קליינינקייט ווייסען זיי, נעבעך, נאך נישט. און קיין וואונדער איז עס נישט: דאָס פאָלק איז דאָך אינגאַנצען ערשט פיערהונדערט יאָהר אַלט, און דאָס אויפ־געקומענע ליעגט איהם נאָך אויסגעגאָסען אין אלע זיינע בע־וועגונגען. אָך, עס איז אַ צו־פּראַקטיש פאָלק און דערצו איז עס נאָך אַזוי זאַט. און ווי קען אַ פּראַקטיקוס ברענגען איין אמת'ע הילף און ווי קען אַ זאַטער מיטליידען? און אַזוי פרעמד זענען מיר אַלע פאר זיי — און ווי קענען פרעמדע מיטפיהלען? און די שׂונאים אַרום ארבייטען זייער שטיקעל ארבייט אַזוי געשיקט, און די צייטונגען אַרום זענען אַזוי ליגנעריש און פערשטעהן אַזוי גוט זייער מלאכה, און די העצענמאכערס אַרום דרעהען אַזוי גלאַט מיט די צינגער און וויינען טאָג און נאכט ווי די קראָקאָדילען איבער די שרעקליכע עולות, וואָס זיי האָבען צו ליידען פון אונז, און האָבען צו יעדער מינוט דאָס נויטיגע וואָרט און דעם נויטיגען בלבול, וועלכער פאסט זיי גראָד, און די הויכע העררען אַרום טראָגען אלע מאל זייערע גלאַסענע־הענטשקעלעך פון עדעלקייט און העפליכקייט און אלטע טראדיציעס און זענען, נעבעך, גאָט די נשמה שולדיג — און ווי קענען זיך נאַאיווע מענשען פון דער פרעמד אין דעם דאָזיגען שרעקליכען פלאָנטער אָריענטירען? — דאָס ערשטע, נאַטירליך, אויף וואָס אַזעלכע מענשען פאַלען, נאָך איידער זיי האָבען נאָך אַוועקגעשטעלט רעכט זייער פוס אויף דער פרעמדער ערד, איז: מיר געהען שלום „מאַכען". וואָס דאָס דאָזיגע מאַכעניש איז, און ווי אַזא מאַכעניש איז מעגליך, און וואָס וועט אַרויסקומען פון אַ מאַכעניש — דאָס איז נישט זייער זאַך. אָן, זיי גלויבען דאָך בכלל אַזוי זעהר, אַז אַלעס ווערט „געמאַכט"...

און געקומען איז אַלעס, ווי עס האָט געמוזט קומען, אַלעס, ווי יעדער ערפאַהרענער צווישען אונז האָט עס פאַר־אויסגעזעהען: — די הערען פון דער פרעמד האָבען יוצא געווען און האָבען אויסגעפרעגט אַביסעל ביי מענשען פון איין צד און אַביסעל ביי מענשען פון אַנדערען צד, און האָבען

בעקומען צו הערען פון דער קאַץ דאָס, וואָס א קאַץ טענה'ט פוּן תמיד אָן, און פון די מייזלעך דאָס, וואָס מייזלעך קרעכצען פון אייביג אָן — דערווייל אָבער האָבען זיי זיך געפּאַטשט צופריעדען אויף די בייכער, אַז דער שלום קיין עין־הרע געהט. די הערען פוּן דער פרעמד האָבען געטהון דאָס זייעריגע און האָבען געזאָגט די ניעמאָיעווסקיס דאס, וואָס מען דאַרף זאָגען די ניעמאָיעווסקיס, און די אידען האָבען זיי געזאָגט דאָס, וואָס מען דאַרף זאָגען די אידען, דאָס הייסט: די ניעמאָיעווסקיס האָבען זיי געמאַכט קאָמפּלימענטען און זיי געזאָגט, אַז זיי זענען די „גרעסטע קענערס פון אידענטום“, און די אידען האָבען זיי מבטיח געווען, אַז זיי ליידען, נעבעך, מיט זיי מיט, און זיי זענען געגאַנגען צו זיי אויף זייערע באַנקעטען און אין זייערע טעאַטערס און אין זייערע סינאַגאָגען — און דערווייל זענען זיי שוין ווייטער געווען אַזוי זעהר צופריעדען מיט זיך און מיט די גרויסע טהאַטען, וועלכע זיי האָבען דאָ מיט אַזוי פיעל שכל אויפגעטהון. אַ קלייניגקייט, אַזא גוואַלטיג פיינע, אַזא גוואַלטיג צאַרטע דיפּלאָמאַטישע אַרבייט, וועלכע מען קאָן קוים דערזעהען מיט'ן אויג! די הערען פון דער פרעמד זענען געפאָהרען אויף אויטאָמאָבילען אין פראָווינץ-שטעדט און האָבען זיך געלאָזט בעזינגען פון קליינע מעדלעך און האָבען זיך געלאָזט בעוואַרפען מיט בלומען פון גרויסע מעדען — און דערווייל האָט מען ווידער עטליכע טוץ אידישע בערד געפליקט און עטליכע אידישע טעכטער פעראומגליקט און דאָ און דאָרט עפּעס אַ איד דער'הרג'עט. די הערען פון דער פרעמד זענען ווייטער געפאָהרען און האָבען אויסגעהערט, וואס עס האָט זיך אָבגעטהון אין אַ ווילנאָ, און זיי זענען פערציטערט געבליבען און זיי האָבען געקרעכצט און אַ טרעהר האָט געציטערט אין זייער אויג — דערווייל אָבער, גלאַט אַזוי מפני דרכי-שלום וועגען, האָבען זיי גאַנץ נאַאיוו צוליעב געטהון און האָבען אונטערגעשריבען עפּעס אַ פּראָקלאַמאַציע צו אידען אין מינסק, און האָבען נישט געוואוסט אין זייער טיפער דיפּלאָמאַטיע, אַז זיי האָבען אונטערגעשריבען אַ טויט-

אורטייל אויף הונדערט טויזענד אידען, און דער כּוֹעל־יוֹצא איז געוועזן, אַז מען האָט דערווייל ווידער עטליכע צעהנדליג אידען דערשאָסען און עטליכע הונדערט אידישע קראָמען צעראַבירט. און ווייטער זענען די הערען פון דער פרעמד געפאָהרען, און זיי האָבען זייער גרויסע טהאַט געטהון, דעם גרעסטען קאָזיר, וועלכען זיי האָבען געקאָנט אויסשפּיעלען, און אויסגעווירקט האָבען זיי, אַז מען זאָל פעלד־געריכטען איינפיהרען, און משפּט׳ען זאָל מען אויף דער שטעל וועגען יעדען פערברעך, וואָס איין בירגער וועט בעגעהן געגען אַ צווייטען און די העץ־בלעטער אַרום האָבען געליאַרעמט, ווייל מען נעהמט זיך אָן מיט אַזא ברען פאַר דער אידישע קזשיוודע — דערווייל אָבער האָבען זיך די הערען פערוואונדערט, דען אַרויסגעקומען איז די זאַך אַביסעל אַנדערש, ווי זיי האָבען ערוואַרטעט אין זייער הויכער דיפּלאָמאַטיע: אין דעם בעטרעפענדען גאַסען־פּלאַקאַט איז געוואָרען איבער אַלע פערברעכען אין דער וועלט גערעדט, נאָר נישט איבער פערברעכען געגען — אַ אידען. און די הערען פון דער פרעמד האָבען ווייטער געאַרבייט זייער נוץ־ברענגענדע פיינע, דיפּלאָמאַטישע אַרבייט: זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ זעהר קלוגען, דיפּלאָמאַטיש פיין אָבגעאַרבייטען קאָמוניקאַט וועגען געוויסע געשעהענישען אין אַ געוויסער שטאָדט מינסק, און האָבען דאַדורך געגעבען געלעגענהייט דער העץ־פּרעסע פאָרטצוזעצען דערווייל זייער העץ־אַרבייט — בין כך וכך דרעהט זיך דאָס רעדעל ווייטער, פון דער שטרעקע לאַפּי־ווארשא קומען אָן נייע נאַכריכטען וועגען נייע שענע מעשים, און אַזוי דרעהט זיך דאָס רעדעל ווייטער און ווייטער.

איז דאָס דיפּלאָמאַטיע? — אפשר איין אַמעריקאַנישע. ביי אונז אינ׳ם אַלטען אייראָפּא האָט מען שוין די דאָזיגע געניג אַביסעל פערגעסען. דאָס זאָגען איינעם אַזוי און דעם אַנדערן אַנדערש, דאָס מיינען, אַז דורך קאָמפּלימענטען־מאַכען דערגרייכט מען עפּעס, די אַנזיכט, אז דורך משלים־זאגען קומט מען צו אַ ציעל, דאס לייכטע זיך־געהען־לאזען און דאס נאַאיווע

בוליעב־טהון, פון וואס עס קומען דאן ארויס געוועהנליך גאר נייע צרות, דאָס אויבערפלעכליכע אורטיילצן, אַז דורך שליעסען די אויגען און נישט זעהען ווערט דערווייל דאָס אומגליק קלענער, דאָס נאַאיווע גלויבען, אַז דורך אַרויפלעגען אַ פינגער אויף אַ וואונד ווערט די וואונד פערשוואונדען — ניין, אפשר איז דאָס אַלעס אַמעריקאַניש, ביי אונז אָבער אין אייראָפּע שאָקעלט מען פערוואונדערט דעם קאָפּ דעריבער. וואו איז דער ערנסט פון דער טהאַט און וועלכעס רעכט האָט מען געהאַט, איידער מען האָט נאָך עטיוואָס געוואוסט, צו רעדען אזוי לייכט וועגען אויסגלייכען פון „דיפערענצען״ ? וואו איז דער ערנסט פון דער אבזיכט און מיט וואָס פאַר אַ רעכט זאָגט מען דעם גרעסטען ציטאַטען־פעלשער, אז ער איז דער גרעסטער קענער פון דער אידישער לעהרע, וועהרענד אויף זיין פראַגע, „צי קען דער הערר דעם שלחן-ערוך״ ?, מוז דער הערר, וועלכער גיט די הסכמה, ענטפערן, אז ניין ? וואו איז דער ערנסט פון דעם גאַנצען אונטערנעהמען און וואָס פאר אַ רעכט האָט מען אונטערצושרייבען נאַאיווערהייד איינע פון די געפעהרליכסטע פראָקלאַמאציעס צו אידען, דורך וועלכעס עס ווערט אינדירעקט בעשטעטיגט דאס, וואָס דער גרעסטער שונא האָט נאָך נישט געוואַגט צו בעשטעטיגען, און צוואַר, אז אידען שיסען טאַקי אויפ׳ן מיליטער און גיעסען טאַקי אויף זיי קאָכעדיג וואַסער ? וואו איז דער ערנסט פון דעם גאנצען בעשטרעבען און מיט וואָס פאר אַ רעכט שרייבט מען קאָמוניקאַטען האַלב אזוי און האלב אזוי און מען האָט נישט דעם מוט צו זאָגען גלאַטיג און רונדיג ארויס, וואס מען האָט געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען ? — יאָ, קומען קומט עס, ווייל מען גלויבט אַלץ נאָך, אז מיט איין פינגער קאָן מען אָבהאַלטען אַ שטורם, און מען וויל נישט וויסען, וואָס עס וועט זיין מאָרגען. אין רוסלאַנד איז פארהאן אַ שפיעלכעל פאר קינדער, וועלכעס זיי רופען דאָרט „וואַנקא־סטאנ׳קא״, דאס זענען אזעלכע פיגורען, פון אונטען ביי

און פון אויבען לייכט, אזוי אז זיי בלייבען אַלע מאָל אין אַ שטעהעדיגער פּאָזע. דאָס קינד לעגט ארויף דעם פינגער אויף אזאַ פיגור פון אַ סאָלדאט און לעגט איהם אַוועק, נעהמט ער אָבער דעם פינגער אַראָב פון איהם, שפּרינגט דער סאָלדאט אויגענבליקליך אויף און ער שטעהט שוין ווידער...

אָדער איז עס דיפּלאָמאַטיע אויך נישט? איז עס אפשר גאָר אַ פּיעל העכערע זאך, פון וועלכער מיר ווייסען גאָרנישט און דאס ביסעל אידען מיט דעם ביסעל אידען־פראגע און מיט דעם ביסעל צרות און מיט דעם הילף־ברענגען האָט מען נאָר גענומען פאר אַ קליינע אויסרייד דערווייל? — אויך דאָס, דאכט זיך, איז אַ ביסעל אַמעריקאַניש. איך האָב אַמאָל, פאר אַ סך יאָהרען, געלייענט אין איין אַמעריקאנער בלאט וועגען אַ גוואלטיגע שרפה פון אַ טעאטער אין טשיקאגא. אכטהונדערט לייכען זענען געווען. מען האט געפיהרט אכטהונדערט שווארצע טרומנעס דורך די גאסען. אזא גליקליכע געלעגענהייט, נאַטירליך, האט אַ דאָרטיגער סוחר נישט געלאָזט אומבענוצט פאַרבייגעהן, און ער האָט דערווייל געלאָזט אָנקלעבען אַכטהונדערט ווייסע פּלאקאטען אויף די אכטהונדערט שווארצע טרומנעס, אויף יעדער טרומנע אַ פּלאקאט, אז „די בעסטע נייה־מאשינען קאָן מען בעקומען ביי איהם, אין נאָר ביי איהם, אויף דערזשענט־סטריט נומער 43”...

דערווייל אָבער רעדט מען מיט אונז און מען וויל אלץ פועל׳ען ביי אונז און מען פערלאנגט אלץ פון אונז, אז מיר זאָלען אויפהערען צו קלאָגען. מען הרג׳עט אונז, מען טהוט אונז אָן אונמענשליכע יסורים, מען בעליידיגט אונז אויף שריט און טריט, און — אַ פריינדליך געזיכט, פערלאנגט מען פון אונז, זאָלען מיר מאכען. איך האָב אַמאָל געקענט אַ פאָטאָגראפיסט, וועלכער איז אויף דער עלטער געוואָרען אַ דאנטיסט. פון די פריהערדיגע צייט

איז איהם אָבּער פערבּליבּען איין אלטע פראזע, פוּן וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט אָבּגעוועהנען. אזוי אָפט ווי עס איז צוּ איהם געקוּמען אַ פּאציענט, אַ בּעל־יסוּרים, מיט אַ מסוּכּנ׳דיגען צאָהן צוּם ארויסרייסען, האָט דער געוועזענער פּאָטאָגראפיסט געפלעגט אלע מאָל, לויט דער אלטער גע־וועהנהייט, צוּ זאָגען צוּ איהם פאר דער אָפּעראציע: „זייט אזוי גוּט אוּן מאכט אַ פריינדליך געזיכט!“.

דאָלאַרען.

עס שטעקט דערין אַ שטיק פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע? האָבען מיר דאָ פאר זיך גראָד אַ כאראקטעריסטיש קאפּיטעל אידישע עטנאָגראפיע? — נאָך קיינמאָל נישט האב איך דעם שלום-עליכם׳דיגען מנחם-מענדעליזם, די דאָזיגע גרונד־פאָרם פונ׳ם היינטיגען איד פון דער גאס, אין אזא פורכטבארער נאקעטקייט און אין אזא גרייפבארער געשטאלט געזעהן, ווי גראָד איצטער, ביים היינטיגען מאָמענט, בשעת זיין נערוועזען צאפּלען זיך און יאָגען זיך און איילען זיך נאָכ׳ן אמעריקאנישען דאָלאר. עס געהט צו מיר אריין אין הויז אַ איד, איין אלטער מלמד. אַ צורת מטבע קען ער נישט. נאָך וועניגער קען ער די שווערע מלאכה פון דורכלעזען אַ געשריבענע אָדער אַ געדרוקטע ציפרע. און פאָרט כאפּט זיך דער דאָזיגער איד יעדען פריהמאָרגענס, קוים ווי ער האָט אויפגעמאכט די אויגען, צו דעם צייטונגס-בלאט און מיט שוויס־טראָפּען אויפ׳ן שטערען שטודירט ער דורך דעם קורס פון דאָלאר. דער קורס פונ׳ם דאָלאר געהט איהם פראָסט אין לעבען. אינ׳ם טאָג, ווען ס׳איז קיין בירזשא נישט פארהאן, איז ער אַ איין אומגליקליכער. עפּעס זענען איהם די שיפען אונטערגעגאנגען. און אָט פרעגט אזא איד בחרם וואָס איז דאָס זיין עסק, און וואס, אין תוך אריין, געהט איהם אָן דער דאָלאר? אָבער דער מוח הייבט זיך און די פיס לויפען. ס׳טייטש, דער דאָלאר, ערשט דאָ

מיט עטליכע וואָכען צוריק איז ער געשטאַנען סך-הכל א צוואַנציג-דרייסיג מאַרק, נישט מעהר. פּלוצלינג איז ער אַרויף אויף פערציג. פּלוצלינג אויף זעכציג. פּלוצלינג אויף אַכציג, אויף הונדערט, אויף הונדערט און צוואַנציג. דער מוח הייבט זיך אָן דער קאָפּ שווינדעלט. ווען אַ שטייגער גאָט זאָל ווע‌לען טהון אַ נס, אַז אַזא איד, ווי ער, זאָל זיך קענען אַריינכאַפּען קיין אַמעריקא נאָר אויף א יי ן שעה און כאַפּען זאָל ער דאָרט א פּעה-דיענסטעל פון נאָר צ ע ה ן דאָלאר — ביי גאָט איז דאָך אַלעס מעגליך — דאַן האָט ער אויך שוין אין איין מינוט אַ פער-מעגען פון אַ צוועלפהונדערט מאַרק. פערשטעהט זיך, אז ס׳איז נישט אויסגעשלאָסען, אז הויבען זאָל זיך דער דאָלאַר איבער נאַכט אויך פון 120 אויף 240, און פּאַר וואָס טאַקי נישט אויף 480, דאן איז ער אַ געמאַכטער מענש אויף זיין גאַנץ לעבען. ווער שמועסט נאָך, ווען אנשטאט צעהן דאָלאר זאָל ער פּער-דיענען גאַנצע צוואַנציג, אָדער גאָר פופציג, אָדער גאָר הונדערט, און פאר וואָס טאַקי נישט טויזענד, און דער קורס זאָל זיך אַלץ טאָפּלען און טאָפּלען — — — שוויס-טראָפּען, יעדער טראָפּען אַזוי גרויס ווי אַ נוס, זעצען-אַרויס פון זיין שטערען...

ווי אַ מהומה האָט עס אַרומגענומען אַ גאַנצע מחנה מענ-שען. וואָס פאר אַ ווערט האָט מנחם-מענדעל מיט זיין אָרעם ביסעל פאנטאזיעס וועגען די דעמאָלדיגע יקנהז׳לעך, פערגליכען מיט יעצט? — איך וואָלט זיין אַ בעלן, אוי ווי וואָלט איך זיין אַ בעלן, צו לייענען די בריוולעך פון די היינטיגע מנחם-מענדעלס צו זייערע היינטיגע שרה-שיינדעלס מכּוח זייערע היינטיגע עסקים וועגען די היינטיגע דאָלארס. וואו איך זעה אזא פערשוין, גליהען איהם די באקען און גליהען איהם די אויגען און גליהען איהם די פאנטאזיעס, און ער שלינגט די סלינע און ער האלט כסדר בייס מאכען פּלענער וועגען אמעריקא און וועגען אַ רייזע אהין און וועגען כאפּען דאָלארס. עפּעס עהנליכעס האָב איך געזעהען נאָר אין מאָנטע-קארלאָ, שטעהענדיג ביי די שפּיעל-טישען און בעטראכטענדיג די הונדערטער מענשען, וועלכע זיצען אָדער שטעהען דאָרט ווי די סלופּעס, נישט מעהר מעשה-

מענש, די געגליוועטע אויגען אריינגעגעבערט אין די קוגעל.
.ין גאנצען אַ שטיק התפשטות הגשמיות, און זייער גאנץ טראכטען איז נאָר, אז נאָך אין אַ מינוט, אָדער אין אַ האלבע שעה ארום, אָדער העכסטענס איבער׳ן היינטיגען טאָג, וועלען זיי האָבען געשפרענגט די באנק, און אין זייערע קעשענעס וועלען ליעגען די מיליאָנען גאָלד-שטיקלעך —

ווי אַ מהומה האָט אַרומגעכאפּט אַ גאנצע עדה מענשען. יעדער דריטער פארשוין, וועלכער קומט צו מיר אָדער וועלכען איך בעגעגען אין גאס, ערצעהלט מיר, אז אָט פאָהרט ער קיין אמעריקא. יעדער האָט פלוצלינג עפּעס אַ זאך", עובר לסוחר, אַ בארען ארטיקעל, מיט וועלכען ער האָט צו פאָהרען. אָט געזעגענט זיך מיט מיר עפּעס אַ חזן פון אַ קליין שטעדטעל. אמת, די שטימע איז גראָד נישט זעהר פויגעלדיג. ווען ער זינגט, געבען זיך מענשען איין עצה און לעגען זיך וואטע אין די אויהרען. אָבער דאס שאדט נישט. ער אליין ווייסט, וואס פאר אַ געוואלטיגען ווערט ער האט. בסוד-סודות ערצעהלט ער מיר פון זיין רייזע, כדי אנדערע זאָלען, חלילה, נישט קומען כריהער אויף דעם עהנליכען פלאן. ער מאכט מיר דעם חשבון פראָסט: ווען ער זאָל אַפילו פאַר אַ קאָנצערט נישט בעקומען מעהר ווי 2000 דאָלאַר, און זינגען זאל ער אין די דאָרטיגע שוהלען און בתי-מדרשים נאָר צעהן מאָל, מאַכט עס אויך אויס 20,000 דאָלאַר, און דאָס, האָבען מיר אַ קיימא-לן, איז בערך אַ צוויי מיליאָן מיט פיער-מאָל הונדערט טויזענד. און ווען אפילו ער זאָל זיך פיהרען ברייטליך און אַוועקגעהן זאָל ביי איהם אויף הוצאות אַ פינפצעהנ-טויזענד מאַרק, וועלען איהם אַלץ נאָך בלייבען אַ צוויי מיליאָן מיט דריימאָלהונדערט און פינף און אַכציג טויזענד. דער איד האָט געשלונגען די סלינע רעדענדיג.

און אָט געזעגענט זיך מיט מיר עפּעס אַ מאָלער, אַ קינסטלער. אַ וועלט-בעריהמטהייט — אַזוי זאָגט ער אַליין. אמת, ווען ער שטעלט אַוועק איף אַ פרייען אָרט זיינס אַ בילד צוזאַמען מיט אַ זילבערנעם לעפעל, האָט זיך נאָך נישט געטראָפען, אַז אימיצער זאָל חשק קריגען צום בילד, און נאָר דער זילבערנער לעפעל

אַליין ווערט פערפּאַלען. אָבער דאָס שאַדט נישט. און אָט מאַכט אויך ער מיר דעם חשבון: ווען ער זאָל פערקויפען דאָרט פון זיינע בילדער נאָר 50 שטיק, און נעהמען זאָל ער נאָר צו פינף טויזענד פּאַר אַ שטיק, מאַכט עס אויך שוין אויס 250 טויזענד דאָלאַר, און ווען אפילו דער קורס זאָל פון היינט אָן ווייטער שוין גאָרנישט מעהר שטייגען, בעטרעפט עס אויך אַ 30 מיליאָן מאַרק, און ווען אפילו עס זאָל ביי איהם אַוועקגעהן אויף הוצאות גאַנצע הונדערט טויזענד, וועלען איהם אַלץ נאָך בלייבען 29 מיליאָן מיט ניין מאל הונדערט טויזענד מאַרק אין באַרען. דער איד האָט בערעכענט, אַז באם אַזוי, וועט ער זיין, אם־ירצה־השם, אַ שטיקעל נגיד...

און אָט געזעגענט זיך מיט מיר דער שוישפּיעלער מיט דער שוישפּיעלערין,—ער נאָך אַ ביסעל צו יונג און זי שוין אַ ביסעל צו אַלט,—און זיי פאָהרען מאַכען דאָלאַרס. און אָט געזעגענט זיך מיט מיר עפּעס אַ מגיד, וועלכער האָט „סחורה”, דען ער פאהרט דרש’ענען. און אָט געזעגענט זיך אַ מחבר מיט פאַרטיגע כתבים, און אָט געזעגענט זיך אַ מוכר־ספרים מיט פאַרטיגע ביכער, און אָט געזעגענט זיך אַ מויד מיט אַ פאַרטיגען שידוך—זי האָט סחורה פאַר אַמעריקא. און אַלע מאַכען אויף דער גיך דעם חשבון, אַז ווען אפילו זיי זאָלען פערדיענען אין גאַנצען נאָר עטליכע טויזענד דאָלאַר, איז עס דאָך אויך אַ געשעפט. איינער, ביי וועלכען איך האָב געפּרובט מאַכען אַ שטיקעל געגען־חשבון, האָט זיך געבעטען ביי מיר וויי ביי אַ רוצח און געשריגען: „ווען איך זאָל אפילו נאָר מאַכען דריי הונדערט דאָלאַר, איז עס דאָך שוין אַ פערמעגען פון העכער דרייסיג טויזענד מאַרק!”

בקיצור: איין אַקעשארקע, אַ בעקאַנטע, פרעגט מיך בסוד איין עצה, אויב עס קען נישט זיין אַ פּלאַן פאַר איהר, זיך אַריינצוכאַפּען קיין אַמעריקא, אום אָבצונעהמען דאָרט נאָר איינמאָל אַ קינד, דאַן קען עס אויך שוין קלעקען פאַר איהר אויף איהר גאַנצען לעבען. אַ קברן, פון די וועלכע שטרייקען דאָ זעהר אָפט, האַלט מיט מיר אַ קאָנפערענץ, אויב זיין מלאכה, דאס בעגראָבען, איז נישט אַ סחורה פאַר אַמעריקא, און ווען

אפילו ער זאָל דאָרט נאָר צעהן לייט בעגראָבען, איז עס שוין אַ גלענצענד געשעפט. אַ דאָקטאָר פרעגט מיך אַנ׳עצה, אויב ער זאָל נישט פאָהרען מאַכען איין אָפעראַציע — — ווי אַ בהלה איז בעפאַלען אַ גאַנץ פאָלק און אַלע האָבען זיי פלוצלינג זעהר בעגאַבטע סחורות פאַר אַמעריקא.

פאָהרט, פאָהרט, קינדערלעך! למען השם איילט זיך אין וועג אַריין; נאָר פאַרגעסט נישט פאַר׳ן פאָהרען עטליכע קליי־ניגקייטען. פערגעסט נישט, אַז אַזא רייזע קאָסט איצטער אַ דרייסיג פערציג טויזענד מאַרק צום וועניגסטען, און אז דאָס מוזט איהר האָבען צוגעגרייט אין באַרען. פערגעסט נישט, אַז דאָרט אויפ׳ן אָרט מוזט איהר לעבען, און טאַקי פאַר דאָלאַרס, און ביי יעדען דאָלאַר און ביי יעדע צעהן דאָלאַר, וועלכע איהר וועט אויסגעבען פאַר אַ ביסען ברויט, וועט איהר בערעכענען, אז דאָס איז מעהר ווי הונדערט און מעהר ווי טויזענד מאַרק פאַר אַ ביסען, און דאָס ביסעל עסען וועט אייך בלייבען שטעקען אין דער קעהל. און הויפטזעכליך פערגעסט נישט, וואָס אַ קורס איז, און אז איבער נאַכט קען קומען די ענדערונג, אזוי אז איהר וועט דאַן פערזאָגען אייניקלעך און אור־אייניקלעך, זיך נישט מעהר אַרויסצולאָזען אַזוי אויפ׳ן וואַסער...

אָך קיינמאָל נישט האָב איך דעם מנחם־מענדעליזם אין אַזא פורכטבאַרער נאַקעטקייט געזעהען, ווי גראָד איצט. מנחם־מענדעל איז ווידער אויפגעלעבט און אַרבייט איף טיש און אויף בענק ער קאָכט, ער שמייסט, ער מאַכט טויזענד פלענער אין אַ מינוט פאַר אַמעריקאס וועגען און ער לויפט מיט די פאָלעס איבער׳ן קאָפּ. עס איז אַ טרויעריג שטיק פאָלקס־פסיכאָלאָגיע, עס איז איין אומגליקליך שטיק אידישע עטנאָגראַפיע.

פעטערבורג.

ווי אַ לויף-פייער האָט זיך די נאַכריכט פערשפרייט פון גאס צו גאס, פון הויז צו הויז, פון שטוב צו שטוב. פעטער-בורג איז געגומען! — טויזענד אויגען האָבען אָנגעהויבען לייכטען. צעהנטויזענד הערצער האָבען אָנגעהויבען שפרינגען. און גאנץ בעזונדער אידישע אויגען און אידישע הערצער. פאר אידען אַ פנים איז דאס אַ געשעהעניש מיט גרויסע פאָלגען. ביי דער בערזע האָט זיך דער טומעל אָנגעהויבען, און פערפלאנצט האט ער זיך ביז צום באנק פלאץ און ביז אראָב אויף די נאלעווקעס און ביז ארויף אויפ׳ן גרזיבאָוו. דאָ און דארט האָט זיך מינוטענווייז דערוועקט אויך עפּעס אַ שטיקעל צווייפעל. ווער ווייס? — אזוי פיעל מאָל זענען שוין געווען אין גאַס עהנליכע נאכריכטען. זינט דעם פאָריגען יאָהר האלטען די צייטונגען אין איין נעהמען פעטערבורג, און זאָגאר מאָסקווא, און אויסלאָזען לאָזט זיך עס אלעמאל אויס מיט אַ גאָרנישט. עס איז געווען עפּעס ווי אין דער מעשה מיט שמשון און דלילה. יעדעס מאָל האָט ער איהר איבערגעגעבען עפּעס אַ סוֹד, ווי אזוי מען קען איהם איינגעהמען, און געווען איז עס נאָר אַ שפּאָטען פון איהר. „ווען מען וועט מיך בינדען מיט זיבען נאסע שטריקלעך, וועט מען מיך קענען בייקומען״— און די זיבען נאסע שטריקלעך, מיט וועלכע דער הערר קאָלטשאק האָט געבונדען די הערחען באָלשעוויקעס, זענען

געווען ענטוועדער צו נאס און צו טריקען, און זיי זענען צוריסען געוואָרען ווי פלאקס, ווען עס דערשמעקט פייער. פעטערבורג איז נישט געגומען געוואָרען „ווען מען וועט מיך בינדען מיט נייע שטריק״ — און אויך די נייע שטריק, די פון דעניקין, האָבען נישט געהאָלפען. „ווען מען וועט מיר פלעכטען מיינע זיבען צעפ״ — און דאָך דאָס פלעכטען האָט נישט געגוצט. און דאן צום סוף: „ווען מען וועט מיר אָב־גאָלען מיינע זיבען לאָקען, וועט זיך אבטהון פון מיר מיין גבורה און איך וועל ווערען שוואַך ווי אַ געוועהנליכער מענש, און מען וועט מיך דאַן נעהמען״ — און פעטערבורג איז פון יודעניטשען געגאָלט געוואָרען, און מען האָט עס דאָס מאָל גענומען. עס פערשטעהט זיך, ווען ענגלאַנד שטעהט דאַנעבען און שטופט אַ ביסעל אונטער, איז אזא זאַך גאנץ מעגליך. ווען גאָט וויל, שיעסט אַ בעזעם, און ווען ענגלאנד וויל, שיעסט יודעניטש. מיט ענגלאנדס כּוח און מיט איין ענגלישען פלאָט ביי קראָנשטאַדט איז דאָס אָבגאָלען פון זיבען לאָקען אַ ריין קינדער־שפיעל. ווי אָבער די מעשה איז, עס מאכט דעם איינדרוק, אז דאס מאָל איז עס איין אמת. פעטערבורג, ווי עס ווייזט אויס, איז אין דער אמת׳ן גענומען. און אַ פריידען־רויש האט ארומגעכאפט טויזענדער מענשען: — פעטערבורג איז געפאַלען. דער באָלשעוויזם פאלט. אַ ניי לעבען הויבט זיך אָן. טויזענד נייע פערספעקטיווען עפענען זיך. נאָך פעטערבורג — מאָסקווא. נאָך מאָסקווא — גאנץ רוסלאנד. נאָך רוסלאנד — יאָ, וואָס וועט זיין נאָך רוסלאנד? קיינער ווייס עס נישט. אָבער עפעס ווי אַ שטיין איז אַראָב פון הארצען...

איך בין געשטאַנען פון דער זייט און האָב מיך צוגעקוקט צו דער שמחה אויף דער אידישער גאס און האב מיך אַ ביסעל פערטראכט. רבונו של עולם, און דאס פאלק האט מען געהאט אין חשד, אז עס איז באלשעוויסטיש געזינען! און דעם פאלק האט מען דערווייל געמאכט „עקסצעסען״, און מען האט ביי איהם גע׳הרג׳עט דערווייל אין אונצעהנדליגע שטעדט און שטעדטלעך צעהנדליגע און הונדערטע פון זיינע זיהן, און אלעס

אויף דער קאנטא, אז מען מוז אָברוימען פון דעם וועג די באָלשעוויקעס! און פאַר וואס? — ווייל עס זענען פאראן צופעליג צווישען די רעדעלפיהרער פון דער דאזיגער פּארטיי אַ 3-2 מנינים אידען אויך? — אבער דאס פאלק אין גאנצען און גרויסען?! דאס פאלק אין זיינע מאסען?! — מען האט נאר געדארפט צוקוקען זיך און צוהערען זיך צו זיי אין דעם טאָג, ווען די נאכריכט וועגען דעם פאלען פון פעטערבורג איז אָנגעקומען, אום צו וויסען, וואס די דאזיגע מאסען טראַכטען. איך האָב געמוזט אליין שוין אַ ביסעל שעמען זיך פאר זייערטוועגען. איך זאָל מיך נישט פערזינדיגען מיט די רייד, אסור או״ב איך ווייס אויף דער גאנצער רונדיגער וועלט נאָך אַ פאָלק, וועלכעס זאָל זיין אזוי טיפיש בורזשואיסטיש, אזוי פאָלקאם בעל־הביתיש און אזוי געוואַלטיג אונפעהיג פאר אַ באָלשעוויסטישען אידעאַל, ווי גראָד דאס אידישע פאָלק. די אויגען האָבען זיי געלויכטען פאר גליק. זיי זענען געשטאנען מיט די אָפענע מיילער און האָבען געצעהלט ביי זיך די טעג און די שטונדען, ווען די טויערען פון רוסלאנד וועלען שוין ווידער זיין אָפען פאר זייערטוועגען און זיי וועלען ווידער קענען כאַפען אַ שטיקעל לעבען. וואָס געהט זיי נאָך אָן דער ווינטער, דער שטרענגער, וועלכער קומט? וואס איז זייער עסק יעצט דער קויהלען-יקרות? וואס פאר אַ געשעפט האבען זיי יעצט נאך מיט דעם פרעמדען-געזעץ? וואס בעטייט פאר זיי איצט נאך דער סער סעמיועל? — אפשר נעכטען איז דאס אלע נאך געווען איין עסען פאַר זיי, אבער נישט היינט. היינט איז פעטערבורג. היינט איז רוסלאנד. היינט-מארגען וועט מען שוין קאָנען פאהרען. אַ שאד כ׳לעבען צו בעצאהלען אַ פריש קווארטאל דירה-געלד. מען דארף צוזאמענעהמען דאס ביסעל קערענקעס און דאס ביסעל רומסקע און די עטליכע צארסקע, וועלכע מען האט נאך ערגעץ־וואו, און מען דארף זיין גערייט. היידא, אין וועג אריין!

איילט זיך, איילט זיך, קינדערלעך, פאהרט לחיים ולשלום. אבער פערגעסט נישט, אז עס ווערט נישט אזוי הייס געגעסען, ווי עס ווערט געקאָכט. מען קען זיך, חלילה וחס, נאך בריהען.

אזוי גיך, ווי איהר מיינט, געהט די זאך פארט נישט. עס וועלען נאך אַ סך, אַ סך וואסערען אָבפליסען, ביז עס וועט קומען צו אַ שטיקעל רוה, און ליידער נישט נאר וואסערען, נאר אויך בלוט. אפשר גאנצע טייכען נאך. אפשר איז דאס בלוט, וועלכעס איז אין רוסלאנד פערגאסען געווארען ביז איצטער, נאר אַ קליינער ברוכטייל, פערגליכען מיט דעם, וועלכעס וועט נאך פערגאסען ווערען. האט איהר אפשר געלייענט אין די צייטונגען די לעצטע טעג עפעס אַ שטיקעל מודעה אינ׳ם נאמען פון גענעראל דעניקין ? — דעניקין האט מיט עטליכע חדשים צוריק געגעבען זיין הייליג פערשפרעכען, אז דארט, וואו ער וועט אַריינקומען וועט קיין פאגראמען נישט זיין. ער, פערזענליך, האט אַ זעלכע זאכען פיינט בתכלית השנאה. יעצט, נעבעך, מוז ער קומען מיט אַ מודעה און מוז מכריז ומודיע זיין, אז ער קען זיך, ליידער, קיין עצה נישט געבען מיט זיינע קאזאקען און ער קען זיי בשום אופן נישט איינהאלטען פון זייער ווילדעווען. אויך גענעראַל קאלטשאַק האט אין איין אָפענעם בריעף אין דער פרעסע מיט אַ צייט צוריק איין עהנליכע הבטחה געגעבען. אויך ער, זעהט איהר, האט פערזענליך פיינט אַ זעלכע זאכען בתכלית השנאה. מן הסתם אבער וועט אויך ער, נעבעך, האבען דאס אומ־גליק, אז גראד אין דעם דאזיגען פונקט וועלען איהם זיינע סאלדאַטען נישט וועלען פאלגען. און אזוי איז עס מיט דעם גענעראַל יודעניטש. אַ ודאי האט אויך ער געגעבען עפעס אזא מין הבטחה. אויך ער געהער בודאי פיינט האבען זעהר און זעהר פאָגראמען. מן הסתם אָבער וועלען מיר באלד לייענען, אז, נעבעך, קען אויך ער זיך קיין עצה נישט געבען מיט זיינע מענשען. בנוגע צו אידען איז שוין אזוי די וועלט פון אייביג אָן. אין אלע פונקטען פאלגען סאָלדאטען און קאזאַקען און מענשען זייערע גענעראלען, און נאר ווען עס קומט צו אידען, קענען זיך די גענעראלען מיט זיי, נעבעך, קיין עצה נישט גע־בען. — נאך אַ סך טייכען בלוט וועלען פליסען, איידער רוסלאנד וועט קומען צו זיין רוה. איידער משיח בן־דוד קומט, קומט נאך פריהער משיח בן־יוסף מיט אַ מלחמה פון גוג ומגוג...

און נישט נאר פאגראמען, דאס איז שוין דאס קלענסטע. פּטור, ווען מען אויסשעכטען אַ הונדערט-טויזענד אדער אַ צוויי הונדערט-טויזענד אידען. ווער מאכט זיך עפּעס פון אַזעלכע קלייניגקייטען? וועמענס דאגה איז אידיש בלוט? ווער אין דער גרויסער וועלט וועט דעדורך איין מינוט וועניגער שלאפען? — אָבער דאס איז נישט אלעס. דאס איז ווירקליך נישט אלעס. עס איז פאַרהאן נאך עפּעס שרעקליכערעס. טיעף אין הינטערגרונד לאקערט אַ רעאַקציע — און דאס וועט אפשר זיין אַ רעאַקציע, וואס די וועלט האט איהר גלייכען נישט געזעהען. און נאך טיעפער, אין בעהעלטעניש, לאָקערט אויף אונז אַ צאריזם — און דאס וועט אפשר זיין אַ צאריזם, וואס, פערגלייכען מיט איהם, וועט דער געוועזענער צאַריזם נאר זיין געווען אַ קינדער-שפּיעל. די געמיינסטע אינסטינקטען וועלען קומען צום אויסברוך: די תּאוה צו הערשען, די תּאוה צו ענטשעדיגען זיך פאר די דריי יאָהר צייט, וואס מען האט נישט געהערשט, די תּאוה צו נוקם זיין זיך פאר די „אומגערעכטיגקייטען", וועלכע מען האט יענע לייט אָנגעטהון, און טויזענד אַנדערע אַ זעלכע תּאוות. און בע-שרענקונגען און גזרות און געזעץ-פארשריפטען וועלען קומען, וואס אונזער כּוח קען אויף אַזעלכע איצטער גארנישט פאלען.

און די פאר קערנדלעך פרייהייטס-געדאנקען, וועלכע זענען פארט אַריינגעפאלען אין די טיעפעניש פון אַ פאלקס-נשמה, וועלען ווידער פון דער אנדערער זייט טהון דאס זייעריגע. און אַ קאמף וועט זיין אויף טויט און אויף לעבען. און בלוט וועט רינען טייכען, טייכען, טייכען. —

און איהר, מיינע פריינד, מאכט עס אזוי בקיצור, און איהר ווילט זיך, מיר-נישט, דיר-נישט, פאקען אייערע פעקלעך, און איהר רעכענט מארגען איבער-מאָרגען שוין אריבערצופאָהרען דארט אַהין?...

* *
*

אַ ציטער געהט אריבער איבער מיינע ביינער, ווען איך דערמאן זיך. אין מערץ-מאנאַט 1917 איז עס געווען. די יונגע,

רוסישע פרייהייטס־זון האט געלויכטען און געוואַרמט. ווער עס האָט די דאָזיגע טעג נישט אַליין מיטגעלעבט דער קען נישט וויסען, וואָס דענסמאָל איז געווען. מיט ווערטער קען מען עס נישט זאָגען. די דאָזיגע עטליכע וואָכען זענען דאס שענסטע פון מיין לעבען. אָפט זאָג איך מיר, אז ווען אַ מענשען איז בעשערט געווען, דאס מיט צו מאַכען, האָט זיך שוין וועגען דעם אַליין געלוינט צו לעבען. דאן איז געקומען אַ וויסטע, ווילדע צייט. די מענשען האָבען זיך נישט בעגנוגנט מיט פרייהייט, זיי האָבען געוואָלט האָבען עפּעס אַ מין איבער־פרייהייט. אַ העצען און אַ יאָגען און אַ פלאָגען איז געקומען, און מען האָט פאַר גרויס „פרייענישׁ" נישט מעהר געטאָרט עטהעמען און לעבען. בלוט האָט זיך געגאָסען אין די גאַסען —

און אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס אַלעס דערמיט, וואָס יעצט קומט אַ יודעניטש און נעמט־איין פּעטערבורג — און מאָרגען קומט אפשר שוין די רעאַקציע, און איבערמאָרגען קומט אפשר ווידער שוין אַ צאַריזם...

צו וואָס, רבונו של עולם, צו וואָס, אלזוי, איז דאָס אַלעס געווען? צו וואָס זענען געווען אַלע יענע הונדערטע און טויזענדע קרבנות? צו וואס האָט יענעס גאַנצע בלוט געפלאָסען?...

די נאַכריכט, אז יודעניטש האָט גענומען פּעטערבורג, האָט מיך עפּעס מערקווירדיג טרויעריג געשטימט.

בערלין.

אויף באַהנהאָף פריעדריך־שטראסע, נאָך אַ נאַכט אָהן שלאָף, בין איך אויסגעשטיגען. דער פריה־מאָרגען איז געווען עטוואָס רויה און אַ ביסעל שוין הערבסטליך. פינף יאָהר לאנג, זינט די ערשטע חדשים פון דער מלחמה, האָב איך שוין בערלין נישט געזעהן. וואָס זאָל איך לייקענען? ס׳איז אפשר סענטימענטאַל, אָבער אמת איז עס דאָך פאָרט. אַ מין בענקעניש, ווי נאָך איין אַלטען ליעבען פריינד, האָט מיך יאָהרען לאַנג געהאַט געמוטשעט; איך האָב מיין בערלין, די ערשטע ליעבע מיינע, געוואָלט אַ מינוט אָנקוקען; און חוץ דעם בענקעניש האָב איך געשפיערט אויך עפּעס אַ מין נייגיריגקייט: ווי, אַ שטייגער, זעהט־אויס אַזא מין בערלין נאָך אַ מלחמה, און טאַקי נאָך אַ פערשפיעלטער מלחמה? — איך בין געגאַנגען, און האָב מיר אַלץ נישט געקענט זאַט געהען. אַ טעמפּע מרה־שחורה האָט זיך פלוצלונג, ווי אַ שטיק בליי, אַראָבגעלאָזט אויף מיר. עפּעס איז עס נישט מעהר דאָס זעלביגע בערלין — און כאַפּען האָב איך אַלץ נישט געקענט, אין וואָס, אייגענטליך, די דאָזיגע ענדערונג שטעקט. אַלט געוואָרען אפשר? — עפּעס טאַקי איז עס, ווי איך וואָלט בעמערקען אַ קנייטש אויפ׳ן ליעבען געזיכט. דער טאָן איז פיעל ערענסטער; עס איז דער טאָן פון אימעצען, וועלכער האָט פיעל געליטען. אַ מינוט שפּעטער אָבער דאַכט זיך, אז דו זעהסט, ווי מען גיט זיך

אַ וויש מיט דער האַנד איבער׳ן שטערן, אזוי ווי מען וואָלט וועלן אַראָבשאָקלען פון זיך עפּעס אַ פינסטערע דאגה, און מען גיט דערביי אַ מאך: נו פּטור, עס וועט שוין אַלעס ווידער גוט ווערן...

און געהט מען די פריעדריך־שטראַסע אַרייף און דאן דורך די לייפּציגער, ווערט דאס בילד אַלץ פרעמדער און פרעמדער. נישטאָ מעהר דאָס אַלטע הו־האַ און דאָס אלטע קאָכעניש און דאס אלטע יאָגעניש. אין די געשעפטען איז דער געדראַנג נישט מעהר אזוי גרויס ווי אַמאָל. און קומסטו ביז אויפ׳ן פּאָטסדאַמער פּלאַץ, בלייבסט דו שטעהן פערוואונדערט: די אויטאָמאָבילען פליהען דאָ נישט פאַרביי מעהר משוגענער־ווייז ווי פאַרצייטענס, און דו קענסט דיר גאַנץ רוהיג אַריבער־געהען פון איין זייט אויף די אנדערע, און דו ברויכסט נישט מעהר מורא צו האָבען, אז דו וועסט געררעדערט ווערן און וועסט עטליכע פון דיינע רמ״ח אברים לאָזען אונטער אַ ראָד פון א יין אויטאָמאָביל. בערלין איז אַ סך געלאַסענער און אַ סך רוהיגער געוואָרען. עס איז, איבריגענס, קיין סוד נישט מעהר: פון זיינע מיליאָנען איינוואוינער האָט בערלין אַ סך, אַ סך הונדערט־טויזענדע פערלאָרען; עס איז, וואָס די איינוואוינער־צאָהל בעטרעפט, פיעל קלענער געוואָרען. אמת, ווען דו קומסט אין אַ האָטעל אַריין און ווילסט דיר נעהמען אַ צימער, וועסט דו אומעטום הערען, געוועהנליך, דעם ענטפער: „בעזעצט״ דו וועסט אין די ערשט־קלאַסיגע האָטעלען מיט צוויי וואָכען פריהער דיר מוזען עפּעס אַ לאָך בעשטעלען און וועסט דערפאַר צאָהלען משוגענע פרייזען, און חוץ דעם וועט דו דעם מעטר־דע־האָטעל אַ רעכטע מטבע חאַבאַר מוזען געבען, אום נאָך אָנגעגנומען צו ווערען. דער פרעמדען־בעזוך איז אַ גוואַל־טיגער. און בעזונדערס אַזעלכער, וועלכער וואוינט דאָ פּאַר־לויפיג בעשטענדונג. קומסט דו אין איין „אַדלאָן״ אָדער „עקסצעלזיאָר״ אָדער אין נאָך אַ זעלכע ערשט קלאסיגע האָטעלען, איז דאס ערשטע, וואס שטעכט דיר אין די אויגען, די גרויסע צאָהל רוסען, וואָס דו זעהסט דאָרט. דאַכט זיך, אז גאַנץ

פעטערבורג, גאַנץ מאָסקווא, גאַנץ קיעוו וואוינט דאָ. עס זענען ענטלאָפענע, וועלכע האָבען עס זיך דאָ דערווייל בעקוועם געמאַכט. אָבער דאָס אַלעס בעווייזט גאָרנישט. די צאָהל פון די אייגענטליכע בערלינער איינוואוינערשאַפט איז טראָץ דעם קלענער געוואָרען. בערלין איז צונויפגעשמאָלצען און שמעלצט אַלץ נאָך ווייטער צונויף. געהסט דו איבער די גאַסען און וואַרפסט אַ ר יי ן דיין בליק אין די שוי-פענסטער פון די בוכהאידלונגען, פאַלט דיר אויף אַ מערקווירדיגע ערשיינונג: די מאַסענהאַפטע אויסוואַנדערונגס-ליטעראַטור. דו זעהסט פאַר דיר ביכער אָדער בראָשורקעס מיט דעם טיטול: „ווי אַזוי פאָהרט מען אים בעסטען קיין אַרגענטיניען", „די קונסט צו עמיגרירען", „וואו אַהין זאָל דער דייטש פאָהרען?" און דעסגלייכען מעהר. בערלין ווערט איינגעשרומפען. דער דייטש טראַכט פיעל וועגען עמיגראַציע. עס איז אַ טרויעריגער סימן.

און וואַנדערסט דו איבער די בערלינער גאסען ביי נאַכט, ווערט דאָס בילד אַלץ טרויעריגער און טרויעריגער. דו זעהסט בערלין אָהן זיין בעריהמטען נאכט-לעבען, איך מיין דאס נאַכט-לעבען אויף די אָפענע גאַסען. די רעקלאַמען ליכטבילדער אין די שוי-פענסטער און איבער די דעכער זענען, צוליעב איינשפּאָרעניש פון ליכט און עלעקטריציטעט, אָבגעשאַפט. אַכט אַ זייגער ווערען די טויערען פערשלאָסען. די גאַסען זענען ווי אויסגעשטאָרבען. עלף אַ זייגער מיט פופצעהן מינוטען זענען אַלע קאַפע'ס און רעסטאָראַנען פערמאַכט, און האָסט דו נישט בייצייטענס געזאָרגט פאַר אַ ביסען עסען, וועט דיר גאָרנישט נוצען און דו וועסט זיך אַ הונגעריגער לעגען שלאָפען. דאָס, נאַטירליך, שטערט נישט, אז בחדרי חדרים זאָל בערלין נישט לעבען אַ גוטען טאָג. הונדערטע אָדער גאָר טויזענדע בעהאַלטענע שפּיעל-הייזלעך זענען צוגעקומען, און בערלין שפּילט ווי אין אַ שכרות. בערלין אַמיזירט זיך, ווי עס אַמוזירט זיך אַמאָל אַ פערצווייפעלטער. די טעאַטערס און די קינאס זענען איבערגעפילט. זונטאָג צו

די ווישציגעס אין גרונעוואַלד קומען הונדערט־טויזענדע מענשען. מען שפּיעלט אין מאָטאַליזאַטאָר ווי וואַהנזיניג. אַ מין האַזאַרט האָט ווי אַ שכרות אַרומגעכאַפּט בערלין פון עק צו עק. מען האָט דאָס געפיהל, אז פערצווייפעלטע אַמוזירען זיך.

צי בערלין הונגערט איצטער? — הונגערן אפשר נישט, אָבער אויסגעהונגערט איז עס נאָך. דאס דערקענט מען אויף שריט און טריט. מען דערקענט עס אין די פייערלעך אין די אויגען ביים אָנבליק פון אַ שטיקעל ווייס ברויט, מען דערקענט עס אין דער ציטריגקייט, מיט וועלכער מען ציטערט איבער יעדען ביסען. יעדעס קרישעלע ברויט ווערט געצעהלט, מיט יעדען שפּרענקעלע צוקער רעכענט מען זיך, אויף יעדען פינגערהוט פּוטער בויט מען עפּעס אַ גאַנצען בנין, און זעהט מען אַמאָל יענעם זעלטענעם געגענשטאַנד, וועלכען מען רופט דאָס אין דער מענשליכער שפּראַך מילך, איז אַ שמחה אין דער גאַנצער משפחה. מילך און פּוטער זענען נעמליך זעלטענהייטען ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג. דו געהסט דיר אין אַ רעסטאָראַן און בעשטעלסט דיר ברייטליך ביים קעלנער ריין רינדערן בראָטען, און ער פרעגט דיך, אויב דו האָסט אַ „פליישקאַרטע״; דו פערלאַנגסט אַ שטיקעל ברויט צום עסען, און ער מאַכט דיר אויפמערקזאַם דערויף, אז דו מוזט האָבען אַ „ברויטקאַרטע״; דו בעטסט אַ ברעקעל פּוטער, און ער בעלעהרט דיר, אז דו מוזט קודם־כל האָבען אַ „פעט־קאַרטע״, און האָסט דו נישט דעם דאָזיגען קאַרטען־לאַגער געררייט אין דיין קעשענע, קענסטו אזוי וואַנדערן אַ טאָג לאַנג פון רעסטאָראַן צו רעסטאָראַן און קענסט, נישט קוקענדיג אויף דיין טייסטער, וועלכער איז אָנגעשטאָפּט מיט הונדערטער, גאַנץ פיין פערהונגערן. חוץ דעם זענען נאָך פאַהאַן „פליישלאָזע טאַגע״, און דאָס זאָגאַר אין די ערשט קלאַסיגע רעסטאָראַנען, און דו קענסט קיין שטיקעל פלייש נישט בעקומען. מען דערלאַנגט דיר עפּעס אַ פיש פון אַ צווייפעלהאַפטער מראה און פון אַ צווייפעלהאַפטען עלטער. דערפאַר אָבער ווערסט דו הערען אין יעדען קאַפע־הויז און

ביי יעדען ביער־טיש און אין יעדען רעסטאָראַן, ווי מ׳ן זידעלט ווילהעלם דעם צווייטען. מען זידעלט איהם אויף וואָס די וועלט שטעהט. צי איז בערלין ווירקליך אזוי רע־וואָלוציאָנער געוואָרען? — איך גלויב עס נישט. די בערלינער בירגערס פרוי האָט נאָך אַלץ אין איהר בעסטען צימער הענגען דאָס רעהמעל, אין וועלכען עס איז געווען איינגע־רעהמט דאָס בילד פון ווילהעלמען. זי וואָלט אפשר שוין ווערען רעוואָלוציאָנער אויך, אָבער עס איז איהר אַ שאָד דאס רעהמעל. דאס בילד פון אַ נאָסקע קען זי, פערשטעהט זיך, דערין נישט איינרעהמען, און זי וואַרט אַלזאָ אויף אַ בעסערע צייט, ווען עס וועט ווידער קומען אַ קייזער. אַך, דאָס רעהמעל! דאס רעהמעל!

און אַ יקרות אין אַלגעמיין איז אין בערלין — חוץ אויף גאַנץ געוויסע געגענשטאַנדען — וואָס אפילו אונזער וואַרשא מוז זיך דאַנעגען שעמען. און דאס איז, אייגענטליך, דאס שרעקליכע אין זיין איצטיגער לאַגע. בערלין האָט אַמאָל זיין וועלט נאָמען בעקומען דעדורך, וואָס עס האָט אויף דעם געביעט פון וואָהלוועלקייט דאָס העכסטע דערגרייכט. עס האָט אויף דעם וועלט־מאַרק דעם ביליגקייטס רעקאָרד געשלאָגען. מען האט זיך געפלעגט צו דערצעהלען פראָסט וואונדער וועגען בערלין. די אידענע איז אַהיימגעקומען און האָט דערצעהלט, אז זי האָט זיך אַ מאַנטעל געקויפט פאַר 17 מאַרק. די צווייטע איז געקומען און האט דערצעהלט, אז דאָס איז גאָרנישט, דען זי האָט שוין אַזא מאַנטעל גע־קויפט פאַר 14 מאַרק מיט 50. די מציאות פון בערלין האָבען אַ וועלט פערהילכט. בערלין איז אין דעם דאָזיגען פרט געוואָרען פראָסט פאַבעלהאַפט. און דאָס אַלעס, זעהט איהר, איז יעצט פערשוואונדען. מציאות זענען נישט מעהר פאַרהאַן, דערפאַר אָבער איז פאַרהאַן אַ יקרות. דער גאַנצער חן איז פלוצלונג אַוועק. דער גאַנצער צויבער, וועלכער איז געלעגען אויסגעגאָסען אויף דער דאָזיגער שטאָדט, האט זיך אָבגעטהון פון איהר. פנה הודה, פנה זיוה, פנה

הדרה. וואָס פאַר אַ ווערט קען נאָך האָבען אַ „טייער״ בערלין וואָס פאַר אַ בערלין איז דאָס נאָך, ווען אַ מאַנטעל קאָסט שוין דאָרט הונדערטער אָדער גאָר טויזענדער ?...

אָבער די הויפּט-טראַגעדיע קומט נאָך. בערלין האָט נאָך דעם אומגליקליכען קריעג איינגעזעהען, אַז איהר איינציגע רעטונג ליעגט יעצט אין אַרבייטען. זי איז גערייט צו צאָהלען אומצעהליגע מיליאַרדען קאָנטריבוציעס, אַבי אַרבייטען זאָל מען זי לאָזען. ווען זי וועט אַרבייטען, וועט נאָך אַלעס גוט ווערען. און זי האָט זיך טאַקי אַ נעם געטהון צו דער אַרבייט. צוועלף שעה אַ מעת לעת, אַכצעהן שעה, גאַנצע פיער און צוואַנציג שעה — וואָס איז איהר אַ נפקא מינה? קומט אָבער די קאָאַליציע און פערשטעהט דעם דאָזיגען סוד. זי פערשטעהט, אַז אַזוי ווי ביי שמשון הגבור איז געלעגען דער הויפּט סוד פון זיין גבורה אין די האָר, אַזוי ליעגט דער הויפּט כוח פון דעם דאָזיגען דייטשען שמשון אין זיין אַרבייטען -- און אָט זאָגט זי, אז עס איז נאָך צייט אַ ביסעל, און זי וויל איהם בשום אופן דערווייל נאָך נישט דערלאָזען, אז זיינע האָר זאָלען אויס-וואקסען. יעדען טאָג קומט זי מיט עפּעס אַ נייער שטערונג, יעדען טאָג עפּעס נייע גזרות, נייע נאָטען, נייע פאָרשריפ-טען, אַ נייע מין בלאָקאַדע. דאָס איז די רעכטע טראַגעדיע פונ׳ם איצטיגען דייטשלאַנד!

און ווי איך בין ביי נאַכט געגאַנגען דורך די שטילע, פינסטערע גאַסען פון בערלין, איז מיר בעפאַלען אַ אונענדליכע טרויריגקייט. אָט דאָס איז געוואָרען פון דעם רוישיגען בערלין! איך האָב אויף דער גאַנצער וועלט נישט גע-קענט אַ שטאָדט, וועלכע האָט געהאט אין זיך אזוי פיעל לעבען און אַזוי פיעל לעבענס-פרייד און אַזוי פיעל לעבענס-גליק ווי די דאָזיגע שטאָדט. דאס גליק האט אַרויסגעשפּראָצט פון יעדען ווינקעלע, די לוסטיגקייט האָט אַרויסגעבליצט פון

יעדען אויג. מען איז זאַט געווען און צופריעדען. האָט עס אָבער עטליכע מענשען נישט געפאָלען, און זיי האָבען דורכ־אויס געוואָלט דייטשלאַנד „בעגליקען". עס זענען אַזעלכע פּראָפעסיאָניסטען, וועלכע האָבען קיין אַנדערע מלאכה נישט, ווי נאָר צו וועלען אַלעמאָל אַ מענשהייט, אָדער, וועניגסטענס, אַ לאַנד, „גליקליך" מאַכען. און אָט האָבען זיי דאָס קליינע מלחמה׳לע געבראַכט, און אָט האָבען זיי אַ וועלט, און אָט האָבען זיי אַ דייטשלאַנד ביז אויף די דאָזיגע מדרגה געבראַכט. צו וואָס איז דאָס געווען? צו וואָס? צו וואָס?...

אַפּאַטיע.

אויך זי, די אַפּאַטיע, וועלכע האָט אונז אַלעמען אַרומגענומען, איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזערטוועגען: זי איז — נעבען די פיעל אַנדערע צייכענס פון דער צייט — אַ זעהר בעדייטענד צייכען, אַז אַ וועלט האַלט ביים אונטערגעהן. צי עס וועט קומען אַ בעסערע? צי מיר, אָדער וועניגסטענס אונזערע קינדער, וועלען זי דערלעבען? — נישט דערפון רעד איך, אָבער כאַראַקטעריסטיש איז עס: אַ וואונדערליכע זאָרגלאָזיגקייט האָט זיך פלוצלינג אַראָבגעלאָזט אויף אַלעמען. אַ מין חשק צו לעבען אין טאָג אַריין. אויפ׳ן האַלז די שאַרף פון אַ שווערדט — און דער מענש שמייכעלט און געהניצט. מען קען שוין דאָס. וועהרענד דעם אַסירעאַישען קריעג האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין: „עסען און טרינקען, דען — מאָרגען שטאַרבען מיר“. אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען ס׳האָט ראָבספיער געאַרבייט, האָבען מענשען אויפ׳ן אָוועגד געטאַנצט דעם בעוואוסטען „קאַנקאַן“, וועלכער איז — כאַראַקטעריסטיש גענוג! — גראָד דענסטמאָל אויפגעקומען, און אין דער פריה האָבען זיי געפונען זייערע נעמען אויף דער פראָסקריפּציאָנסליסטע. אַ פאָר שעה שפעטער, פערשטעהט זיך, זענען זיי גיליאָטינירט געוועזן. אין היינטיגען בערלין, וואו אַ לאַנד ווערט צעברעקעלט און אַ פאָלק געהט כמעט אונטער, ווען דער הונגער קוקט אַרויס פון די הויהלע אויגען און דער ברידער-קריעג אין

ד"י גאַסען מאַכט אַ סוף מיט דעם לעצטען רעשט פון אַ מענשען־פערשטאַנד און מיט דעם לעצטען הייפעל פון דער געבליבענער יוגענד, דאָרט האָט מען יעצט נישט עפּעס בעסערס צו טהון, ווי צו — הולען. נאָך קיינמאָל נישט האָט בערלין אַזאַ גוטען טאָג געלעבט, ווי גראָד יעצט. מען טאַנצט גאַנצע נעכט דעם „שיעבער" אָדער דעם „בערענטאַנץ", מען עפענט יעדען טאָג נייע שפּיעל־קלובען און פערוויילונגס־ערטער, מען פּרעדיגט עפענטליך געשלעכטליכע אויסגעלאַסענקייטען אָהן אַ שום גרעניץ— און וואָס אַ פערטעל שעה שפּעטער קאָן זיין, וואָס פאַר אַ נאַכריכט עס קען אָנקומען פון ווערסאַיל און וואָס פון מינכען און וואָס פון אויבער־שלעזיען, דאָס קומט קיינעם נישט אויפ'ן זין אַרויף. אין וויען, וואו די קאַטאַסטראָפע הענגט אין דער לופט, יעדע מינוט צום אויספּלאַצען, האָט די דאָזיגע ערשיינונג גאָר מערקווירדיגע פאָרמען. דאָס רייך האַלט ביי אַ גענצליכער אויפלעזונג, דער הונגער האָט זיין זיעגעל אויפגעדריקט אויף יעדענס געזיכט, דער טויט לאָקערט אויפ'ן רינג און אין מאַריאַהילף און אין די אַרבייטער־קוואַרטאַלען, און דער וויענער איז זיך דערווייל בעשעפטיגט מיט — קונסט־ליעבהאָבערייען. ער גיט זיך גראָד יעצט אָב מיט איינקויפען און אויפקויפען פון אַלטע גלאָז־מאָלערייען. די לעצטע פּאָר קראַנען־פּאַפּיערלעך גיט ער אָב פאַר עפעס איין אַלט, אויסגעשטשערבט קידוש־גלעזעל, בעמאָלט מיט גרין און רויט און געל. אַזעלכע גלאָז־אַנטיקען, וועלכע האָבען מיט חדשים צוריק נאָך געקאָסט קרייצעס, זענען אין די לעצטע וואָכען געשטיגען אין זייערע פּרייזען ביז אויף אַ סך צעהנטויזענדער — און דער וויענער גיט. ער קאָן פּראָסט נישט לעבען אָהן דעם. און פון דעם גלאָזוואַרג איז דער קויף־שגעון אַריבערגעגאַנגען אויך אויף אַנדערע געגענשטענדע: אויף אַלטע שטיקערייען, וועלכע די מאָטען האָבען שוין צעפרעסען, אויף אַלטע לייכטערס, וועלכע זענען פּלוצלינג זעהר מאָדערן געוואָרען, און אויף אַלטע מעבעל־שטיקלעך, וועלכע זענען איבער נאַכט אויפגעשטיגען צו דער מדרגה פון אַנטיקען. אַ שאָקעלדיגער טיש אויף דריי פיס און אַ שטוהל מיט אַ

צעבראָכענעם אָנלעהן זענען פראָסט מיט געלד נישט צו בע־
צאָהלען. און דער קויפער קומט, און — אין די אויגען פלאַקערט
איהם דער שגעון. מאָרגען וועט אפשר וויען נישט מעהר
עקזיסטירען...

איז עס נישט ווי אַ רעטעניש ? — זינט עטליכע חדשים
ברענגט אונז דער טעלעגראַף טאָג־טעגליך, ווי נאָר גאָט גיט אַ
טאָג, די נאַכריכט, אַז ערגעץ־וואו אין אַ שטאָדט אָדער ערגעץ־
וואו אין אַ שטעדטעל, ערגעץ־וואו אין אוקראַינע אָדער ערגעץ־
וואו אין פוילען, ערגעץ־וואו אין אַ פריש־איינגענומענער שטאָדט
אָדער ערגעץ־וואו אין איין אַלט־בעזעסענער, האָט מען עטליכע
הונדערט אָדער עטליכע טויזענט אידען געקוילעט ? ווער קען
צעהלען די נעמען פון די שטעדט ? ווער קען צונויפשטעלען
די צאָהל פון די הרוגים ? עס רעדט זיך נישט פון אַ פּאָגראָם
סתם, נאָר פון אַ פערמאַנענץ־פּאָגראָם : אַ מין ש ח י ט ה א ר י כ ת א,
וועלכע דויערט חדשים. מיר האָבען שוין געהאַט אַ צאָהל
פון 6000 אין אַ שטאָדט, מיר האָבען שוין געהאַט אויך 4000
און 2000, און אויך בלויז הונדערטער האָבען מיר שוין גע־
האַט. צעהנדלינגע און איינצעלנע איז אַ טעגליכע ערשיינונג. איך
אָבער מוז אַראָבהענגען די אויגען און מוז עס זאָגען : — די
שחיטה אַן זיך, ווי שרעקליך זי זאָל נישט זיין, האָט מיך נישט
אַזוי טיעף אומגליקליך געמאַכט, ווי דאָס פערהעלטניס פון די
אַרומיגע מענשען צו איהר. און דאַן מוז איך ווידער אַראָב־
הענגען די אויגען און נאָך עפּעס זאָגען : — דאָס פערהעלטניס
פון די אַרומיגע מענשען צו איהר, ווי נידריג עס זאָל נישט
זיין, האָט מיך נישט אַזוי טיעף בעליידיגט, ווי דאָס פער־
העלטניס צו איהר פון אונז אידען אַליין. איז עס נישט אַ
רעטהעניש ? און ווען איך וועל טויזענדמאָל מיר מאַכען אַ וואָרט
„אַפּאַטיע", און ווען איך וועל טויזענדמאָל מיר איינרעדען, אַז
נאָך פינף יאָהר מלחמה האָבען די מענשען, מישטיינס געזאָגט,
שוין געמוזט אַזוי ווערען, און די אידען אויך בתוכם, איז עס
דען אַ תשובה ? — ערשט היינט האָב איך ווידער געלייענט אַ
גאַנץ בערגעל מיט נעמען פון נייע שטעדט, וואו מען האָט גע־

הרג׳עט... רבונו של עולם! ווי קען אַ איד דאָס איבערלייענע, און אַרויסלעגען די צייטונג פון האַנד און — פּטור? און אין פאַרהאַן ביי אונז איין כלל־טהוער, וועלכער איז אין שטאַנדז ביים אָנבליק פונם דאָזיגען בײשפּיעללאָזען אומגליק, צו בע־שעפטיגען זיך מיט זיינע געהירען אַפילו נאָר איין מינוט מיט עפּעס אַנדערש, חוץ ווי דערמיט, און צו רעדען פון עפּעס אַנדערש, חוץ ווי דערפון, — ווי מעג מען אַזוי איינעם געבען אַ האַנד?

איך בין נאָך גאָר אַ אינגעל געווען, ווען די פּאָגראָמען געגען אידען אין דרום־רוסלאַנד האָבען זיך אין יאָהר 1882 אָנ־געהויבען. ווער אָבער עס האָט די דאָזיגע צייט נישט מיטגעלעבט, דער וועט זיך בשום אופן נישט קענען מאַכען אַ בעגריף פון דעם, וואָס האָט זיך דאַן צווישען אידען אָבגעטהון. ווי איין מאַן האָט זיך אַלעס אויפגעהויבען. פון עק תחום ביז צום עק תחום, וואו נאָר ס׳איז פאַרהאַן אַ איד, אין גאַנץ אייראָפּא און אין אַמעריקא, אומעטום האָט עס אַ ציטער געגעבען. מען האָט גע־זוכט איין עצה צום אומגליק. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז ענט־שטאַנען. אומצעהליגע בראָשורקעס יעדע וואָך. איין עמיגראַציע אין גרויסען סטיל איז געפּלאַנט געוואָרען. די פראַגע איז געווען צי אַמעריקא, צי פּאַלעסטינא. איז דאָך די חבת־ציון, די איי־געגנטליכע מאַמע פונם ציוניזם, ענטשטאַנען אינגאַנצען נאָר צו־ליעב די דאָזיגע אומגליקען. פון עפּעס אַנדערש, חוץ ווי פון פּאָגראָמען, האָט קיינער נישט גערעדט און נישט געטראַכט, און וואָס, מישטיינס געזאָגט, זענען דאָס געווען פאַר אַ פּאָגראָמען, פערגליכען מיט היינט. — קינדערשפּיעלעכלעך. מען האָט טישען און בענקלעך צעבראָכען און פון די קישענס האָט מען די פעדערען אַרויסגעלאָזט. מען האָט אַ ביסעל געוועלבער צעראַבירט און אידישע פראַצע צוגענומען. ביז צו נפשות איז עס נישט געקומען. ווען די פּאָגראָם קולטור האָט זיך געהאַט ענטוויקעלט ביז צו דער הויכער שטופע פון מענשען הרג׳ענען, האָט שוין אַ ביאַליק געמוזט שרייבען זיין „עיר ההרגה״...

איצטער, נאַטירליך, איז דאָס אומגליק טויזענדפאַך גרעסער.

מען הלאַט שוין ביי טויזענדער נפשות אין אַ שטאָדט. און טעגליך געשעהט עס, טאָג־טעגליך, טאָג־טעגליך, ווי גאָט גיט אַ טאָג. און דאָ זענען די גרעניצען אָבגעשלאָסען, אַז אפילו אַנטלויפען קען מען נישט. און דאָ האָט אַמעריקא זיינע טויערען געשלאָסען אויף פיער יאָהר. אָבער טאָג־טעגליך קומען אַלץ נייע נאַכריכטען וועגען נייע הריגות. ווי לאַנג אַ שטייגער קען אַ צאָהל אידען אויסרייכען אונטער אַזעלכע אומשטענדען? — און איין אַפּאַטיע האָט זיך, ווי אַ בליי, אַראָבגעזענקט איבער אַלעמען. מען רעדט נישט פיעל וועגען די געשעהענישען, מען טראַכט וועגען זיי נאָך וועניגער, מען זוכט קיין עצות גאָרנישט. מען לייענט אַ נאַכריכט—און מען פערגעסט באַלד. דאָס איינציגע, וואָס מען טהוט דערווייל, איז: ווען מען קומט זיך צונויף צו עפּעס אַ זיצונג, אום אויסצוהערען עפּעס אַ רעדע אָדער עפּעס אַ פאָרטראַג, דערמאָנט דער פאָרזיצענדער קודם־כל דאָס וואָרט „קדושים" און בעט אויפשטעהן פון די ערטער, און צוויי־הונדערט אָדער פינפהונדערט אידען בעמיהען זיך און שטעהען פלוצלינג אויף. דריי־פיער מאָל אַ וואָך מוז איין עולם נעבעך אַזוי אויפשטעהען. קיין גוטער איד זאָל זיי נישט קענען מיט זייער זיצען און זייער אויפשטעהן און זייער אָבגעבען „טשעסט"! — איך וועל זיי די טובה קיינמאָל נישט פערגעסען...

איך ווייס: צו די פאָרשטעהער פונם אידישען פאָלק, די וועלכע שטעהען אין דער שפּיץ און אַרבייטען פאַר איהם, טאָר איך קיין טענות נישט האָבען. זיי האָבען אונז ערשט געגעבען אַ גרויסע מתנה—פּאַלעסטינא האָבען זיי אונז געגעבען—און „אין מלאך אחד עושה שתי שליחות". און דאָך בין איך אַזוי דרייסט צו זאָגען, אַז עס וואָלט אפשר גאָרנישט געשאַדט, ווען אין איינ וועגס וואָלטען זיי דאָרט אין די הויכע מקומות, וואו זיי דרעהען זיך יעצט אַרום, אויך עפּעס אַ טראַכט און אַ רעד און אַ טהו געבען נישט נאָר פאַר די עוויגקייט אַליין, נאָר אויך פאַר דעם יעצטיגען אויגענבליק אַ ביסעל. מען שחט אויס די אידען—און ביז מען וועט קומען דערצו, מען זאָל קענען איין אָנזעהנליכע צאָהל, אַ פערציג אָדער פינפציג יעהרליך, אַריבערפעקלען אין אונזער

פּאַלעסטינא, קען, הלילה. די נשמה אויסגעהן. מען שחט יעדען טאָג. קענען אונזערע טהוער, די אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, אַזאַ זאַך אַזוי לייכט נעהמען אויף זייער געוויסען, און קוועהלט עס זיי גאָרנישט, אַז זיי האָבען אפשר אַ געוואַלטיגע געלעגענהייט געלאָזט פאַרבייגעהן און האָבען גאָרנישט געטהון, אום שוין עפּעס צו העלפען ? — איך בין נישט אַזוי נאַאיוו צו גלויבען, אַז איין אינטערווענציע איז מעגליך—אָבער דער חלף ליעגט אויפ׳ן האַלז, און אַ גערודער האָט מען געמוזט מאַכען, און אויפקאָכען האָט מען געמוזט אַ וועלט, טאָמער וועט דאָך פערהאַנדען זיין עפּעס איין עצה. איך בין נישט אַזוי לייכטגלויביג אָנצונעהמען, אַז דורך אַ בקשה, און אפילו דורך אַ דרינגענדע, וואָלט אַמעריקא זיך לאָזען אָבהאַלטען דערפון, פון פערשליסען איהרע טויערען פאַר עמיגראַנטען—פּרובען האָט מען דאָך געמוזט, אום וועניגסטענס דאָס געוויסען צו בערוהיגען, און טאָמער וועט בינו-לבינו געבוירען ווערען אַ שטיקעל ישועה. איך בין נישט אַזוי קינדיש זיך איינצורעדען, אַז עס זענען שוין גאָר קיין זיצונגען און גאָר קיין מיטינגען נישט געווען מכח די ביישפּיעללאָזע אומגליקען, וועלכע זענען יעצט געקומען איבער אידען—אָבער מיר פעהלט די אמונה, אַז אַזעלכע זיצונגען און מיטינגען, אַזוי צו זאָגען אונטערן אויווען, קענען עפּעס ברענגען אַנוצען. איך וואָלט אַלץ ווערען, אַז אַ ווילדער וואוט-געשריי זאָל זיך לאָזען הערען, אַזוי אַז אַ גאַנצע וועלט זאָל פלוצלינג מוזען פערציטערט בלייבען. מיינט איהר, איך ווייס אַליין, וואָס איך וואָלט ווערען ? — איך האָב נאָר דאָס געפיהל, אַז אונזערע פאָרשטעהער האָבען עפּעס דאָ נישט ריכטיג געהאַנדעלט און האָבען געלאָזט אַ פאָלק פערבלוטען — זיי האָבען פּאָרט געקענט עפּעס טהון. אין יאָהר 1882 האָט עס אומעטום געקאָכט...

איין אַפּאַטיע האָט אַלעמען אַרומגענומען. עס איז דאָס צייכען פון דער צייט: — אַ וועלט געהט-אונטער. די שאַרף פון אַ שווערד ליעגט אויפ׳ן האַלז—און אין בערלין טאַנצט מען. די שאַרף פון אַ שווערד ליעגט אויפ׳ן האַלז—און אין וויען קויפט מען גרינע און געלע קידוש-גלעזלעך און מען זוכט אַנטיקע מעבעל-שטיקלעך. מאָרגען וועט אפשר וויען נישט מעהר זיין...

נאָרמאַל.

דער געלער איד מיט דעם שיטערען שפּיציג בערדטעל איז שוין ווידער געוועזן בײַ מיר. ער האָט געטאַפּט ביי מיר דעם דופּק, ווי אַלעמאָל, און האָט שוין ווידער געפרעגט זיין פראַגע, ווי געוועהנליך: נו, וואָס וועט ווערען? — איך האָב גע- ענטפערט: וואָס ווילט איהר, עס איז דאָך שוין געוואָרען! — און דער איד האָט געגלאָצט מיט די אויגען און האָט נישט פערשטאַנען.

אַך, וואָס פאַר אַ געוואָהנהייטסטיער איז דער מענש בכלל! דו קענסט איהם זאָגען, וואָס דו ווילסט, — די פאָרשטעלונג, וועלכע לעבט אין זיין קאָפּ פון נעכטען און פון פאַריאָהרען, וועסטו איהם פון דאָרט נישט אַרויסקלאַפּען. אַ מלחמה איז ווי אַ ווילדע חיה בעפאַלען אַ וועלט, און דער גרעסטער טייל מענשען האָט זיך אין איהר שלעכט אָריענטירט. ווי ווייט דער דאָזיגער פייל וועט פליהען, האָט, פערשטעהט זיך, קיינער נישט געקאָנט ווייסען, אָבער וואונדערליך איז, ווי די פאָרשטעלונג פונם רוב מענשען איז געווען וועגען דעם סוף פון דער דאָזיגער מלחמה: אין אַ געוויסען טאָג, אין אַ זומער אָדער אַ ווינטער-טאָג, וועט סוף-כל-סוף אַ טעלעגראַם אין דער צייטונג ברענגען די נאַכריכט, אַז דער פריעדען איז געשלאָסען געוואָרען. און אַ פערטעל שעה שפּעטער נאָך דעם געשלאָסען-זיין, וועט דאָס אַלטע לעבען זיך ווידער אומקעהרען און אַלעס וועט ווידער זיין, ווי געווען. אַזוי

איז געווען די פאָרשטעלונג פון'ם גרעסטען טייל מענשען. עפּעס
איז עס געווען, ווי איין עולם וואָלט שטעהן פאַר אַ פער=
שלאָסענע טהיר פון אַ טעאַטער און וואָלט זיך שטופּען און וואָלט
וואַרטען אויף די גאולה, אַז די טהיר זאָל זיך ענדליך עפענען
און דער עולם זאָל זיך שוין אַ לאָז געבען, דאַן וועט יעדער
שוין קומען אויף זיין אָרט. און ווי די מלחמה, די הויפּט=
מלחמה מיין איך, האָט זיך ענדליך געענדיגט, איז דער עולם
אַ ביסעל מטושטש געוואָרען. עס איז עפּעס נישט געווען, ווי מען
האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט. עס איז עפּעס געוואָרען אַ נישט=
מילכיג און נישט=פליישיג. און אָט האָט זיך אָנגעהויבען אַ מין
פיעבערדיג ניי וואַרטעניש. מען וואַרט אַלץ אויף מאָרגען און
אויף איבערמאָרגען, אויף אַ חודש שפּעטער און אויף אַ פערטעל
יאָהר, דאַן, גלויבט מען, וועט דאָך דאָס לעבען גאַנץ בעשטימט
זיך אומקעהרען צו זיין פריהערער נאָרם און אַלעס וועט דאַן
שוין ווידער ווערען, ווי עס איז געווען אַמאָל. דאָס גרויסע ראָד
פון דעם אַלטעגליכען וועט זיך ווידער דרעהען, ווי עס האָט
זיך געדרעהט. מען וועט האַנדלען און וואַנדלען, מען וועט פאָהרען
און רייטען, מען וועט רעש'ן און רוישען, זומער וועט מען
פאָהרען קיין אויסלאַנד אין די בעדער און ווינטער וועט מען
טאַנצען גאַנצע נעכט אויף בעלער (קאָרטען שפּיעלען וועט מען,
פערשטעהט זיך, זומער און ווינטער צוגלייך) — אַלעס גענוי ווי
עס איז געווען ביז צו דעם פערשאָלטענעם יאָהר 1914, ווען די
וועלט איז געוואָרען איבערראַשט פונם קריעג פּונקט אין סאַמען
מיטען פון איהר בעדער=סעזאָן. ווי אָבער ווען איינער, אַ שלעכ=
טער מענש, זאָל קומען און זאָל אַרויפלעגען זיין דרייסטע האַנד
אויף דעם לייכטען געוועב פון די דאָזיגע אילוזיעס און זאָל זיי
צעשטערען? ווי, ווען ער זאָל זאָגען: ווייסט איהר, ברידער,
אַז אָט דאָס איצטיגע לעבען, דאָס איז שוין אונזער אייגענטליך,
אונזער ווירקליך לעבען, דאָס איז שוין די נאָרם, דאָס איז שוין
דאָס נאָרמאַלע, און זאָל נאָר גאָט געבען, אַז נישט ערגער?
ווייסט איהר, אַז מיר אַלע דאָ מעגען זיך, כ'לעבען, שוין גע=
זעגענען מיט דעם וואַרטעניש אויף אַ „נאָרמאַל” לעבען, און צו=

פרידען מעגען מיר זיין, ווען חאָטש אונזערע קינדער אָדער אונזערע איינעקלעך וועלען ווידער קענען לעבען ווי מענשען? מען וויל נישט פערשטעהן: דאָס לעבען איז אַראָב פון די רעלסען, און ביז מען ברענגט אַזאַ ריעזען-לאָקאָמאָטיוו ווידער אַרויף אויף די אייזערנע שינעס געהט דערווייל אַוועק וועניגסטענס אַ האַלב יאָהר הונדערט אָדער אַ יאָהרהונדערט. מיר אָבער, די שלים-שלימזל׳ע, וואָס מיר האָבען געהאַט דאָס זעלטענע גליק, אַז אין אונזער צייט גראָד האָט זיך די הערערן פון דער וועלט געוואָלט גליקליך מאַכען די מענשהייט און זיי האָבען אונז בעשענקט מיט דער דאָזיגער וועלט-מלחמה, מיר זענען פעראורטיילט דערווייל צו אַ גאַנץ אַנדערען מין לעבען: די שאָטענס פון פערציג מיליאָן הרוגים שוועבען אַרום אונז אַרום, און וועלען אַזוי שוועבען נאָך יאָהרען און יאָהר צעהנטען, און זיי פאָדערען אַרויס נייע בלוט-בעדער און נייע שרעקענישען, און וועלען אַזוי אַרויספאָדערען נאָך יאָהרען און יאָהרצעהנטען. אָבער דער עולם קען דאָס בשום אופן נישט בעגרייפן. אַך, וואָס פאַר אַ געוואהנהייטס-טיער איז דער מענש! זיין געוואָהנהייט צום נעכטען און צום פאַר-יאָהרען קען ער אויף קיין פאַל נישט אַרויסרייסען פון זיין בלוט. הויפטזעכליך קומט איהם שווער אָן די מלאכה פון געזעגענען זיך מיט דער פאָרם פון נעכטען —

נאָך אַ טאָג אָדער אין צוויי וועט דער טעלעגראַף אונז ברענגען ווערטליך די שלום-בעדינגונגען, וועלכע די קלענסטע מענשען פון דער וועלט האָבען אויסגעאַרבייט, נעבעך אין שווייס פון זייער פנים, אין לויף פון פינף לאַנגע חדשים ביים גרינעם טיש אין פאַריז. וואָס די דאָזיגע בעדינגונגען זענען, דאָס איז דערווייל אַ סוד. אָבער זייער לאַנגען שאָטען שיקען זיי שוין ווייט אַרויס אַרום זיך, אַזוי אַז מיר קענען לויט דעם שאָטען שוין דערקענען אַ ביסעל דאָס געשטאַלט, וועלכעס געהט און קומט. איבריגענס האָט ללאָיד דזשאָרזש זיין גרויסע רעדע אינם ענגלישען פאַרלאַמענט אויך שוין געהאַלטען. „לאָזט אַלע אייערע האָפנונגען, ווער עס געהט דאָ אַריין״. דייטשלאַנד וועט בלייבען קוים ביי אַזוי פיעל מיליטער אַז עס זאָל קענען נאָר מיט נויט צונויפברענגען

די נויטיגע צאָהל פּאָליציסטען, אום דאָס לאַנד צו האַלטען אין אָרדנונג: נאָר 80,000 מאַן אין גאַנצען. פאַר דייטשלאַנד אַלזוי איז אויך נישטאָ מעהר וואָס צו שרעקען—צושרעקען איז זיך נאָר פאַר די הונגערסנויט, וועלכע וועט קומען יעצט איבער אייראָפּא און וועט חרוב מאַכען די וועלט. אַזוי זאָגט ללאָיד דזשאָרזש אַליין. דאַגעגען אָבער איז ער מודיע פון דער געוואַלטיגער אַרבייט, וועלכע מען האָט אָבגעטהון, אום צו פערזאָרגען 14 לענדער מיט נייע גרעניצען. עס איז פּראָסט אַ גליק, וואָס רוסלאַנד איז נישט מעהר דאָ אויף דער קאַרטע, דען דאַן וואָלט מען, חלילה, געהאַט צו טהון נאָך מיט אַ נומער 15 אויך. גאַנץ מיטעל-אייראָפּא איז צעשטיקעלט און צעבּרעקעלט, און די געפאַהר איז, אַז זי וועט ווערען אַ נייער מין באַלקאַן, אַזוי זאָגט הערר ללאָיד דזשאָרזש אַליין. דאַגעגען אָבער איז ער מודיע, אַז 10 נייע מלוכות זענען בּעגרינדעט געוואָרען, אונאָבּהענגיגע, האַלב-אונאָבּהענגיגע און עטליכע אונטער אַ שוץ-הערשאַפט. עס זענען דאַדורך אויפגעשוואומען נייע פּראָבּלעמען דורך וועלכע עס האָט געקאָנט קומען צו נייע קאָנפליקטען. אַזוי זאָגט הערר ללאָיד דזשאָרזש אַליין. דאַגעגען אָבער איז ער מודיע, אַז אין די לאַגע פון רוסלאַנד איז בּעשלאָסען געוואָרען, פעסט און ענטגילטיג, זיך נישט צו מישען. זאָל רוסלאַנד אַליין מיט זיך פאַרטיג ווערען. זאָל דער כאַאָס און די אַנאַרכיע אַזוי ווייט קומען, אַז עס וועט די פיהרער מיאוס ווערען דערפאַר, און זיי וועלען אַליין פון זיך אויפהערען. איבּריגענס איז בּעשלאָסען געוואָרן צו טהון איין איבּריגס און צו בּעזאָרגען די שכנה׳שע לענדער מיט געוועהר, אַז זיי דאָס זאָלען בּעקעמפען די געפאַהר, וועלכע קומט פון דאָרט. אַליין אַריינמישען אָבער טאָר מען זיך נישט, ווייל — פּרינציפּיעל טאָר מען זיך נישט מישען אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון אַ לאַנד. אַזוי זאָגט הערר ללאָיד דזשאָרזש אַליין. אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון אונגאַרן, פערשטעהט זיך, מעג מען זיך יאָ מישען— אָבער דאָס זאָגט נישט הערר ללאָיד דזשאָרזש אַליין. ווי אָבער די מעשה איז, מיר זעהען קלאָר, אַז אַלעס אַרום אונז איז בּעזאָרגט מיט אַלדעס גוט, אַלעס איז פיקס און פערטיג, און אַ לעבּען הויבּט זיך אָן, פּראָסט אַ גן-עדן.

נאָך אַ טאָג אָדער אין צוויי וועט די וועלט קענען די פּריעדענס־בעדינגונגען, נאָך אַ חודש אָדער אין צוויי־דריי וועלען זיך די פּריעדענס־מאַכערס צעפאָהרען, יעדער אין זיין לאַנד, יעדער פון די טיילערס מיט זיין טייל אין דער בוזעם־טאַש, און די וועלט וועט געהן איהר גאַנג. ווער רעדט דאָרט פון אַ קלייניגקייט ווי אַ הונגערס־נויט, וועלכע דראָ־ט צו קומען איבער אייראָפּא און חרוב צו מאַכען אַ וועלט? ווער רעדט דאָרט פון אַזאַ קלייניגקייט ווי אַ צעבּרעקלונג און אַ צעשטיקלונג פון גאַנצע לענדער, וועלכעס וועט נישט לאָזען אויפקומען קיין שום רעגעלמעסיגע אַרבייט און קיין שום אינדוסטריע און קיין שום מאַרק און קיין שום פּערקעהר, נישט פּערזענליך און נישט בריעפליך און נישט טעלעגראַפיש, און וועט דראָהען מיט דעם רואין פון דעם לעצטען, וואָס איז געבליבען? ווער רעדט דאָרט פון אַזאַ נישטיגקייט ווי נייע קאָנפליקטען און נייע מלחמה׳לעך און נייע רייסענישען און בייסענישען, וועלכע וועלען דעם לעצטען בלוטסטראָפּען אַרויסנאָגען פון דער מענשהייט? — דאָס איז די נאָרם, דאָס איז דאָס נאָרמאַלע לעבען שוין, און מיר מוזען זיך, אויב מיר ווילען אָדער נישט, דערצו צו געוועהנען. מענשען לעבען דאָך מיט איין אָבגעשניטענער האַנד אויך.

און די צעהן נייע קליינע מלוכות וועלען אויפשטעהן. מען וועט זיך שפּיעלען אויף דאָס ניי אין ביקסען, און מען וועט אונז אויף שריט און טריט לאָזען הערען אויף דאָס ניי דאָס אַלטע האַרציגע וואָרט: „אונזער העלדענהאַפטעס מיליטער", און פער׳שכור׳ט פאַר שמחה וועגען דעם נייעם אויפשטעהן וועט מען מענשען אין די גאַסען הרג׳ענען, מענער און פרויען, גרייזגראָהע און קינדער, און אַלטע חמיעלניצקי׳שע צייטען וועלען קומען אויף דאָס ניי, און אַלטע היידאַמאַקישע מעשים וועלען אָבגעטהון ווערען אויף דאָס ניי, און אין בלוט וועט מען זיך שלעפּען ביז אָן די גאַרטלען, און די גרויעל־טהאַטען וועלען ספּ׳ר׳ען ביז צום האַרץ און וועלען עס פער׳סמ׳ען, און די וועלט וועט שטעהן אַרום און וועט זיך נישט ריהרען, דען — „אין פרעמדע, אינערליכע אַנגעלעגענהייטען טאָר מען זיך נישט מישען". —

דאָס דאָזיגע לעבען איז אָבער שוין די נאָרם, דאָס איז שוין דאָס נאָרמאַלע לעבען אונזערס. און הלואי נישט ערגער. מענשען לעבען דאָך מיט צוויי אָבגעשניטענע הענד אויך.

און דאָס לאַנד, וועלכעס האָט ביז דאָ נישט לאַנג איינגענומען דעם גרעסטען שטח פון אייראָפּא, וועט דערווייל ענטגעגענגעהען זיין גורל. מען וועט זינגען דאָרט דאָס ליעד: „ווילסטו נישט מיין ברודער זיין, שיעס איך דיר אַ קויל אַריין" און מען וועט אַלץ ווייטער אַזוי די אָרעמע, הונגעריגע מענשען בעגליקען. נישט מענשען, נאָר שאָטענס פון מענשען וועלען נאָך אַרומשוועבען פון צייט צו צייט איבער אַ גאַס. דאַן וועלען אויך די דאָזיגע שאָטענס פערשווינדען. דער הונגער וועט האָבען געטהון דאָס זייניגע. די וועלט אָבער וועט שטעהן אַרום און וועט געהניצען. זי איז דאָך אַ ביסעל ווייט פונם אָרט פון דער האַנדלונג און האָט דירעקט דערווייל נישט קיין מורא פאַר אָנשטעקונג. מורא וועלען האָבען נאָר די נעכסטע שכנים. זיי וועלען ציטערן בייטאָג און וועלען ציטערן ביינאַכט, און דאָס ציטערן וועט זיי נישט לאָזען נעהמען זי צו עפּעס אַ רעגעלמעסיגער אַרבייט. ווער ווייס, וואָס מאָרגען וועט זיין. — דאָס אָבער וועט זיין די נאָרם פאַר יאָהרען אַרויס, דאָס איז שוין דאָס נאָרמאַלע לעבען. און מען וועט זיך אפשר צוגעוועהנען אויך צו דעם. מענשען לעבען דאָך מיט צוויי אָבגעשניטענע הענד און צוויי אָבגעשניטענע פיס אויך.

און אידען וועלען דערווייל לעבען — וואָס זאָג איך וועלען? זיי לעבען שוין — אין נחת און אין פרייד, ווי ווער צו גאָט האָפּט. דאָס איז אַ גרויס וואָרט, וואָס איך וועל דאָ זאָגען, אָבער אמת איז עס דאָך: דאָס דאָזיגע פאָלק, וועלכעס האָט דאָך שוין עפּעס דורכגעמאַכט אין זיין לאַנג לעבען, האָט אַזאַ צייט, ווי די איצטיגע, און אַזעלכע צרות, ווי די איצטיגע, נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. וואָס איז רוים מיט זיין חרוב־מאַכען, וואָס איז שפּאַניען מיט איהרע אינקוויזיציעס, וואָס איז פּאָרטוגאַל און פראַנקרייך מיט זייערע הייטערהויפענס, וואָס איז דייטשלאַנד מיט איהרע רדיפות,

וואָס איז די אוקראַינע מיט איהרע שהיטות און וואָט איז רוס־לאַנד מיט איהרע גזרות און איהרע אָרעמע פּאָגראָמען, פּער־גליכען מיט דעם, וואָס טהוט זיך איצטער אָב נאָר אין איין טאָג? און די וועלט אַרום שטעהט און גלאָצט און פּעררויכערט זיך אַ ציגאַר. מיר אַליין, משטיינס־געזאָגט, זענען דאָך שוין אַזוי ווייט אַראָבגעקומען, אַז מיר אַליין פּעררויכערן דערביי אַ פּאַפּיראָס. און די גרעסטע צרה איז, אַז אַפילו די גרעניצען האָט מען געשלאָסען פאַר אונז און מיר קענען פון דער שרפה נישט אַמאָל ענטלויפען. פאַר 14 פעלקער האָט מען די גרעניץ־פּראַגען בע־זאָרגט, נאָר איין גרעניץ פאַר אונז האָט מען נישט אין זינען געהאַט צו בעזאָרגען. אָבער נישט קשה, דאָס איז נישט אויף דערווייל, דען דאָס איז די נאָרם און דאָס איז דאָס נאָרמאַלע לעבען אונזערס, און מיר וועלען זיך אם־ירצה־השם צוגעוועהנען ביסלעכווייז אויך צו אַזאַ לעבען אָדער צו אַזאַ טויט. מענשען לעבען אפשר מיט איין אָבגעשניטענעם קאָפּ אויך —

איז דאָס נישט אַלעס אַ חלום? וועט נישט קומען פּלוצ־לינג אַ דערוואַכען און מיר וועלען אויסרייבען די אויגען און דריי מאָל אויסשפּייען? — אַך, דאָס לעבען, ליידער, איז נישט קיין חלום. האָפנונגען און אילוזיעס נאָר זענען חלומות, אוי, ווי איז מיר קלאָר און ווי פיהל איך, אַז דאָס דאָזיגע לעבען אונזערס איז — נאָרמאַל!

קולטורען.

איך קען מיר גאַנץ גוט פאָרשטעלען אַזאַ מין סצענע: — דוים אין די גאָר לעצטע יאָהרען פון איהר וועלט־הערשאַפט. פונקט אַזוי ווי איך זיץ דאָ היינט מיט דיר, מיין פריינד, אין „פאָלאָניא" ביי אַ גלעזעל ערזאַץ און ביי אַ שלעכטער ציגאַר, און מיר פלוידערען אַזוי ליידענשאַפטליך וועגען די געוואַלטיגע וועלט־געשעהענישען, וועגען דער ביישפיעל־לאָזער מלחמה מיט איהרע פאָלגען, וועגען דעם ביישפיעל־לאָזען שלום מיט זיינע שרעקליכע מעגליכקייטען, וועגען די טויזענד איבערקעהרענישען אין דעם גאַנצען היסטאָרישע־וועלט־אַפּאַראַט, וועגען די קליינע פעלקער, וועלכע זענען עולה לגדולה, און וועגען די גרויסע, וועלכע ווערען אָבגעמעקט פון דער ערד, וועגען דער קאָאַליציע, וועלכע פוילט זיך אַביסעל אונטער, און וועגען דעם באָל־שעוויזם, וועלכער איילט זיך אַביסעל צו, — פונקט אַזוי זענען אויך דענסטמאָל געזעסען צוויי מענשען אין רוים אין וויין־קעלער פון פעטראָניוס וואַרוס ביי אַ גלעזעל געפעלשטען קפריסין און ביי שלעכט געריכערטע קאָקוס־ניס, און האָבען ליידענ־שאַפטליך דעבאַטירט וועגען דער דענסטמאָלדיגער וועלט־לאַגע, וועגען דער האָפנונגס־לאָזיגקייט פון דער רוימישער הערשאַפט און וועגען דער איבערקעהרעניש פון דעם דענסטמאָלדיגען גאַנצען אייראָפּא. וואָס וואָלט זיין, ווען איינער פון די דאָזיגע צוויי וואָלט אין אַ פלוצלונגען אָנפאַל פון אַ נביאות־זאָגעריי, זיך

אויפכאַפּען און זאָגען: און ווייסטו, מיין פריינד, אַז דאָס איז נישט קיין צושטאַנד אויף דערווייל? ווייסטו, אַז דאָס קען דויערען גאַנצע יאָהרהונדערטער און אפשר אַ גאַנץ יאָהר־טויזענד? און ווייסטו, אַז נישט נאָר רוים געהט־אונטער, נאָר עס געהט־אונטער אַ קולטור אַ גאַנצע, אָט די בעריהמטע, שטאַרקע, רוימישע קולטור, און אַ תוֹהוּ־ובוֹהוּ וועט קומען, און מענשען וועלען זיין ווי די רייסענדע חיות אין וואַלד, און עס וועלען קומען אָסטגאָטען און הונען און וואַנדאַלען, און אַ וועלט־אַנאַרכיע וועט זיין, און אַלע בעגריפען פון רעכט און גערעכטיגקייט און רחמנות וועלען אָבגעשאַפט ווערען, און קומען וועט אַ לאַנגע, אונענדליכע צייט פון אַ פעלקער־וואַנדערונג, און קרייץ־צוגען וועלען קומען, און קומען וועט דאַן אַ קינדיש צייט־אַלטער פון נאַרישע ריטער־שפּיעלעכלעך און אַ נאַריש, קינדיש לעבען, און 14 — 15 יאָהרהונדערטער וועלען אַזוי פאַרבייגעהן איבער דער מענשהייט אין אַ מין שיין־שלאָף, ביז עס וועט זיך ווייזען דאָס ערשטע שיינדעל פון אַ רענעסאַנס מיט אַ נייער קולטור און ביז זי וועט לעגען דעם ערשטען גרונד־שטיין צו אַ שטיקעל אמת'ען לעבען אויף דאָס ניי? — — איך בין זיכער, אַז ביי אַזאַ מין נביאות־זאָגעריי וואָלט דענסטמאָל דער צווייטער, דער צוהערער, ציהען מיט די פּלייצעס און וואָלט אונגלויביג שמייכלען. דער צייט־גענאָס דענסטמאָל האָט אייגענטליך געקענט זעהן און ריכטיג בעגרייפען די געשעהענישען, וועלכע האָבען זיך אָבגעשפּיעלט פאַר זיינע אויגען, דען ער איז אַליין גע־שטאַנען אין מיטען פון די דאָזיגע בעגעבענהייטען, און דעריבער האָט איהם געפעהלט די פּערספּעקטיוו צו זיי. מען זעהט נישט גוט דעם הויכען טורם אין דער שטאָדט אַליין, נאָר ערשט ווייט פון דאָרט.

מיר, היינטיגע, האָבען דאָס אומגליק, צו זיין לעבעדיגע עדות פון וועלט־געשעהענישען, וועלכע האָבען אפשר זייער גלייכען נישט אין דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע, און ווייל מיר זענען די עדות פון זיי, דעריבער זעהען מיר אַזוי ווייניג און פערשטעהען מיר אַזוי ווייניג. צווישען 100 מענשען האָבען מיר

טע, וועלכע פאַסען־אויף דעם גאַנצען פּראָצעס זעהר איינפאַך און בעל־הבת׳יש: געווען אַ מלחמה — אַ שלום קומט — און מאָרגען־איבערמאָרגען וועט אַלעס שוין ווידער זיין ווי געוועז׳ן, און מיר וועלען, אם־ירצה־השם, ווידער האַנדלען און וואַנדלען און מיר וועלען מיט געטליכע הילף חתונה מאַכען קינדער און קינדס־קינדער און מיר וועלען זיך עלטערן אין פריידען. איך האָב מורא, אוי, ווי האָב איך מורא, אַז די דאָזיגע גליק־ליכע נאַטורען זאָלען נישט האָבען אַ שטיקעל טעות! עפּעס זענען דאָ ביטערע מינוטען, אין וועלכע עס גראָבען זיך איין אין די נשמה טויזענד ספקות און פערגיפטען איינעם דאָס לעבען. דאָרט, וואו עס האָט זיך פלאַמענדיגע לאַווא געגאָסען, וואַקסט גאַנצע הונדערטער יאָהרען נישט קיין גרין גרעזעל. און דאָט מען, מיר־נישט, דיר־נישט, עטליכע יאָהרען כסדר אויסגעקוילעט עטליכע צעהנדליג מיליאָן מענשען, איז פאַראַן איין עפּעס אין דער נאַטור, וועלכעס איז זיך נוקם דערפאַר אָן דער לעבעדיג געבליבענער מענשהייט. און איז אַ קולטור פערפוילט געוואָרען ביז אין דער וואָרצעל, שווינדען לענדער און פעלקער און פאָרמען, און אַ תוהו־ובוהו קומט, און אומגליק קעניגט איבער די וועלט און עס דויערן דורות ביז עס ענטשטעהט ווידער אַ נייע שטיקעל לעבען מיט אַ נייער קולטור.

קולטורען... וואָס זענען קולטורען? אָרגאַנישע געשטאַל־טונגען. און אַ קינדהייט האָבען זיי, און אַ יוגענד, און אַ מיטעלע עלטער, און עלטערס־שוואַכהייט, עס קומט איבער זיי אַ מין מאַראַזם, און זיי וועלקען דאַן און פערגעהן. וואָס איז גע־וואָרען פון אַזאַ מעכטיגע קולטור ווי די אַלטע עגיפּטישע? און פון דער באַבילאָנישער וואָס איז געוואָרען? און פון דער פערסישער? און ווי איז עס מעגליך געווען, אַז אַזאַ ליכטיגע קולטור, ווי די רוימישע, זאָל אַזוי שווינדען און איהר יורש זאָל זיין אַזאַ שרעקליכע, פינסטערע צייט, ווי דאָס מיטעל־אַלטער? — אונצעהליגע פאָרשער האָבען געפּרובט געבען ערקלערונגען צו דער דאָזיגער ערשיינונג: די גרויסע

ליגענד, וועלכע האָט אויסגעפילט איהר וועזען, האָט ענדליך געמוזט אַמאָל פּלאַצען. די אויסגעלאַסענקייט און דאָס אויס־שווייפענדע לעבען און די תּאוה צו פערגעניגענס און צו לוקסוס פון איין זייט, און די פאַלשע פּאָליטיק און די תּאוה צו הערשען פון דער אַנדערער זייט, זיי האָבען אַ סוף געמאַכט צו דער דאָזיגער קולטור און האָבען אַ וועג אויסגעטראָטען צו די שוואַרצע אכזריות׳ן פון׳ם מיטעל־אַלטער. אָדער: דער־גרייכט האָט זי געהאַט איהר העכסטען פונקט און אַ מאַראַזם איז געקומען, אַ עלטערס־שוואַכהייט, און זי האָט געמוזט אויס־געהן און שווינדען. און אונזער יעצטיגעס אייראָפּא? — נאָך לעבען מיר אין דער מיטען פון איהר קולטור און מיר פיהלען עס נישט און מיר וויסען עס נישט צו בעשטימען. האָט אונ־זער יעצטיגע קולטור שוין דערגרייכט איהר העכסטען פונקט און די עלטערס־שוואַכהייט קומט? איך ווייס עס נישט. איז דאָס וואוֹיל־לעבען און די אויסגעלאַסענקייט און די תּאוות און די פאַלשע פּאָליטיק־טרייבעריי און די לוסט צו הערשען פיעל קלענער ביי אונז ווי אין אַלטען רוים? דאַכט זיך, אַז דאָס אַלעס איז ביי אונז נאָך פיעל גרעסער. איז אפשר די ליגענד, די גרויסע ליגענד, וועלכע ברענגט אַ טויט אויף אַ קולטור, ביי אונז נישט פאַרהאַן? אָ ניין, אָ ניין, אָ ניין. ווען מען זאָל פאַר ליגענד און פאַר פערלאָגענהייט פערטיילען פּרייזען, וואָלטען מיר מיט אונזער קולטור אין אייראָפּא אַודאי ובודאי שלאָגען דעם רעקאָרד.

איך וויל נאָר וועהלען איין ביישפּיעל פון טויזענד. עס האָט זיך גראָד געטראָפען אין איינעם פון די לעצטע טעג; — אין פּראָסקוראָוו אַ שטעדטעל אין פּאָדאָליען, וועלכעס האָט אין גאַנצען אַנ׳ 11 — 12 טויזענד איינוואוֹינער, האָבען מענשען מיט אַ קריסטליכער ליבע אין האַרצען אויסגעשאָכטען אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען 6000 מאַן. זאָג און שרייב: ז ע ק ס־ט ו י ז ע נ ד. (צופעליג זענען דאָס געווען 6000 אידען — אָבער נישט דערפון וויל איך דאָ רעדען; איך וויל נאָר רעדען פון מענשען סתּם, פון אַ סטאַדע פון 6000 מענשליכע

בעשעפענישען, וועלכע עטעמען לופט און קייען ברויט און האָבען אַ נאָז און אויגען און ווערען געבוירען און שטאַרבען, פונקט אַזוי ווי די מיליאָנען אַנדערע אַזעלכע בעשעפעניש'ען).

אין די צייטונגען איז דעריבער געווען אַ נאָטיץ פון עטליכע שורות, אַ צוויי דריי טעלעגראַמעס, און ווייטער גאָרנישט. הערט מען פון פריוואַט־מענשען עטליכע אייגצעלהייטען וועגען דעם דאָזיגען געשעהעניש, געריגט דאָס בלוט אין די אָדערען. מען האָט 20 קינדער, וועלכע זענען אין דער מיטאָג־צייט אַרויסגעקומען פון אַ גימנאַזיום, געכאַפּט איינס נאָך דעם אַנדערען, און מען האָט זיי אַלעמען געשאָכטען. מען האָט מיידלעך און ווייבער מיט גליהעדיגע אייזענס אויסגעברענט די אויגען און דאַן ערשט האָט מען זיי געשענדעט און דאַן געשאָכטען. מען האָט גרייז־גראָהע מענער אַרויסגעשניטען די צינגער פון די מיילער, און דאַן ערשט האָט מען זיי געשאָכטען. דאָס בלוט ווערט איינעם געריגען אין די אָדערען און מען קען משוגע ווערען, ווען מ'הערט עס — און אייראָפּא אַרום און אַרום שווייגט, און איהר געוויסען שווייגט, און איהר קולטור שווייגט. עס איז געבליבען אַ צייטונגס־נאָטיץ אין איינצעלנע בלעטער.

און זעהט איהר: ווען אויף דער אינזעל מאַרטיניק איז געווען אַן ערד־ציטערניש און אומגעקומען זענען עטליכע הונדערט מענשען, האָט אַ גאַנצע וועלט גע'רעש'ט און אייראָפּא'ס געוויסען האָט געאַרבייט מעשים, און פראַנקרייך האָט געשיקט אַן עקספּעדיציע קיין פאַר־דעפראַנס. און ווען דער געלער פלוס איז איבערגעפלייצט און אומגעקומען זענען עטליכע הונדערט כינעזער, האָט אַ גאַנצע וועלט געקאָכט, און אייראָפּא האָט נישט געקענט שלאָפען, און ענגלאַנד האָט געשיקט נדבות. און ווען די „טיטאַניק" איז אונטערגעגאַנגען און אומגעקומען זענען עטליכע הונדערט קרבנות, האָט זיך געשאָקעלט אַ גאַנצע וועלט, און וואָכען לאַנג זענען געשריבען געוואָרען אַרשין־לאַנגע אַרטיקלען אין די צייטונגען, און צאַר ניקאָלאַי פון גרויס רחמנות האָט געגעבען אַ נדבה פון צעהנטויזענד

רובל, און קייזער ווילהעלם האָט געגעבען צוואַנציג טויזענד מאַרק און קעניג אַלבערט האָט געגעבען צעהנטויזענד דאָלאַר, אום אויסצוהעלפען די פאַמיליעס פון די פערראומגליקטע. יעצט נאָר איז עס אַנדערש. אייראָפּא האָט קיין צייט נישט. אייראָפּא איז דאָך בעשעפטיגט מיט העכערע זאַכען. וואָס שפּיעלט דאָרט אַ ראָלע 6000 אידען, וועלכע זענען שוין אויסגעקוילעט געוואָרען, און עטליכע צעהנדליג טויזענד, וועלכע וועלען אפשר מאָרגען־איבערמאָרגען נאָך אויסגע־קוילעט ווערען? אייראָפּא איז בעשעפטיגט. אייראָפּא מוז גליקליך מאַכען די קליינע פעלקער און מוז בעפרייען די מענשהייט און מוז אַרבייטען פאַר רעכט און גערעכטיגקייט. אייראָפּא מוז אַרבייטען פאַר קולטור און מענשליכקייט, אוי, די גרויסע ליגענד!

און איך בין נאָך אַלץ ווי אין אַ חלום און איך טראַכט און טראַכט און פערשטעה נישט. איך ווייס נישט, ווי קענען מענשען רוהיג דורכשלאָפען אַ נאַכט, ווען אַזעלכעס פּאַסירט האַרט פאַר זייערע אויגען. און אויפשטעהן ווי קענען זיי אין דערפריה און אַריינקריכען אין זייערע שטייפע העמדער מיט די געקראָכמאַלטע קראַגענס, און ווי קענען זיי לאַכען און ווי קענען זיי רעדען, און ווי קענען זיי האָבען אין זין זייערע הויכע ענינים וועגען עפּעס אַ מאַנדאַט אין אַ סיים אָדער אַ זיץ אין אַ ראַדאַ אָדער עפּעס אַ פּראַזע וועגען טרייבען רעאַל־פּאָליטיק — און נישט ווייט פון זיי איז פּראָסקוראָוו מיט 6000 הרוגים. אָה, ווען דאָס דאָזיגע אייראָפּא וואָלט זיך קאָנען פערזאָ־ניפיצירען אין איין איינציגען פאַרשוין, און דער דאָזיגער פאַר־שוין וואָלט שטעהן פאַר מיר און איך וואָלט איהם קענען שפּייען אין פּנים אַ ריין!

רעד איך דען וועגען אידען? איך רעד וועגען 6000 מענשליכע בעשעפענישען מיט אַ נאָז און מיט אויערען און מיט אַ פּנים!

האָט אַ מלחמה, וועלכע האָט אָבגעקאָסט אַזוי פיעל

צעהנדליגער מיליאָנען מענשליכע קרבנות, אַזוי ווילד און אַזוי טעמפּ געמאַכט דעם מענש? האָט אַ קולטור, וועלכע האָט אַרויסגערופען אַזאַ מלחמה, די וועלט געבראַכט ביז צו אַזאַ מורא׳דיגער שטופּע? האָט אַ שלום וועלכער ווערט אַזוי צוגעשניטען, דעם לעצטען רעשט פון מענשליכקייט אינ׳ם מענשען אויסגעראָט?

וואָס איז קולטור? אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם. די העכסטע שטופע, האָב איך מורא, איז דערגרייכט, און עס קומט די עלטערס־שוועכע. אַדיע, אייראָפּא! אַ נייע פעלקער־וואַנדערונג, נייע וואַנדאַלען, נייע קרייץ־צוגען, נייע בעגריפען און אַ נייע קולטור. די צענטערען וואַנדערען און וועלען אויפשפּראָצען זואו אַנדערש.

יושר.

יושר ?... עס איז פראָסט צו בעוואונדערן, ווי זעהר דוקא דער איד קלאַמערט זיך אָן מיטביידע הענד און מיט אַלע כחות אינ'ם דאָזיגען וואָרט. ביי איטליכער געלעגענהייט שווימט עס אַרויף ביי איהם אויף די ליפּען און ביי יעדען געשעהעניש קומט ער מיט איהם אויף דאָס ניי. און האָט מען איהם עפּעס דאָרט אַ פּיצעלע עולה געטהון, ווי אַ שטייגער, אַז מען האָט ערגעץ־וואו אין אַ שטעדטעל אַ דריי־פּיער מניגים אידען מיר־נישט דיר־נישט, אויסגעשאָכטען, איז ער שוין ווידער דאָ מיט דעם אַלטען פּזמון וועגען יושר. זיין מאָראַליש גלייכגעוויכט איז ערשיטערט. ער קען זיך נישט בערוהיגען. איך האָב מורא, אַז עס אַרט איהם אפשר נישט אַזוי וויט די טאַט־זאַך אַליין, וואָס בלוט איז געפלאָסען, ווי עס אַרט איהם נאָר די מעשה, וואָס דער מענשליכער יושר האָט געחאַפּט אַ פּאַטש אין פּנים אַריין. ס'טייטש, ווי קען מען דאָס ? ס'טייטש, ווי איז דאָס מעגליך, אַז מענשען זאָלען, פאַר נישט און ווידער נישט, אומבּרענגען מענשען, וועלכע זענען פּונקט אַזוי ווי זיי בּעשאַפען מיט אַ נאָז און מיט אויגען און מיט אַ לונג און מיט אַ האַרץ, און דערביי זאָל די ערד נישט פּערציטערט חערען פאַר שרעק און פאַר בּושה ? דאָס טיעף בּעליידיגטע רעכטס־געפיהל לאָזט איהם נישט שלאָפען. און זעהט ער, אַז די ערד איז גאָרנישט פערציטערט געוואָרען, דאַן שטעהט ער אַ מינוט הילפלאָז, און ווי אַ קינד אין חדר, וועלכען די חברים האָבען ביי זייער

שפּיעלען־זיך אַ רעכטען זעץ געגעבען און ער שרייט־אַלץ: „אַט וועל איך אויסזאָגען דעם רבי'ן, אַט וועל איך דערצעהלען דעם טאַטען מיט דער מאַמען", — אַזוי לויפט ער, נעבעך, און האַלט אַלץ אין איין שרייען: „אַט וועל איך אויסזאָגען דעם סיים, אַט וועל איך דערצעהלען דער גאַנצער וועלט מיט גאַנץ אייראָפּא". — אָרעמער דאָן קישאָט! אָרעמער ריצאַר מיט דער טרויעריגער געשטאַלט! דו האָסט דיר איינגערעדט אַ „יושר" אין בויך, און קעמפּסט פאַר איהם מיט ווינדמיהלען, און ליידסט פאַר איהם אונ־מענשליכע יסורים.

דען — זעהט איהר — מיר האָבען אפשר דאָ צו טהון מיט צוויי פערשיעדענע פּסיכיקען, מיט צוויי גרונד־בעזונדערע קולטורען, מיט צוויי אַנדערש אַרויסגעקומענע וועלט־אויפפאַסונגען: אַ אידישע און אַ נישט־אידישע. און דאָ וואו די איינע זעהט אַ הימעלשרייענדע אומגערעכטיגקייט, דאָ זעהט די אַנדערע אַ גאָרנישט, און פעררייכערט זיך רוהיג אַ פּאַפּיראָס. און דאָ וואו די איינע ווערט אויפגעציטערט ביי אַ טראָפּפען בלוט, דאָ געהניצט די אַנדערע. דער איינער מוֹח רעאַגירט נישט אויף איין און דעם זעלביגען בעגריף אין דעם זעלבען אופן ווי דער אַנדערער. דאָס איז אַלעס.

ווי איז דער איד געקומען צו דעם בעזיץ פון אַזאַ סוב־טילען געפיהל פאַר יושר? — עס איז די פרוכט פון אַ לאַנגער, לאַנגער פון אַ פיער־טויזענדיעהריגער, לאַנגזאַמער, פּאַמעליכער נשמה־אַרבייט. עס איז דאָס דאַרווינ'שע געזעץ פון איין ענטוויקלונג. נעבען אַ באַרג איז ער אַמאָל געשטאַנען, ביי בליץ און ביי דונער, און פון דאָרט אַראָב זענען איהם אויף צוויי שטיינערנע טאָוולען צעהן שטיינערנע געזעצען געגעבען געוואָרען, אייביג ווי שטיינער, פעסט ווי אייזען — און ער האָט געהאָרכט, און זיי זענען איהם עפּעס אַריין אין די נשמה. אָה, יענער באַרג! פאַרוואָס איז ער נישט בעסער פערשוואונדען געוואָרען, איידער ער האָט צו זיך פערלאָקט ווייכע מענשען און האָט זיי אַזוי אומגליקליך געמאַכט? און יענע צוויי טאָוולען, פאַרוואָס זענען זיי צום צווייטען מאָל נישט צעבראָכען געוואָרען, אַזוי ווי די ערשטע זענען שוין איינ־מאָל צעבראָכען געווען, איידער זיי האָבען איין אָרעם טיילעכעל

פון דער מענשען־פאַמיליע אַזוי פערוויילכליכט און אַזוי אומפעהיג געמאַכט אינ׳ם קאַמף פאַר׳ן לעבען, צו וועלכען מען דאַרף האָבען צייהנער פון אַ וואָלף? — דער איד אָבער מיט׳ן בלאַסען פנים איז געשטאַנען פאַר׳ן באַרג און האָט געהאָרכט. און זיין נשמה האָט געציטערט. דער נאַר! ער האָט אַזוי ערענסט געמיינט און האָט יעדעס וואָרט אַזוי ווערטליך און אַזוי ערענסט גענומען. הויפטזעכליך האָט איהם דער „לא תרצח" געפאַקט ביי דער נשמה. דו זאָלסט נישט קיין בלוט פערגיעסען — און ער האָט נישט קיין בלוט פערגאָסען, קיינמאָל נישט האָט ער בלוט פערגאָסען, און האָט זינט דענסטמאָל נישט פערשטאַנען אפילו, ווי ק ע ן עמיצער בלוט פערגיעסען. אָה, דער דאָזיגער אומבעהאָלפענער שלים־מזל! ער האָט אַלעס גענומען אַזוי ווערטליך, ער האָט עס געמיינט טאַקי אויף דער אמת׳ן, און ער האָט זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט, אַז די אַנדערע האָבען עס דערווייל געמיינט נאָר אויף קאַטאָוועסען. און וואָס מעהר ער האָט זיך אָבגעזונדערט פון דער וועלט, און וואָס מעהר ער איז זיך פערקראָכען אין זיין ווינקעלע, איז דאָס יושר־עמפפינדען אין איהם אַלץ מעהר און מעהר אויסגעוואַקסען. עס האט זיך אַלץ מעהר און מעהר פערפיינערט. עס איז צום סוף געוואָרען כמעט אַ קרענקליך געפיהל: איין אייביג רחמנות־האָבען. — דערווייל אָבער איז די וועלט אַוועק ווייטער, פיעל־פיעל ווייטער, פון יענער זייט פון גערעכט־זיין, און ער, פערשטעהט זיך, האָט נישט געקענט האַלטען טריט מיט איהר און איז דערווייל נישט מיטגעקומען מיט איהר.

און אָט געדענק איך: — איך בין נאָך גאָר אַ קליין איינגעלע, עס איז ערב שבת. אין קיך זעה איך אַ פיש, אַ לעבעדיגען, צאַפלען זיך אין אַ פאַס וואַסער. ווי אָבער זיי האָבען איהם אויפ׳ן אָווענד געטיילט אויף די טעלערס, יעדערען אַ חלק, האָט מיך פלוצלונג אַרומגענומען איין אונבעשרייבליך רחמנות און מיט טרעהרען אין די אויגען האָב איך אַרויסגעקרעכצט: „אָך, דאָס פישעל ע ל י ו ה ש ל ו ם" — און אַלע האָבען זיך צעלאַכט. ווייס איין גאָט, אַז כ׳אָב אַנדערש נישט געקענט זאָגען ווי „עליו השלום". נישט איך — אַ פיער וויזענד־יעהריגע ירושה האָט

זיך אַרויסגערעדט מיט אַ וואָרט פון מיר. און דאַן געדענק איך
איין אַנדער מאָל — אין דער שטוב דרעהט זיך אַרום אַ
זוייסער וואונדערשעהנער האָהן. איך זיץ אויפ'ן שויס פון מיין
באָבע און פרעג: „האָט אַ האָהן אַ נשמה?" — „אַ ודאי,
קינד!" — און אָט לויפט אַריין די קעכין פלוצלונג און כאַפּט
דעם האָהן און זאָגט, אַז מען דאַרף איהם שעכטען אויף שבת.
די באָבע אָבער בעלעהרט זי און זאָגט איהר אַז מען טאָר
אין געגענוואַרט פון איין עוף נישט זאָגען דאָס וואָרט „שעכטען"
נאָר מען מוז זאָגען „כשר מאַכען", דען עס הערט און קען,
חלילה, האָבען בחנמ'דיג צער. אָבער נישט זי — אַ פיער־טויזענד־
יעהריגע נשמה־קולטור האָט אַרויסגערעדט פונ'ם מויל פון דער
אַלטעטשקער. און אָט אַזוי, זעהט איהר, בין איך אויפגעוואַקסען
און אַרויסגעטרעטען אין לעבען אַריין, און, מיט געפיהלען
אין האַרצען וועגען אַ „עליו השלום" בנוגע צו אַ פיש און
וועגען שעכטען אָדער כשר־מאַכען בנוגע צו אַ האָהן, האָב
איך געמוזט אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען הערען און זעהען,
ווי אין איין שטעדטעל קוילעט מען, מיר־נישט דיר־נישט,
6000 שטיקלעך מענשען. און אין אַ צווייטס צעשיעסט מען
אָהן אַ פאַרוואָס און אָהן אַ פאַר ווען, אַ דריי־פיער מנינים
בליהעדיגע לעבענס, גלאַט אַזוי צום שפאַס, לייכטער ווי מען
הרג'עט אַ פליעג אויף דער וואַנד — און איך בין געשטאַנען
און די קניהען האָבען געציטערט אונטער מיר. איך האָב
פראָסט נישט פערשטאַנען, איך וואָלט אַלץ וועלען דערגעהן,
וואָס עס טהוט זיך אָב ביי זיי אין דער נשמה. איך פער־
שטעה נישט זיי, פונקט אַזוי ווי זיי פערשטעהען נישט מיך.
צוויי פערשיעדענע קולטורען, צוויי פערשיעדענע פסיכיקען,
צוויי פערשיעדענע בעגריפס־וועלטען. און פערגיעסט מען
בלוט, מיין איך אַלץ, אַז עס מוז אויף יענעם פונקט דעמ־
זעלביגען איינדרוק מאַכען ווי אויף מיר — און דאָס איז
מסתמא דער טעות. דער מוח רעאַגירט ביי אַנדערע גאָר אַנ־
דערש. דאָס רחמנות־געפיהל און דאָס אייביגע יושר־עמפפינדען
איז וואַהרשיינליך, עפּעס זעהר אַ פערעלטערטע זאַך, עס זענען

רעשטלעך פון אַ פערגאַנגענער קולטור, וועלכע שטאַרבט=אָב ביסלעכווייז אין גאַנצען, און אָן וועלכער עס האַלט זיך מיט אַ מאָדנער עקשנות נאָר נאָך איין פעלקעל פון עטליכע מיליאָנען, ווערהענד די גרויסע גאַנצע וועלט איז שוין העט=העט ווייטער און האָט אַ נייע קולטור און לאַכט פון יענע אַלטע, נאַ= רישע סענטימענטען...

יושר ?... דער קאַמפף געגען די לוחות האָט זיך אָנ= געהויבען נאָך אין אַלטען רוים. די פּאָרטזעצונג איז געוועזען אין מיטעל=אַלטער. אין דער ניי=צייט האָבען די אַנדערע גע= זיעגט. ווער ווערט היינט נאָך רעדען וועגען יושר ווער וועגען רחמנות ? עפּעס איין אַלט קלאַפּער=געצייג, אַ געפיהלס=שווערמעריי, וועלכע ווערט אויסגעלאַכט. נאָר מיר אַליין, אומגליקליכע שאָ= טענס פון אַיין אַלטער צייט, מיט שאָטענס פון אַלטע, פער= זשאַוועטע, פון דער מאָדע אַרויסגעקומענע עשרת הדברות= בעגריפען, דרעהען זיך אַרום אויף אַ פרעמדע וועלט און שטע= רען אייגענטליך דעם גאַנג פון דער נייער קולטור — און דעריבער טאַקי האָט מען אונז אַזוי פיינד. מיר שטערען דאָך מיט אונזערע מאָראַל=תביעות דעם נאָרמאַלען גאַנג פון דער היסטאָריע. מיר קומען אַלעמאָל מיט תביעות, אַלעמאָל פון דאָס ניי מיט תביעות, און מיר האָבען זיך דעריבער צוגעגעסען — און דעריבער טאַקי האָט מען אונז אַזוי פיינד. קענען מיר נישט איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווערען שטיקלעך מענ= שען און דאָס אַלטע לאָזען שלאָפען ?

יושר ? — אַך, ווי טיעף שטעקען מיר נאָך אין איהם ! אפילו יענע ערשיינונג, וואָס דער איד האָט אָבגעגעבען אַזאַ גרויסען פּראָצענט אין די רייהען פון דער סאָציאַ= לער מלחמה, איז דאָך סוף=כל=סוף נאָר די פרוכט פון יענעם סובטילען יושר=געפיהל. דאָס רחמנות=עמפּפינדען האָט איהם געטריבען אין דעם קאַמפף אַריין. ער האָט פּראָסט נישט געקענט צוזעהען די אומגערעכטיגקייט, אַז דער איינער טייל זאָל לעבען אין איבערפלוס און דער צווייטער זאָל הונ= גערן. איך רעד נישט וועגען דעם וועג, וועלכען ער איז

דערביי געגאַנגען, און וועגען די מיטלען, וועלכע ער האָט דערביי אָנגעווענדט — דאָס איז שוין אַ נעבען־זאַך. און אויך דערפאַר האָט מען אונז פיינד געהאַט. מיר האָבען די נייע קולטור און דאָס נייע נשמה־לעבען נישט פערשטאַנען. מיר רעדען נאָך אַלץ וועגען יושר. רק יושר, רק יושר, רק יושר. מען קען פראָסט משוגע ווערען פון אונז!

צי מיר האָבען נאָך עפּעס אַ תקנה? — אפשר יאָ. ווען מיר וועלען, אם־ירצה־השם, האָבען איין אייגען לאַנד, און מיר וועלען דעם ערשטען פּאָגראָם מאַכען געגען אַנדערע, און מיר וועלען דעם ערשטען עלילת־דם אויסטראַכטען אויף אַנדערע, דאַן איז מעגליך, אַז מיר וועלען אויפגענומען ווערען אין דעם בונד פון אַלע גרויסע, מאָדערנע, קולטורעלע פעלקער. מען וועט איינזעהען, אַז מיר זענען ענדליך מיט פעלקער גלייך.

דאס „ווייסע הויז״.

און דאָס שוואַרצע — האָב איך שיער נישט געוואָלט מוסיף זיין. אָהן כּונה, פון זיך אַליין, גיסט זיך אַרויס פון אונטער דער פעדער דעם דאָזיגער געגענזאַץ. דאָס „ווייסע הויז״ רופט מען דאָס הויז אין וואַשינגטאָן, אין וועלכען דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַטען נאָרד־אַמערקא׳ס זיצט און רעגירט. דאָס שווארצע הויז הוף איך — אָבער אַ שוואַרץ הויז, נאטירליך, איז פאקטיש נישט פאַרהאן. נאָר דערמאנט מען דאָס „ווייסע הויז״, קומען איינעם נישט ווילענדיג אין זין אַריין פיעל אנדערע הייזער, און עס ווערט מיט איין מאָל אלעס אזוי שוואַרץ...

עס קלינגט כּמעט ווי איין איראָניע. אין איין און דער־זעלביגער נומר צייטונג לייען איך צוויי נאַכריכטען: איינע פון׳ם „ווייסען הויז״ און איינע פון „פּעטערבורג״. עס זעהט אויס, ווי עפּעס אַלץ וואָלט זיי האָבען אויף צו פלייס צוזאמענגע־בראכט. פון אַמעריקא לייען איך: דער פּרעזידענט טאפט דריקט אויס זיין שאַרפסטען פּראָטעסט און זיין כּעס, ווייל איין אמעריקאַנישער פּאָלקאָווניק האָט זיך ערלויבט, נישט צו דער־לאָזען אַ איד, אַ סאָלדאט, צום עקזאמען אלס אָפיצער, און ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט האָט דער דאָזיגער פּאָלקאָווניק גע־רעדט ווערטער, וועלכע זענען אַ בעליידיגונג פאר דעם גאנצען אידישען פאָלק. פּרעזידענט טאפט איז וועגען דעם מרעיש עולם

אין שרייבט אַ שאַרפען בריעף צום קריעגס-מיניסטער און מאַכט געוואלטען. „אלס הויפּט-קאָמאנדיר פון דער ארמעע און פונ'ם פלאָט, וועל איך בשום אופן נישט דערלאָזען, אז איין אָפיצער אין דער אמעריקאנישער ארמעע, מעג ער זיין ווער ער איז, זאָל זיך ערלויבען ארויסצוזאגען אזעלכע פאלשע און בעשרענקטע ראסען-פּאָראורטיילען געגען אידען". און דאן: „דער דאָזיגער פּאָלקאָווניק האָט נישט דאָס מאָראלישע רעכט אויסצונוצען דעם איינפלוס פון זיין אַמט און זיין שטעל צו אזעלכע זאכען, ווי נישט צו דערלאָזען דערדיענען זיך אלס אָפיצער איין ענערגישען, מוטיגען און טיכטיגען יונגען מאן, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַ איד". און באַלד דערויף: „אַזא מיינונג און אזא אויפפיהרונג זענען געגען די אידעאַלען און די פרינציפען פון אונזער לאַנד". און דאַן ווידער: „די פיהרונג פונ'ם דאָזיגען פּאָלקאָווניק ווייזט נישט נאָר אויף איין אונגע-רעכטען פּאָראורטייל, נאָר ווייזט אויך, אז ער איז נישט פעהיג ריכטיג אָבצושאַצען די פערדיענסטען און די מעלות פון אַ סאָלדאט". און דאַן גלאַט אזוי: „עס איז מיר שווער צו לייענען מיט גע-דולד און אָהן כעס די פערדראָסיגע ווערטער, וואס איז גלייכער, אז מען שרייבט זיי נישט, די ווערטער, וואָס דער פּאָלקאָווניק האָט וועגען דער זאַך אַרויסגעזאָגט". — און אין דערזעלביגער נומער צייטונג, וואָס איך לייען דאָס אלעס, לייען איך אויך: „פון אַ זיכערער פעטערבורגער קוועלע איז מען מודיע, אז די רוסישע אדמיניסטראַציע גרייט זיך שטאַרק דורכצופיהרען נייע בעשרענקונגען געגען אידען, און אויף דעם האָט זי שוין בעקומען אַ הסכמה, וועלכע איז אויסגעדריקט געוואָרען אין אַ רעזאָלוציע". און אַלס פרפראות צו דער דאָזיגער הויפּט-נאַכריכט, לייען איך אויך די נעבען-נאכ-ריכטען, ווי, למשל: „דער טאַבאָלסקער גובערנאַטאָר האָט פערבאָטען די אידישע סוחרים קומען אויף דעם גרויסען טיומענער יריד". און דאן: „אין פעטערבורגער פּאָליטעכניקום וועלען היינטיגעס יאָהר אַנגענומען ווערען נישט מעהר ווי צוויי אידען". און צום סוף גלאַט אַזוי: „אין קיעוו האָט מען גע-

מאכט אַנ׳אָביסק און מען האָט געכאַפּט פינף אידען אָהן וואָהנרעכט״... רבונו של עולם. ווי ווייט איז דאָס אלעס פונ׳ם „ווייסען הויז״!

איך האָב נישט ליעב אַמעריקא, און פון רוסלאַנד, פּער-שטעהט איהר דאָך פון זעלבסט, בין איך אַ הייסער פּאַטריאָט. אָבער זאָגט וואָס איהר ווילט — קומט עס צו זוזעלכע זאַכען, הענג איך אַראָב די אויגען און ווייס נישט, מיט וואָס איך זאָל מיין פאטערלאנד פערטיידיגען.

נאַטירליך, גיב איך מיר אַנ׳עצה: לאָזט מיך צורוה מיט אייער אַמעריקא! אַלעס איז דאָך דאָרט הומבוג, אַלעס בלוף, אלעס ביזנעס. מ׳שטיינסגעזאָגט, פאַר ווענען מען האָט זיך דאָ צו שעמען — פאר אזא פּרעזידענט טאפּט מיט דעם גראָבען בויך, וועלכער נעהמט אָן אין אוידיענץ אַ אידישען שריפט-שטעלער, ווי ראובן בריינין! די זאך איז דאָך פּשוט: דער דאָזיגער פּרעזידענט יאָגט זיך נאָך פּאָפּוליאַריטעט. ער וויל זיך כלומר׳שט מאַכען פאר אַ פאן-בראט מיט יעדען יאָקעל און יעקעל. עס וועט מיך גאָרנישט וואונדערען, ווען אַזא פּארשוין, בכדי צו ווערען פּאָפּולער, וועט אַ מאָל אַריינגעהן אויך אין אַ אידישען באַר אויף אַ גוט שטיקעל אידישע פיש, אָדער ער וועט אַריינפאַלען אין אַ אידיש טעאטער צום „פינטעלע איד״ און וועט קויפען אַ בלומעל פאר אַ אידישע דווע. ווען די פּאָליטיק פערלאַנגט דוקא דאָס — מהיכי תיתא. אַלעס איז פּאָליטיק. די גאנצע ליעבשאפט צו אידען איז פּאָליטיק. דאָס גאנצע אָננעהמען זיך פאר׳ן כבוד פון אַ אידישען סאָל-דאט איז פּאָליטיק. פון האַרצען, פונ׳ם טיעפען געהט עס נישט ארויס. לשם שמים מיינט מען עס נישט. הומבוג איז הומבוג, בלוף איז בלוף און ביזנעס איז ביזנעס און אזוי ווייטער. —

דאַגעגען ביי אונז אין רוסלאַנד: דאס וואָס מען זאָגט, מיינט מען. זאָגט מען, מען האָט פיינט דעם אידען, מיינט מען עס טאַקי מיט׳ן גאַנצען הארצען. קלאפּט מען אריין אַ טשוואָק אין אַ קאָפּ, קלאפּט מען איהם טאקי אריין ביז אויפ׳ן

גרונד. הרג׳עט מען אַ מענש, הרג׳עט מען איהם טאַקי ביז אויפ׳ן טויט. זאָגט מען עלילת־דם, מיינט מען טאַקי להשמיד ולהרוג. אָט דאָס הייסט אייןָ עהרליכע נאַטור. עהרליך, נעבעך, ביז אויפ׳ן גרונד. פון חכמות ווייס מען נישט. גרייט מען זיך שטאַרק דורכצופיהרען נייע גזרות אויף אידען, וועט מען זיי, נעבעך, עהרליך דורכפיהרען און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער. —

אָט אזוי פרוב איך ביי מיר אין האַרצען פערטיידיגען מיין ליעב רוסלאנד. איך מוז אייך אָבער זאָגען דעם אמת: זינט אַ קורצער צייט האָבען אָנגעהויבען געוויסע ספקות אין מיין מוח אַרומצוגריבלען. איך גלויב איינפאַך נישט אין די כשר׳קייט און די עהרליכקייט פון דער שנאה צו אידען. אָפט קומט פאָר, אז דאָס גאנצע איז אַ קאָמעדיע. מען האָט גאָרנישט פיינט דעם איד. נישט דאָס פאָלק האָט איהם פיינט, נישט די רעדעלפיהרער און נישט די רעגירונג. פון פאָלק איז אָבגערעדט; איך צווייפעל אָבער, אז אויך די „עכטע״ און אויך די רעגירונג מיינען עס גאָרנישט אַזוי עהרליך, אז דער איד איז טאַקי שעדליך. אלא וואָס דען זענען די אלע רדיפות און בעשרענקונגען און גזרות? די פאָליטיק פערלאנגט עס. אלעס איז פאָליטיק, אלעס איז געשעפט, אלעס איז פארטיי־זאַך. האָט מען צו אונטערדריקען אַ רעוואָלוציע — זעלבסטפערשטענדליך, איז דאַן גאַנץ גוט, אז מען זאָל זיך נעהמען צום איד און מען זאָל דעם בייגעל אויף איהם ארויפלעגען. שטעהט די פארטיי פון די עכט־רוסישע אַ ביסעל שמאָל אין זייער איינפלוס און זייער אָנזעהען שווינדעט -- זעלבסטפערשטענדליך, איז דאן גאנץ גוט, אז מען זאָל מאַכען אַ עלילת־דם. האלט עס פאר די וואהלען צו אַ פיערטער דומע און מען האָט מורא, עס זאָלען נישט אַריינקומען די לינקע עלעמענטען — זעלבסטפערשטענדליך, איז דאן גוט דורכצופיהרען נייע גזרות אויף אידען. דאָס אלעס איז דאָך אזוי פשוט און קלאָר.

אלעס איז פּאָליטיק. נאָר ווען שוין פּאָליטיק — איז נישט די פּאָליטיק פון אמעריקא אַ ביסעל סימפּאטישער ? איך זאָג אייך דעם אמת : ווען שוין — וועט יעדער פון אונז זיך ליעבער ווינשען די אמעריקאנישע פּאָליטיק פון דער ליעבע, די גנבה׳שע ליעבע, איידער די גנב׳שע שנאה. שרייען גוואלד, ווייל אַ אידישער סאָלדאט ווערט נישט קיין אָפיצער, איז פּאָרט אנגענעהמער צו הערען, ווי שרייען גוואלד, אז אלע אידען מוזען אויסגעקוילעט ווערן. עס איז שוין אזוי די טבע פון׳ם נארישען מענשען.

מענדעלע מוכר ספרים

(שלום יעקב אבראמאָוויטש)

אַלע ווערק אין 20 בענדער (3250 זייטן)

פאַרלאַג „צענטראַל“, ווארשע

מענדעלע מו״ס איז דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, אויף זיינע ווערק זענען אויפגעוואַקסן דורות. פאַרגאַנגענע תקופות פון אונזער לעבן זענען פאַרהיט אין זיינע ווערק. קאָנט איר נישט מענדעלען, איז פאַר אייך פאַרהוילן אונזער גאַנצע פאַרגאַנגענהייט מיט אירע אַלע טיפּן, מנהגים, לעבנס-שטייגער און פאַרהעלטעניש.

מענדעלעס די קליאַטשע, די טאַקטע, דאָס קליינמענטשעלע, דאָס ווינטש-פינגערל, דער פריזיוו, בעמק הבכא, מסעות בנימין השלישי, פישקע דער קרומער א. אַנד. זענען פון די ווערק, וואָס ווערן גאָר קיינמאָל נישט אַלט. ווי עלטער חיין, ווערן די ווערק וואָס ווייטער אַלץ חריפותדיקער און שטאַרקער.

מענדעלעס ווערק דאַרף מען שטודירן און לערנען.

אין די צוויי בענדער „קריטיק“ און זכרונות וועגן מענדעלען האָט דער לעזער גענויע אָפּהאַנדלונגען און גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן דעם קינסטלער און מענטש מענדעלע מו״ס.

קיין שום יידישער לעזער קאָן זיך נישט באַגיין אָן מענדעלעס ווערק.

עס איז דער פונדאַמענט פאַר דער מאָדערנער יידישער ביבליאָטעק.

יעקב דינעזאָן

אַלע ווערק אין 10 בענדער

פאַרלאַג „אחיספר“ וואַרשע.

ווער פון די יידישע לעזער האָט נישט געהערט פון זיינע עלטערן אָדער פון זיינע עלטערע שוועסטער און ברידער וועגן דעם געוואַלדיקן רושם, וואָס י. דינעזאָנס „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק“, „אבן נגף“, „יאָסעלע“ און „הערשעלע“ האָט אויף זיי געמאַכט. דינעזאָנס ווערק זיינען בשעתּו פאַרשפּרייט געוואָרן אין צענער טויזנטער עקזעמפּלאַרן און זיי געלייענט געוואָרן מיט דעם זעלבן פּיעטעט און ליבע, ווי אַמאָל די „צאינה וראינה“. אָבער שוין אַ צייט מיט יאָרן, ווי די ווערק זענען נישטאָ אויפן ביכער-מאַרק. דער היינטיקער לעזער וועט מיט פרייד אויפנעמען די בשורה, אַז די ווערק פון דעם אמתן ליבהאַרציקן פאָלקסשרייבער וועלן זיך איצט ווידער באַווייזן אין פאַרקויף, שיין געדרוקט און מיט די נויטיקע הקדמות וועגן די ווערק.

יעקב דינעזאָן איז געווען דער שעפער פון יידישן ראָמאַן. ער האָט געגעבן דעם שפּאַנענדן יידישן ראָמאַן מיט אָן אַ שיעור האַרציקע טיפליידנדע און אויפריכטיקע טיפּן, וואָס זענען שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן צווישן דעם ברייטן מאַסן-לעזער. די טיפּן, וואָס י. דינעזאָן האָט געשילדערט, זענען געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן ביים עולם, און דער יידישער לעזער האָט נישט ווייניק טרערן פאַרגאָסן אויף זייער גורל.

איצט וועט דער לעזער באַקומען די מעגלעכקייט צו געניסן פון דינעזאָנס ווערק.

עס וועלן אין קורצן ערשיינען אַלע ווערק פון י. דינעזאָן, די פריערדיקע ווי אויך נייע, ביזאַהער נישט-פאַרעפנטלעכע.

VI 1942:240

פֿאַרלאַג „אחיספר" וואַרשע

פאַרקויף געז. „צענטראַל" וואַרשע, נאָוואָליפּקי 7

Tow. Wyd. „CENTRAL" Warszawa, Nowolipki 7.